STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05681

IN DER VELT FUN GEZANGEN

Moissaye J. Olgin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין דער וועלט פון געזאַנגען.

אַ בוך וועגען פּאעזיע און פּאָעטען

פון מ. אָלגין.

ארויסגעגעבען פון „פּאַרוועַרטס“
175 איסט בראַדוויי
.1919

געווידמעט מ. ר. ה.

אינהאלט.

ליטעראַרישע ריכטונגען און ליטעראַרישע ווערטען:

פּײדזש

1. דעקאַדענטען און סימבאָליסטען — — — — — — — 9
2. אַלטע און נייע ליטעראַרישע פאָרמען — — — — — — 15
3. „איך פערשטעה ניט"... — — — — — — — — 24
4. אינהאַלט און פאָרם — — — — — — — — — — — 36
5. „פון פּראָלעטאַרישען שטאַנדפּונקט" — — — — — 41
6. בילדונג און דיכטונג — — — — — — — — — 47

וועגען ליעדער אין אַלגעמיין:

1. סימבאָל און ריטם — — — — — — — — — — — 57
2. שפּראַך און אינהאַלט — — — — — — — — — — 64
3. די נשמה פון א ליעד — — — — — — — — — — — 74
4. ליעדער אָהן א נשמה — — — — — — — — — — 82
5. טענדענץ און קונסט — — — — — — — — — — — 88

אידישע ליריקער:

ש. פרוג — — — — — — — — — — — — — — — 99

מאָררים ראָזענפעלד — — — — — — — — — — — 129

פּרץ דער ליריקער — — — — — — — — — — — — 143

א. ליעסין — — — — — — — — — — — — — — 157

ח. נ. ביאַליק — — — — — — — — — — — — — 172

יהואש — — — — — — — — — — — — — — — 186

אברהם רייזען — — — — — — — — — — — — — 219

דוד איינהאָרן — — — — — — — — — — — — — 243

י. ראָלניק — — — — — — — — — — — — — — 258

ש. י. אימבער — — — — — — — — — — — — — 267

מאַני לייב — — — — — — — — — — — — — — 273

ראבינדראנאטה טאַגאָר — — — — — — — — — — — 297

ליטעראַרישע ריכטונגען

אונ

ליטעראַרישע ווערטהען

ליטעראַרישע ריכטונגען און ליטעראַרישע ווערטהען.

I.

דעקאַדענטען און סימבאָליסטען.

סימבאָליזם און דעקאַדענטיזם! — ווי אָפט קומט אויס צו הערען די דאָזיגע ווערטער אין דער אידישער ליטעראַרישער קריטיק. ניט ווייניג האָבען מיר געלייענט וועגען די חסרונות פון אָט די ריכטונגען; פאַראַן ביי אונז אפילו אַזוינע פובליציסטען, וואָס דאָס וואָרט „דעקאַדענט" איז ביי זיי גלייך צו אַ שימף-וואָרט. אָבער זעלטען געפינען מיר אַזאַ קריטיק, וואָס זאָל זיך ערנסט אָבגעבען מיט דער פראַגע: וואָס איז אַזוינס דעקאַדענטיזם און סימבאָליזם און אין וואָס בעשטעהט זייער אונטערשיעד פון אַנדערע ריכטונגען אין דער קונסט.

וויל מען זיך ניט בעגנוגענען מיט פראַזען, וועלכע גליטשען נאָר אויף דער אויבערפלאַך פון דער פראַגע און ריהרען ניט אַן איהר עצם, איהר תוך, — מוז מען זיך אָפּגעבען אַ קלאָהרען דין וחשבון וועגען דעם, וואָס פאַר אַ ערשיינונג ווערט דאָ אַרומגערעדט, אין וואָס בעשטעהט איהר פסיכאָלאָגישער גרונד און איהר סאָציאַלע בעדייטונג, וואָס פאַר אַן אָרט פערנעהמט זי צווישען די איבעריגע קולטור-ערשיינונגען פון אונזער צייט. נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען געווינען אַ מאַסשטאַב צו אורטהיילען וועגען דעם ווערטה פון פערשיעדענע קונסט-ווערק און אַ מעגליכקייט צו שעצען די פערשיעדענע „קריטיקער" יעדען ווי איהם קומט.

די סימבאָליסטישע און דעקאַדענטישע ריכטונגען ווערען געװעהנליך בעצייכענט מיט איין נאָמען „מאָדערניזם“. פאראן אזוינע קריטיקער, װעלכע זיינען זיך נוהג צוצוקלעפּען צו מאָדערניזם אויך „מיסטיציזם“ און „ראָמאַנטיזם“ — כדי עס זאָל אויסקומען האַרבער. מיר װעלען פונדעסטוועגען אויף די לעצטע צוויי בעגריפען זיך ניט אָפּשטעלען — ערשטענס, ווייל דאָס זיינען מעהר פילאָזאָפישע, איידער ריין ליטעראַרישע ריכטונגען, צווייטענס, ווייל זיי זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם „מאָדערניזם“. מיסטישע שטימונגען געפינען זיך אין די פּאָעטישע ווערק ניט נאָר פון די „יונגע“. פראַגען װעגען דעם װאָס עס טהוט זיך אויף „יענער זייט“ ערפאַהרונג, אויף יענער זייט פון דער רעאַלער וועלט, ווערען בעהאַנדעלט, צום ביישפּיעל, אין די פּאָעטישע ווערק פון לעוו טאָלסטאָי, וועלכען קיינער וועט, דאַכט זיך, ניט האַלטען פאַר אַ דעקאַדענט. טאָלסטאָי׳ס העלדען, קען מען זאָגען, זיינען אַלע קראַנק פון אָט די שטימונגען און אָט די „פערשאָלטענע“ פראַגען. און בנוגע צום ראָמאַנטיזם, איז ער יעדענפאַלס נישט קיין קינד פון דער „מאָדערניסטישער“ ליטעראַטור. ווער ווייסט דאָס ניט, אַז ער איז אין אָנפאַנג פון נײנצעהנטען יאָהרהונדערט געוועזען די הערשענדע ריכטונג אין ליטעראַטור (און אין פילאָזאָפיע) פון דייטשלאַנד, און פון דאָרט האָט ער זיך פערשפּרייט אין אַ רייהע אַנדערע לענדער. אויך די רוסישע ליטעראַטור האָט איבערגעלעבט איהר ראָמאַנטישען פּעריאָד. וואָס-וואָס — ניי איז דער ראָמאַנטיזם געוויס ניט.

וועט מען אפשר ענטפערען: יאָ, דאָס איז אמת, אַז די מאָדערניסטישע ליטעראַטור האָט גאָר ניט אויפגעטהאָן קיין נייעס. אַז די פראַגען, װעלכע בעשעפטיגען זי, בעגעגענען מיר אין אַנדערע ליטעראַרישע ריכטונגען. װאָס דען, עס װענדעט זיך, ווי ווערען די פראַגען בעהאַנדעלט, מיט וואָסערע מ י ט ל ע ן און אויף וואָסערע װ ע ג ע ן דער מאָדערניזם געהט צו צו די גרונדפּראָבלעמען פון׳ם מענשליכען גייסט. די דאָזיגע מיטלען און די דאָזיגע װעגען כאַראַקטעריזירען דעם מאָדערניזם — אין דערין ליגט זיין אונטערשיעד פון אַנדערע ריכטונגען.

אין אַזאַ ענטפער וועט ליגען אַ גרויסער שטיק אמת. צו

האָט דער מאָדערניזם ניט אויפגעטהאָן קיין נייעס — וועגען דעם וועלען מיר דערווייל ניט רעדען. יעדענפאַלס איז דאָס נייע אין איהם ניט דער מיסטיציזם און ניט דער ראָמאַנטיזם; עס איז געגנוג פאַר איהם די צוויי אַנדערע בעגריפען: סימבאָליזם און דעקאַדענטיזם; ס'איז אין זיי אַליין אויך שוין גענוג דונקעלהייט און אַ גענוגער פּלאָנטער, און מאַכען זיי נאָך טונקעלער און נאָך פערפּלאָנטערטער אָהן אַ בעזונדערען גרונד איז ניטאָ וואָס.

כדי צו מאַכען קלערער די פראַגע, מוזען מיר אָבער אויף דעם סימבאָליזם אָבטהיילען פון דעם מאָדערניזם, וואָרים ניט אין איהם ליגט דער קערן פון די נייע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור.

וואָס איז אַ סימבאָל? ווען אַ מענש וויל רעדען פון אַ זאַך און רופט זי ניט אָן ביי דעם ריכטיגען נאָמען, נאָר ער רעדט וועגען איהר פערשטעלט — האָבען מיר דערינען שוין אַ שטיק סימבאָל. ווען דער דיכטער זאָגט אין תהלים: „שבולת המים שטפתני" — דער וואַסער־שטראָם האָט זיך איבערגעגאָסען איבער מיר, און מיינט דערמיט ניט קיין אמת'ע וואַסער און ניט קיין אמת'ן שטראָם, נאָר די צרות, די ליידען וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, — איז דער וואַסער־שטראָם אַ סימבאָל פאַר זיינע ליידען. ווען מיר זאָגען אין געוועהנליכען לעבען: „ער פליהט אין הימעל אריין" און מיינען דערמיט, אַז אימיצער איז זעהר פרעהליך, זעהר אויפגעלעבט. איז דאָס פליהען ניט קיין אמת'ע פליהען, נאָר אַ סימבאָל, און ווען אַ אידענע שילט די אַנדערע און זאָגט: „ס'זאָל אויף דיר אָנקומען אַ שוואַרץ יאָהר", — מיינט זי ניט אַזאַ יאָהר, וואָס איז אָבגעפאַרבט מיט שוואַרצע פאַרב, און מיינט בכלל ניט קיין יאָהר: דער „שוואַרץ יאָהר" איז ביי איהר אַ סימבאָל פאַר דעם שלעכטס. וואָס זי ווינשט עס זאָל אָנקומען אויף דער אַנדערער אידענע.

אָהן סימבאָלען קען זיך קיין שום פּאָעזיע ניט בעגעהן, און די סימבאָלען זיינען אַזוי אַלט, ווי די פּאָעזיע אַליין. דער תנ"ך, בעזונדערס די נביאים, זיינען פול און פול מיט די פּרעכטיגסטע סימבאָלען, מיט די אויסגעצייכענטסטע בילדער. די שטאַרקע ווירקונג פון די נביאים אויף די לעזער ערקלעהרט זיך אין אַ גרויסען גראַד מיט זייער פערעלדיגער בילדער־שפּראַך. זיי בעזיצען ניט נאָר איינצעלנע קורצע סימבאָלען, — ס'זיינען פאַראַן ביי זיי גאַנצע

פּאָעטישע ווערק, וועלכע זיינען פון אָנהויב ביז'ן סוף איין סימבאָל. יחזקאל הנביא שילדערט אַ פּרעכטיגען זעגעל־שיף, מיט זיינע מאַסטען, מיט זיינע שטריק, מיט זיינע לייטערס, מיט דער גאַנ־צער שעהנקייט און הערליכקייט פון אַ גרויסען ים־שיף — און מיינט ניט דערמיט דעם שיף, נאָר די מלוכה צור, וועלכע איז געלעגען ביים ברעג פון'ם ים און האָט געוועלטיגט מיט איהרע שיפען איבער'ן ים. און ביי'ם נביא יואל איז פאַראַן אַ שילדערונג, ווי דער היישעריק קומט אָן אויף אַ לאַנד, ווי ער פערפלייצט די פעלצער, פערשפּרייט זיך אין די גערטנער און מאַכט פון אַ בליה־ענדען לאַנד אַ וויסטען טרויעריגען מדבר. די שילדערונג איז איינע פון די שטאַרקסטע אין דער אַלל־וועלטליכער ליטעראַטור, זי לאָזט איבער אַזאַ איינדרוק, וועלכער פערשווינדעט שוין קיינמאָל ניט. און מיינען מיינט דער דיכטער ניט דעם היישעריק, נאָר די פיינד, וועלכע וועלען אָנקומען אויף יהודה, אויב דאָס פאָלק וועט זיך ניט אומקעהרען פון זיין זינדיגען וועג. דאָס קאַפּיטעל פון יואל איז דער ריינסטער, דער גלייטערטסטער סימבאָליזם.

ס'אי כדאי צו וואַרפען נאָר אַ קורצען בליק אויף דעם ערשטען בעסטען פּאָעטישען ווערק, צו וואָס פאַר אַ צייט און צו וואָס פאַר אַ פאָלק עס זאָל ניט געהערען, — כדי צו דערזעהן אין איהם אַ גאַנצען אוצר פון סימבאָלען. דער אַלטער אידישער דיכטער יהודה הלוי רעדט מיט אַ שפּראַך פון לויטער סימבאָלען. אַלע פאָלקס־לעגענדען, אַלע קינדערשע מעשיות, אַלע רעטעניששען זיינען צום גרעסטען-טהייל סימבאָליש. אין דער נייער אידישער („זשאַרגאָ־נישער") ליטעראַטור געפינען מיר גאַנצע ווערק, וואָס זיינען סימ־באָלישע פון אָנהויב ביז'ן סוף. אין מענדעלע מוכר־ספרים'ס „קליאַטשע" רעדט זיך די גאַנצע צייט וועגען אַ פערדעל און וועגען די געשעהעניסען, וואָס טרעפען זיך איהם. אויפ'ן ערשטען בלע־טעל פון „דער קליאַטשע" האָט דער פערפאַסער געשריבען „לססתי ברכבי פרעה דמתיך רעיתי", צו אַ קליאַטשע אין דעם רייט־וואָגען פון פּרעה'ן האָב איך דיך צוגעגליכען, כנסת ישראל; די קליאַטשע איז ביים דיכטער אַ סימבאָל פאַר'ן אידישען פאָלק.

שלום אש בעשרייבט אין זיין „שטעדטעל", ווי אידען האָבען געדאַווענט אין וואַלד:

„ביי יעדען בוים אַ נשמה, און יעדע נשמה, וואָס איז הינ־טער זיין בוים געשטאַנען, האָט פאַר זיין בוים געבעטען, און מיט דער ברכה האָט מען דעם תקון אויף דעם גרינס געזעהן... אַלץ ארום האָט געדאַוועט, געבעטען און געדאַנקט גאָט, און דער הי־מעל האָט זיך דערנעהענטערט צו דער ערד, די ערד — צום הי־מעל... און די קולות האָבען זיך אויסגעמישט, עס איז געוואָרען איינס. אַלץ האָט זיך בעהאַפטען, און עס איז געוואָרען איין תפלה, איין הארץ, איין נשמה. און דאָרט טיעף אין וואַלד איז די שכינה צווישען די בוימער אויסגעצויגען און דאַוועט מיט...“

עס איז קלאָהר, אז דער שרייבער מיינט ניט פּינקטליך דאָס וואָס ער שרייבט. ער מיינט ניט, אז דער הימעל האָט זיך אראָפּ־געלאָזט צו דער ערד, ער מיינט ניט, אז מען זעהט אויף די גרעזער דעם תקון, ער מיינט ניט טאַקע באמת, אז די שכינה האָט זיך אויסגעצויגען צווישען די בוימער. דאָס זיינען אַלץ ס י מ ב אָ־ל ע ן. כדי צו שילדערען די שטימונגען פון אַן עדה אידען, וועלכע דאַוועט מנחה אין וואַלד און וועלכע פיהלט איהר נאָהענטקייט צו דער נאַטור. דאָס זיינען אַלץ מ י ט ל ע ן, כדי צו אויס־מאָהלען דאָס, וואָס דער דיכטער האָט געזעהן און זיך פאָרגעש־טעלט. אָ ה ן אַזוינע מיטלען וואָלט ער ניט געקענט אויסקומען. מיט פּשוט'ע בעגריפען, מיט ניכטערע ווערטער וואָלט אויסגע־קומען ניט קיין לעבעדיג בילד, נאָר אַ טויטע, קאַלטע בעשרייבונג.

אַ פּאָעטיש ווערק מ ו ז זיך בענוצען מיט סימבאָלען. אַ פּאָעטיש ווערק וויל שטענדיג פאָרשטעלען אַ א י י נ צ ע ל נ ע זאַך, ניט קיין אַלגעמיינע, אַן איינצעלנע בילד, אַן איינצעל גע־פיהל, אַן איינצעלנע שטימונג. ווען איינער זאָגט: „דער מענש איז געווען אין כעס“, איז כעס דאָ אַ ב ע ג ר י ף, אונטער'ן וואָרט כעס פערשטעהט מען דאָ דאָס אַ ל ג ע מ י י נ ע, וואָס ס'געפינט זיך אין יעדען כעס־געפיהל. ווען מען זאָגט: „עס שטעהט אַ קאַרשען־בוים“ מיינט מען דאָ דאָס אַלגעמיינע, וואָס ס'איז דאָ אין אַלע קאַרשען בוימער. פאַר'ן קינסטלער איז דאָס ניט גענוג. ער דאַרף פאָרשטעלען ו ו י איז דער מענש אין כעס, ו ו י זעהט אויס דער קאַרשען־בוים, וואָס פאַר אַ שטימונג דער קאַרשען־בוים רופט ארויס אין איהם. די דיכטערישע ארט

שרייבען איז דעריבער אַ היפּוך פון דער וויסענשאַפטליכער. די וויסענשאַפט רעדט מיט בעגריפען, די אויפגאַבע פון דער וויסענשאַפט איז — אויסצואַרבייטען קלאָהרע און דייטליכע בע־גריפען. די קונסט רעדט מיט בילדער, מיט סימבאָלען. די וויסענשאַפט צוגלידערט די איינצעלנע זאַכען, כדי צו געפינען אין זיי דאָס אַלגעמיינע, די קונסט נעהמט די זאַך אין גאַנצען, מיט אַלע איהרע קאָנקרעטע אייגענשאַפטען, אין דער גאַנצער פער־שיעדענאַרטיגקייט פון איהרע סמנים. די וויסענשאַפט זאָגט, וואָס איז זי די אָדער יענע זאַך, די אָדער יענע ערשיינונג. די קונסט זאָגט, ווי איז זי, ווי ווירקט זי אויף אונז, וואָס לע־בען מיר איבער בנוגע דער זאַך אָדער ערשיינונג. און דאָ זיינען סימבאָלען דאָס אונפערמיידליכע געצייג.

געטהע זאָגט אין „פאַאוסט“:

„...וואו בעגריפען פעהלען,

דאָרט שטעלט אַ וואָרט צור רעכטער צייט זיך איין“.

בנוגע צו דער וויסענשאַפט איז דאָס דער גרעסטער פעהלער. בנוגע צו דער קונסט איז דאָס גאָרניט אַזוי שלעכט. קעהרט אי־בער דעם פּסוק און זאָגט: „וואו בעגריפען פעהלען, דאָרט שטעלט אַ בילד צור רעכטער צייט זיך איין“, — וועט איהר האָבען זעהר אַ ריכטיגען אַלגעמיינעם כלל פאַר דער קונסט.

עס איז קלאָהר, אַז ניט דער „מאָדערניזם“ אַליין טראָגט אויף זיך די שולד פון סימבאָליזם. די נויטווענדיגקייט פון סימ־באָליזם ליגט אין דער מענשליכער פּסיחיק. עס איז דעריבער דער גרעסטער פעהלער צו פערשטעהן אונטער „מאָדערניזם“ די דע־קאַדענטישע און סימבאָליסטישע ריכטונג. די מאָדערנע, ווי יעדע אַנדערע ליטעראַטור, נוצט אויס דעם סימבאָליזם, ער איז ביי איהר אַ געצייג, אַ מיטעל, גלייך מיט אַנדערע מיטלען. אפשר וועט זיך ארויסווייזען, אַז זי בענוצט דעם סימבאָליזם אַנדערש, אַז די סימבאָלען פון דער נייער ליטעראַטור זיינען פער־שיעדען פון די סימבאָלען, וואָס מען האָט פריהער בענוצט. דאָס ווערען מיר שפּעטער זעהן. יעדענפאַלס איז דאָ ניטאָ קיין גרונד צו רעדען וועגען אַ בעזונדערער ריכטונג, אַ חוץ דער דעקאַדענטישער.

אונטער'ן וואָרט „מאָדערניזם“ בלייבט אונז, אלזאָ, נאָר דער בעגריף ד ע ק א ד ע נ ט י ז ם.

II.

אלטע און נייע ליטעראַרישע פאָרמען.

איך מוז זאָגען פון אָנפאַנג אָן, אז גענוי בעשרייבען, וואָס איז אזוינס דער דעקאַדענטיזם איז ניט אזוי לייכט. דאָס איז איינער פון די פערפלאָנטערטסטע, פערשוואומענסטע בעגריפען, וואו יעדערער לעגט אריין אַן אנדער אינהאַלט. אם מייסטען בענוצט מען זיך מיט דעם וואָרט, ניט וויסענדיג גענוי, וועגען וואָס מען רעדט.

כדי וויפיעל ניט איז צו בעשטימען דעם דאָזיגען בעגריף, מוז מען פאר אלעמען אונטערשיעדען צווישען דעקאַדענטישער פ אָ ר ם און דעקאַדענטישען א י נ ה א ל ט. לויט דער פאָרם איז דער דעקאַדענטיזם — אַ קונסט־ריכטונג. לויט דעם אינהאַלט — א פילאָזאָפישע און סאָציאלע ריכטונג (גענויער: אַ רייהע ריין־פילאָזאָפישע און סאָציאל־פילאָזאָפישע שטימונגען), אויסגע־דריקט אין אַ פּאָעטישער פאָרם. וועגען דעקאַדענטישען אינהאלט וועט אונז אויסקומען צו רעדען שפּעטער, דערווייל ווילען מיר נור בעמערקען ערשטענס, אַז דער דעקאַדענטישער אינהאַלט נעהמט זיך פון א בעשטימטער אַלגעמיינער וועלט־אנשויאונג, צווייטענס — אַז דעקאַדענטישער אינהאַלט איז ניט דוקא צוזאמענגעבונדען מיט דעקאַדענטישער פאָרם. דעקאַדענטישע אידעען און שטימונ־גען קענען זיין אויסגעדריקט אין אַ געוועהנליכע, לויט דער פאָרם, גאָר ניט קיין מאָדערניסטישע ווערק, און ווידער צוריק בעגעגענען מיר, אַז אידעען, וואָס האָבען מיט דעקאַדענטישע גאָר ניט קיין שייכות, ווערען אָפט אויסגעדריקט אין אַזאַ פאָרם, וועלכע מען רופט געוועהנליך „דעקאַדענטיש“. אָט דעם אונטערשיעד צווישען אינ־האלט און פאָרם פערשטעהען ניט, ליידער, זעהר פיעלע פון די קריטיקער און דערפון נעהמען זיך ביי זיי אַ סך פעהלער.

וואָס־זשע איז אזוינס די דעקאַדענטישע פאָרם?

איך נעהם איינעם פון י. ל. פּרץ'עס ליעדער: „פיער שטימען".

I.

ס'איז ווער ערגעץ אָפּגעגאַנגען
און זיין ציטער־בילד געפאַנגען
האלט א וואסער־שפּיעגעל —
קומט די קאן און שעפּט...

II.

און דער וויין איז אויסגעגאַנגען,
אין א ריץ פון ערדען־קריגעל
האָט א טראָפּען זיך בעהאלטען —
און ווערט אויסגעוועפּט.

III.

לאַנג פערהילעכטע געזאַנגען!
פון געזאַנג
האָט זיך לענגער אויפגעהאלטען
א יתום־קלאַנג,
טהויט ער אויף, ברומט —
און פערשטומט...

IV.

א זון איז אונטערגעגאַנגען,
פון אָבגלאַנץ רויטעלט זיך לייכט
א נעבעל־זוים
און פערבלייכט.
און פערשוואונדען איז דער טרוים...

דאָס דאָזיגע ליעד קען, נאָך מיין מיינונג, דיענען אַלס ביי־שפּיעל פון א דעקאַדענטישער פאָרם. איך בין זיכער, אז זעהר פיעלע „דעקאַדענטען־פרעסער" וואָלטען מיט פערגעניגען אויס־געשטעלט דאָס ליעד פאַר א בעווייז, ווי אומגעלומפּערט עס שריי־

בען די „גייע“. מסתמא וואָלטען זיי פּאָר אַלעמען אַנגעהויבען דעם געוועהנליכען מזמור: „סטייטש, איך פערשטעה ניט, מען דאַרף דערצו האָבען אַ רבי'ן מיט אַ טייטעל“, א. ז. וו.

נאָר דאָס אגב אורחא. וועגען „פערשטענדליכקייט“ וועט אונז נאָך אויך אויסקומען צו רעדען. איצט לאָמיר פאַר אַלעמען זעהן זיך קלאָהר מאַכען דעם געדאַנק פון דער ליעד און בעגרייפען, וואָס איז דער אונטערשיעד פון די „פיער שטימען“ צו אַנדערע, ניט דעקאַדענטישע ווערק.

אויף וויפיעל מען קען דעם אינהאַלט פון אַ פּאָעטישען ווערק איבערגעבען אין פּראָזע, איז דער הויפּט־מאָטיוו פון די „פיער שטימען“ — דאָס פערשווינדען, דאָס ניט־בלייבען, דאָס אונטערגעהן פון אַזוינע זאַכען, אַזוינע שטימונגען, וועלכע זיינען אַמאָל געווען טהייער און ליעב. ס'איז אימיצער געשטאַנען ביים טייך, זיין בילד האָט זיך ציטערדיג אָפּגעשפּיעגעלט אויף דער גלאַטער אויבערפלעכע פון דעם וואַסער. אליין איז ער שוין אַוועק, נאָר זיין ציטער־בילד איז נאָך, דאַכט זיך, אויף איין קורצער רגע געבליבען. „קומט די קאַן און שעפּט“. דאָס וואַסער ווערט געררודערט. פערשוואונדען דאָס בילד. ניטאָ, ניטאָ. דאָס אייגענע אין דער צווייטער סטראָפע. געווען אין קריגעל וויין און אויסגעגאַנגען. איין איינציגער טראָפּען, דער לעצטער טראָפּען פון דעם גאַנצען קריגעל וויין, האָט זיך בעהאַלטען אין אַ ריץ. די לעצטע ערינערונג, דער לעצטער שפּור פון אַמאָליגען ליכט, פון אַמאָליגען לעבען. עס בלייבט אָבער אויך ניט. דער טראָפּען ווערט אויסגעוועפּט. אַלצדינג פערשווינדעט, אַלצדינג ווערט פערגאַנגען. עס פערקלינגען די לעצטע טענער, ס'פערבלייכט דער לעצטער אָבגלאַנץ פון דער פערגאַנגענער זון, און די שלום־שורה קלינגט ווי דער טרויעריגער סך־הכל פון אַ גאַנצען אָבגעלעבטען לעבען. ווי דער לעצטער אַקאָרד פון אַ טרויער־געזאַנג:

„און פערשוואונדען איז דער טרוים“...

די גרונד שטימונג פון דעם ליעד איז בעצם ניט נייע. וועגען דעם, אַז „אַלצדינג פליסט“ האָבען פיעלע פּאָעטען געשריבען, פיעלע דיכטער געזונגען. וועגען דעם וועלען נאָך זינגען און דיכטען די מענשען לאַנגע יאָהרען — אַזוי לאַנג ווי אין דעם מענשען'ס ברוסט

וועט זיך בעוועגן א בענקשאפט נאך די פערגאנגענע טעג, נאך די פערשוואונדענע טרוימען. דער געדאנק פון דעם ליעד איז ניט נייע, דער אינהאלט איז בכלל ניט „מאדערניסטיש“. אין וואס־זשע בעשטעהט דער מאדערניזם, דער דעקאדענטיזם פון דעם דאז׳יגען „דעקאדענטישען“ ווערק?

איך דערמאן מיך אן אנדער ליעד מיט א גלייכער שטימונג (אויך וויפיעל עס קען איבערהויפט זיין א פערגלייכעניש צווישען צוויי פאעטישע ווערק). געשריבען האט דאס מררים ראזענפעלד — א דיכטער לכל הדעות ניט קיין דעקאדענט. הייסען הייסט עס „זכרונות“:

חנ׳עוודיגע יוגענד מיינע,
חלומ׳דיגער שטראם!
אך, ווי האסטו אויסגעטריקענט!
כ׳זעה פאר זיך דעם תהום...
איז ניט מעגליך האטש פון ווייטען
דארט צו טהאן א בליק?
נאר א בליק אויף יענע צייטען,
יענעם שעהנעם גליק?

אונטער דעם זעלביגען טיטול „זכרונות“ איז פאראן ביי ראזענפעלד׳ן נאך א ליעד:

זיסע, שעהנע, ליעבע קינדהייט,
ווייט ביזטו פון מיר!
מיין נשמה, מיין פאנטאזיע
טרוימט נאר וועגען דיר.
ווי א שאטען ביזטו, קינדהייט,
ווי א רויך, וואס פליהט,
ווי א בליץ געשווינד אנטלויפסטו
און מען זעהט דיך ניט.
שוועבסט נאר אום אין מיין זכרון
ווי א זיסער טרוים,
איך דערמאן זיך — און מיר וויינט זיך,
און מיר גלויבט זיך קוים.

דער גערדאַנק איז ביי ראַזענפעלד'ן, דוכט זיך, דער זעלבער, וואָס ביי פּרץ'ן. ביי פּרץ'ן איז ער נאָר אַן אַלגעמיינער, ביי ראַזענפעלד'ן רעדט זיך וועגען איין בעשטימטען מאָמענט — וועגען דער קינדהייט, אָבער מיינען מיינט ער אויך מעהר אַלגעמיין — די פערשוואונדענע טעג; דערויף ווייזט שוין דער טיטול אַליין — „זכרונות“. אַזוי איז, דאַכט זיך, אין די בילדער פאַראַן אַ גלייכעניש צווישען ראַזענפעלד'ן און פּרץ'ן: ביי איינעם אַ „ציטער בילד“, ביים אַנדערען — אַ „שאָטען“; ביי איינעם אַ „טראָפּען וואָס ווערט אויסגעוועפּט“, ביים אַנדערען — אַ „רויך וואָס פליהט“, און אַ שטראָם וואָס ווערט אויסגעטריקענט; ביי איינעם אַ פערבלייכטער נעבעל-זוים, ביים אַנדערען — פערשוואונדענע שעהנע יוגענד. און ביידע רעדען וועגען פערשוואונדענע טרוימען, ביידע בענקען נאָך דעם, וואָס ס'איז אַוועק און וועט צוריק שוין ניט קומען.

אַ גלייכעניש אין ביידע ליעדער איז פאַראַן אַ גרויסע. פונדעסטוועגען איז איינס דעקאַדענטיש, דאָס אַנדערע ניט. אין וואָס בעשטעהט דער חלוק?

דער הויפּט אונטערשיעד צווישען דעקאַדענטישער און ניט-דעקאַדענטישער קונסט-פאָרם איז דער, וואָס די ערשטע בענוצט אַזוינע בילדער און אויסדריקען, וועלכע זיינען נאָך ניט געוואָרען וואָכעדיג, אַלגעמיין-בעקאַנט און אַלגעמיין-אַנערקענט. בעת די ניט-דעקאַדענטישע, „רעאַליסטישע“ ארט שרייבען געברויכט נאָר אַזוינע הילפס-מיטלען, וועלכע זיינען שוין גוט בעקאַנט לכל הפּחות דעם מיטעלמעסיגען אינטעליגענט. די דעקאַדענטישע ריכטונג וויל זיך ניט בענוגענען מיט דעם אינוועטאַר פון געצייגען, וועלכע זי געפינט פאַרטיג אין דער שאַץ-קאַמער פון דער קונסט, זי וויל יעדעס מאָל שאַפען נייע, עדעלערע, פערפיינערטע; די ניט-דעקאַדענטישע ריכטונג אַרבייט מיט די אַלטע געצייגען, נאָר זי קאָמבינירט זיי אַלע מאָל אויף דאָס ניי וועדליג דעם מאַטעריאַל וואָס זי בעאַרבייט. דער מאָדערניזם איז אין פּרט פון קונסט-פאָרם שעפּפעריש, פּראָגרעסיוו, די אַלטע אַרטען — קאָנסערוואַטיוו.

דערפון איז קלאָהר, אַז דער אונטערשיעד צווישען דעקאַדענטישען און ניט־דעקאַדענטישען שרייבען איז ניט קיין אַבּסאָלוטער, נאָר אַ רעלאַטיווער, וועדליג די פּערזאָן און די צייט. דאָס וואָס פאַר איין לעזער איז מאָדנע, משונה'דיג, איבערראַשיג און ווניג פערשטענדליך — מיט איין וואָרט „דעקאַדענטיש", דאָס איז פאַר'ן צווייטען לעזער, וועלכער איז מעהר בע'הבן'ט אין קונסט, אַ געוועהנליכע ערשיינונג. די בילדער און אויסדרוקען און רעדענסאַרטען, וועלכע זיינען ביים אינטעליגענטען לעזער קיין שום נייעס ניט, הגם זייער שעהנקייט און פיינקייט פערשאַפען איהם אַ עסטעטישען גענוס, וועלען דעם האַלב־אינטעליגענט אויסקומען ווי תרגום. און אויב דער דאָזיגער האַלב־אינטעליגענט האָט נאָך אַמאָל געהערט וועגען „דעקאַדענטען", וועט ער געוויס אויסזידלען דעם שרייבער, אַז ער איז אַ דעקאַדענט. דאָס וואָס עס איז פריהער געווען אַ מורא'דיגע נייעס, אַ דרייסטע אַפּיקורסות אין דעם שלחן־ערוך פון קונסט, דאָס ווערט שפּעטער מיט עטליכע יאָהר אַ וואָכעדיגע זאַך. מען געוועהנט זיך דערצו, עס ווערט נויטווענדיג, מען קען זיך שוין אפילו אָהן דעם ניט בעגעהן, און עס איז נאָכדעם שווער צו פערשטעהן, פאַר וואָס אַזאַ נאַטירליכע זאַך האָט אַמאָל ארויסגערופען אַזוי פיעל פּאָלעמיק.

איך האָב פריהער געזאָגט, אַז דער מאָדערניזם איז שעפּפעריש, פּראָגרעסיוו. איך האָב דערמיט ניט געוואָלט זאָגען, אַז די אַלטע פאָרמען זיינען ניט פעהיג צו אומענדערונגען און לאַנגזאַמע פערבעסערונגען. ס'איז ניטאָ אַזאַ קאָנסערוואַטאָר, וועלכער זאָל זיך ניט מוזען צופּאַסען צו די פערענדערטע בעדינגונגען פון לעבען. צייטען בייטען זיך. מיט זיי צוזאַמען בייטען זיך די פאָרמען פון קונסט — אָפטמאָל אונבעמערקט פאַר דעם קינסטלער זעלבסט. סוף כל סוף ווערט אונמעגליך צו שרייבען אַזוי ווי מ'האָט געשריבען אַמאָל. די עוואָלוציע געהט זיך דאָ, ווי אין אַלע געביטען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. דער אונטערשיעד איז נאָר דאָס, וואָס די מאָדערניסטען פערהאַלטען זיך בעוואוסטזיניג צו דעם דאָזיגען פּראָצעס, זיי ווילען איהם מאַכען ראַשער און גרינדליכער. זיי ווילען בעוואוסטזיניג שאַפען דאָס נייע. זיי זיינען אין דעם פּרט די רעוואָלוציאָנערען

אין דער קונסט — און דער מזל פון רעוואָלוציאָנערען איז בעקאַנט. פריהער זידעלט מען זיי, אַז זיי זיינען היץ־קעפּ, אַז זיי פערלאַנגען אַזוינס וואָס ס'איז ניט מעגליך, אַז זיי שטערען נאָר אומזיסט דעם נאַטירליכען גאַנג פון לעבען; שפּעטער, ווען די רעוואָלוציע איז שוין געענדיגט, ווערען איהרע פּרוכט — דאָס נאַטירליכע און זעלבסטפערשטענדליכע, און דער „גוטער שטאָדט־בעל־הבית" וואָלט זיך געוואונדערט, ווען מ'וואָלט איהם געזאָגט, אַז פריהער מיט יאָהרען האָט דאָס אַרויסגערופען אַזא פערביסענעם קאַמפּף.

אַלס אילוסטראַציע וועלען מיר נעהמען טאַקי אַלץ די אויבען־ציטירטע ליעדער פון ראָזענפעלד און פרץ. אויף וויפיעל עס וועט זיין מעגליך, וועלען מיר אָנווייזען אַנדערע ביישפּיעלען פון דער אידישער ליטעראַטור.

ווען איהר לייענט ראָזענפעלד'ס ליעדער, וואַרפט זיך אייך אין די אויגען אַז דער שרייבער בענוצט נור אַזוינע ווערטער, אַזוינע פערגלייכונגען, אַזוינע בילדער, וועלכע זיינען אַלעמען גוט בעקאַנט: „חנ'עוודיגע יוגענד מיינע", „זיסע, שעהנע ליעבע קינדהייט", „ווי אַ בליץ געשווינד אַנטלויפּסטו" — אַלץ אַזוינע היימישע, אַזוינע פּראָסטע, אַזוינע אַלטע בעקאַנטע! ס'איז כמעט ניטאָ איין בילד, איין עפּיטעט, איין רעדענס־אַרט, וועלכען איהר האָט ניט בעגעגענט אי אין דער ליטעראַטור, אי אין דער געוועהנליכער שפּראַך שוין טויזענד מאָל. נישט שטענדיג זוכט אפילו דער פּאָעט אויסצודריקען זיינע געפיהלען דירעקט בילדער. אָפּטמאָל רעדט ער מיט פשוט'ע, גאַנץ געוויינע, כמעט וויסענשאַפט־ליכע בעגריפען: „מיין נשמה, מיין פאַנטאַזיע טרוימט נאָר וועגען דיר" — אַזוי קען מען שרייבען אפילו אין אַ טרוקענעם פּראָזאַאישען ווערק. און אַזוינע סטראָפען זיינען ביי ראָזענפעלד'ען כלל וכלל ניט זעלטען. אָט לייענען מיר זיין ליעד „לאַנגער אויגען־בליק":

איינזאַם מיט זיין טיפען קומער
זיצ איך שוואַך און קראַנק אַליין.
באַלד פערביי איז שוין דער זומער,
און איך זיץ נאָך אַלץ און וויין.
עס פערוועלקען שוין די בלומען,

אַלעם חלש׳ט, אַלעם דאַרט,
ס׳וועהט דער ווינד, די קעלטען קומען
און איך זיץ נאָך אַלץ און וואַרט.

אין דער סטראָפע בעגעהט זיך דער פּאָעט גאָר אָהן בילדער! ער רעדט דאָ מיט לויטער בעגריפען. „עס פערוועלקען שוין די בלומען", „באַלד פערביי איז שוין דער זומער", „ס׳וועהט דער ווינד, די קעלטען קומען" — פּונקט די זעלביגע ווערטער בענוצען מיר, ווען מיר רעדען מיט אונזערע בעקאַנטע, פּונקט די זעלבע ווערטער אין כמעט דער זעלבער אָרדנונג ווען איהר הערען אין וואַגאָן, אויפ׳ן גאַס, אומעטום. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער ניט דאָס, וואָס ס׳פעהלען בילדער. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס די בילדער זיינען אַלע דעם דורכשניטליכען פּובליקום בעקאַנט. דער דיכטער שאַפט זיינע קונסט־ווערק מיט די מיטלען, וועלכע האָבען שוין געוואונען אַלעמענס הסכמה. די קונסט־ווערק קענען פערשאַפען, און פערשאַפען אָפט, אַן עסטעטישען פערגעניגען. אָבער דער לעזער, לייענענדיג, האָט ניט קיין שום טרחה. עס לייענט זיך „גלאַט". עס פערטשעפּעט זיך ניט.

די פּאָפּולאַריטעט פון אַ קונסט־ווערק (מיר רעדען דאָ, זעלבסטפערשטענדליך, פון אַן אמת׳ן קונסט־ווערק, בעשאַפען פון אַ אמת׳ן טאַלאַנט) ערקלערט זיך ביז אַ געוויסען גראַד דורך דעם, וואָס עס פערווירקליכט זיינע ציעלען אויף אַן אַלגעמיין־אנערקענטען אופן. עס איז נאָהענט דעם עולם, עס איז זיינס, זיין אייגענס. עס פערגעהן אָבער ווייניג יאָהרען — און דאָס וואָס ס׳האָבען פריהער מיט פערגעניגען געלעזען דערוואַקסענע מענשען, הויבען אָן לייענען קינדער. דאָס וואָס איז געווען פּאָפּולער צווישען דעם געבילדעטען פּובליקום, ווערט פערשפּרייט צווישען האַלב־געבילדעטע קרייזען. די פריהערדיגע לעזער ווילען זיך שוין איצט ניט בענוגענען מיט אַזוינע ווערק. זיי ווילען נייעס, ניט נאָר אין דעם אינהאַלט, נאָר אויך אין דער פאָרם — און אפשר טאַקע מעהר אין דער פאָרם, ווי אין אינהאַלט. וואָרום דער אינהאַלט פון פּאָעטישע ווערק איז גאָר ניט אַזוי פערענדערליך: צוזאַמען מיט דעם נייעם בלייבען שטענדיג אַלגעמיין־מענשליכע

מאַטיווען, וועלכע יעדער דור מוז איבערזינגען אויף דאָס ניי — אויף זיין בעזונדערען שטייגער. עס טרעפט אויך ניט זעלטען, אַז אַ שרייבער, אַ גרויסער טאַלאַנט, ווערט פון זיינע צייט־גענאָסען גאָר ניט אַנערקענט, און ערשט קומענדע דורות קערען זיך אום און שעפּפען אין זיינע ווערק אַי נייע אידעען, אַי נייעם גענוס. אויף אַזאַ שרייבער מוזען מיר זאָגען, אַז ער איז צו פריה געקומען אויף דער וועלט (אַזאַ מזל האָט געהאַט, צ. ב., דער דייטשער דראַמאַטורג ה ע ב ב ע ל, וועלכער האָט געשריבען פריהער מיט אַ האַלב יאָהרהונדערט און וועלכען די דייטשען האָבען ערשט גאָר ניט לאַנג אָנגעהויבען לערנען און פערשטעהן).

ווער עס זוכט נייע פאָרמען, דער געפינט זיך שטענדיג אין סכנה, אַז דער עולם וועט איהם ניט גוט פערשטעהן. צי קען דאָס אָבהאַלטען פון זוכען? צו קען מען פאָדערען פון אַ קינסטלער, ער זאָל ניט פּרוּאָווען קיין נייע וועגען?

וועגען דעם וועט אונז אויך נאָך אויסקומען צו רעדען בפרטות. לאָמיר זיך אומקעהרען צו פּרץ'ס „פּיער שטימען":

„ס'איז ווער ערגיץ אַבגעגאַנגען,
„און זיין ציטער־בילד געפאַנגען
„האַלט אַ וואַסער שפּיגעל —
„קומט די קאַן און שעפּט.

אזוי האָט מען ביי אונז ביז די לעצטע, גאָר די לעצטע צייט, ניט געשריבען. ס'איז ניטאָ קיין איין אָבגעריבענע מטבע, קיין איין אויסדרוק, וועלכער זאָל שוין זיין אָבגעבלאַקירט פון לאַנגען ניצען. אַי די קאָמבינאַציע פון די ווערטער, אַי די בילדער, אַי די שטימונג — אַלצדינג איז ניט אַזוי, ווי דער געוועהנליכער שאַבלאָן. אַ „רעאַליסט" קען זיך אַנטשעפּען און פרעגען שאלות אַהן אַ שיעור. ווי איז דאָס מעגליך, אַז אימיצער זאָל שוין זיין אַבגעגאַנגען פון דעם וואַסער און זיין בילד זאָל זיך נאָך אַלץ אָפּשפּיגלען אין דער אויבערפלאַך? ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַ יתום־קלאַנג זאָל זיך „אויפטהויען"? און וואָס איז דאָס גלאַט פאַר אַ ווערטער „ציטער־בילד", „אויפטהויען"? ווער געברויכט דאָס אַזוינע אויסדריקע? וואָס פאַר אַ סמיכות הפרשיות איז פאַראַן צווישען אָט די אַבגע־

האקטע, אבגעזונדערטע „פיער שטימען״? און פאר וואס עפּעס „פיער שטימען״ און ניט „פיער קאפּיטלען״ אדער „פיער סטראָ־פען״? און וואס איז דאס עפּעס פאר א „ווייז״ און „זון״? וועלכע ווייז און וועלכע זון מיינט דא דער שרייבער?

הכלל, קשיות קען מען פרעגען גענוג (אין ראָזענפעלד׳ס ליעדער איז פאר אזוינע קשיות ניטאָ קיין פּלאץ). דער תירוץ קען נאָר זיין איינער: לייענט, וועט איהר דערשפּירען די שעהנקייט און די זאַנפטהייט פון די בילדער, וועט אייך בעצויבערען די מוזיק פון די ווערטער, וועט איהר דערפיהלען דעם צארטען הויך, וואס שוועבט ארום די ווערטער, ווי א קרוין פון דינע, קוים זיכטבארע שטראהלען ארום אן עדעלען קאָפּ. וועט בעריהרען די סטרונעס פון אייער הארצען די שטימונג פון דער ליעד — איז גוט, ווען ניט — איז דאס ליעד פאר אייך טויט (גיכער: איהר זייט טויט פאר דעם ליעד), און קיין שום טייטעל פון 10 בעהעלפער וועט אייך ניט העלפען, אז איהר זאלט דא בעקומען א עסטעטישען גענוס.

דערמיט זיינען מיר געקומען צום שווערסטען און וויכטיגסטען פּונקט פון דעם פּראָבלעם. מען קען פרעגען אזוי: וואס פאר א רעכט האט דער קינסטלער צו געברויכען אזוינע מיטלען, וועגען וועלכע ער ווייסט לכתחילה אז זיי וועלען דעם פּובליקום (אפילו דעם געבילדעטען פּובליקום!) זיין פרעמד? די פאָרם איז ניט מעהר ווי א דיענעריין צום אינהאַלט, א כלי, אין וועלכער עס גיעסען זיך אריין די שעפּפונגען פון מענשליכען גייסט. וואס זשע פאר א עזה האט די פאָרם ארויסצושטעלען איהרע אייגענע אויפגאַבען און דערמיט מאכען א תהו־ובוהו אין דער קונסט?

די פראגען ווערען אויך געשטעלט אין אונזער ליטעראַרישער קריטיק.

III.

„איך פערשטעה ניט״.

עס איז א כלל, אז יעדער מענש איז איינגעשלאָסען אין די ראהמען פון זיין אייגענער פּסיכיק און קען פון זיי ניט ארויס. יע־

דער איינציגער קען נאָר זיין אייגענע פּסיחישע וועלט. איבער־שפּרינגען אין יענעמ'ס פּסיחיק און דירעקט ערפאהרען, וואָס דאָרט טהוט זיך, איז פאר דעם מענשען אונמעגליך. דערין איז איינע פון די גרעסטע אונטערשיעדען צווישען דער פּסיחישער און פיזישער וועלט. די פיזישע וועלט איז פאר מיר אונמיטעלבאר פאַראן (זי איז מיר „אונמיטעלבאר געגעבען", ווי עס דריקען זיך אויס די פילאָזאָפען). דעם בארג קען איך זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען, דעם בוים קען איך זעהן, איהם אָנטאַפּען מיט די הענד. יענעמ'ס פרייד קען איך ניט זעהן, יענעמ'ס טרויער קען איך ניט אָנטאַפּען מיט די הענד. איך קען נאָר זעהן, ווי זיין פּנים ענדערט זיך אונטער דער ווירקונג פון דער פרייד אָדער דעם טרויער. איך קען נאָר הערען ווי ער לאַכט אָדער ער וויינט (דאָס געלעכטער אָדער דאָס געוויין זיינען נאָר דער אויסווייניגסטער אויסדרוק פון זיינע געפיהלען, ניט זיינע געפיהלען אליין). איך קען הערען זיינע רייד, און וועלכע ער וועט מיר דערצעהלען, וואָס ער פיהלט. נאָר דורך אויסווייניגסטע סמנים קען איך מיר שאפען אַ פאָרשטעלונג וועגען יענעמ'ס פּסיחישער וועלט. די פאָר־שטעלונג שאַף איך מיר אויך נאָר לויט דעם מוסטער פון מיין איי־גענער פּסיחיק. איך קען מיין אייגען געפיהל פון צאָרן, למשל, — שטעל איך מיר פאָר, אַז ווען איינער איז אין כעס, פיהלט ער דאָס אייגענע וואָס איך. ביי מיר איז דאָס געפיהל פון בענקען אַזוי און אַזוי, שטעל איך מיר פאָר, אַז דאָס וואָס אַן אַנדערער רופט „בענקען", און פּונקט דאָס אייגענע ווי ביי מיר. צי איז דאָס טאַקע אין דער אמת'ן פּונקט אַזוי — וועגען דעם קען מען ניט וויסען, ווארים יעדער קען נאָר איין פּסיחיק, זיין אייגענע. ער איז אין איהרע דלד אמות איינגעשפּאַרט און קען זיי ניט אריבערשפּאַנען אויף קיין פאַל.

דערפון איז געדרונגען, אַז ווען אימיצער דערצעהלט, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין דער נשמה, קען ער איבערהויפּט ניט זיין זיכער, אַז אַלע אַנדערע וועלען איהם פערשטעהן. ווען איינער וועט קומען און זאָגען: דאָס און דאָס קען איך מיר ניט פאָר־שטעלען, איז אונמעגליך איהם צו העלפען אין דיעזען פּרט. און דאָס איז אַזוי ניט נאָר בנוגע צו פאָרשטעלונגען: אין דעם פּרט

פון לאָגישע בעווייזע איז דאָס אויך ניט בעסער. ווען איינער דערווייזט עפּעס מיט לאָגישע ראיות, איין בעווייז נאָכ'ן צווייטען, איינס געקניפּט אָן דעם צווייטען, ווי די רינגען פון א קייט, און אַן אַנדערער וועט קומען און זאָגען: פאַר מיר איז די לאָגיק ניט קיין ראיה, — האָט יענער קיין שום מיטלען צו איבערציינען איהם, א חוץ ווידער די זעלביגע לאָגיק.

נאָר מיר וועלען דאָ בלייבען אין'ם געביט פון פאָרשטעלונגען און בילדער, ניט פון לאָגישע בעווייזע. אַז וואָס פאַר א פילאָזאָפישע סיסטעם מען זאָל זיך ניט האַלטען, מוז מען דאָך אנערקענען, אַז דער דיכטער, ווי איבערהויפּט יעדער קינסטלער, נעהמט דעם שטאָף פאַר זיינע שעפּפונגען *פון זיין אייגענער נשמה*. ווי דער שטאָף איז געקומען אין זיין נשמה און צו איז ער איבערהויפּט געקומען אַהינצו פון דער אויסען וועלט — וועגען דעם וועלען פערשיעדענע פילאָזאָפישע ריכטונגען האָבען יעדע א בעזונדער מיינונג. אַלע וועלען אָבער מוזען אנערקענען, אַז דאָס, וואָס דער קינסטלער שאַפט, איז *דורכגעגאַנגען* דורך זיין נשמה, אַז דער לעצטער קוואַל פון זיין שעפּפונג איז זיין אייגענער גייסט.

אויב אזוי זיינען פּרינציפּעל אי דער „דעקאַדענט", אי דער „ניט דעקאַדענט" אוועקגעשטעלט אין דער זעלביגער לאַגע. דער אויסגעשפּראָכענער ניט־דעקאַדענט, דער האַרבער „רעאַליסט" קען ניט זיין זיכער, אַז מען וועט ניט קומען און מען וועט איהם ניט זאָגען: דאָס וואָס דו שרייבסט אונז, איז אונז פרעמד, דאָס וואָס דו שילדערסט, קענען מיר זיך ניט פאָרשטעלען, דיינע בילדער געפינען ניט קיין אָפּקלאַנג אין אונזער נשמה. וואָס וועט בלייבען דעם קינסטלער צו ענטפערען אין אַזאַ פאַל? וועט ער דען ניט זיין גערעכט, אויב ער וועט זאָגען: איך קען ניט אַנדערש, איך קען ניט ארויס פון מיין אייגענער הויט און נאָך וויניגער פון מיין אייגענער נשמה; איך שרייב און איך מאָהל, *ווי איך זעה*, און צופּאַסען זיך צו *אייער* ענטוויקלונגס־שטופע איז מיר אונמעגליך, ווען אפילו איך זאָל דאָס וועלען? איז דען דאָס ניט דער גרונד פון דער מערקווירדיגער ערשיינונג, וואָס אין פערשיעדענע דורות, ביי אויסערסט פערשיעדענע לעבענס־בעדינ־

גונגען לאָזט זיך הערען פונ'ם לאַגער פון די פּאָעטען אַלע מאָל אויף דאָס ניי דער זעלביגער אויסרוף:

— אוועק'ט, עם הארצים! — Procul este profani

אין דער ווירקליכקייט איז די גאַנצע מעשה נישט אַזוי טראַגיש, ווי זי זעהט אויס פּרינציפּיעל. אפילו די דיכטער וואָס זיינען פעסט איבערצייגט, אַז זיי זיינען די אויסדערוועהלטע און האָבען דאָס רעכט צו קוקען אויף דעם איבעריגען עולם, ווי אויף אַ טעמפּען המון, האָבען סוף כל סוף געשריבען ניט פאַר זיך, נאַר פאַר די לעזער, און אין אַלע צייטען האָט זיך געפונען אַ טהייל פּובליקום וואָס האָט פערשטאַנען אָדער געזוכט צו פערשטעהן זייערע ווערק. אַז דער קינסטלער און דאָס פּובליקום זאָלען אַ ב ס אָ ל ו ט ניט פערשטעהן איינער דעם צווייטען — אַזוינע פאַלען זיינען אין דער קונסט־געשיכטע ניט בעקאַנט. אַ געוויסער גראַד פון געמיינזאַמע פאַרשטעלונגען און געמיינזאַמע שטימונגען איז צווישען זיי שטענדיג פאַראַן. און עס איז אַ מערקווירדיגע איראָניע פון דער געשיכטע, וואָס פיעלע פּערזאָנען, וואָס האָבען זיך אין זייער צייט געהאַלטען פאַר די „בחירים“ און געשאָטען פּעך און שוועבעל אויפ'ן עם הארצ'שען „המון“, ווערען שפּעטער מיט יאָהרען געדרוקט אין כרעסטאָמאַטיעס (לעזע־ביכער) פאַר קינדער און ווערען געלערענט אויף אויסוויינינג אין אַלע שולען*) — דער בעסטער בעוויז, וואָס פאַר אַ פאָרטשריט עס מאַכט די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער פּסיחיק.

דער אונטערשיעד צווישען מאָדערניסטען און ניט־מאָדערניסטען איז אַלזאָ ניט קיין פּרינציפּיעלער. ביידע שעפּען פון זייער אייגענער פּסיחיק, ביידע קענען ניט האָבען די אבסאָלוטע זיכערהייט, אַז זייערע שעפּפונגען וועלען זיין נאָהענט און פערשטענדליך דעם עולם, און ועל כלם — ביידע קענען ניט זיין אַנדערש, ווי זיי זיינען, ווייל יעדער דיכטער איז אַ וועלט פאַר זיך. אַ וועלט, פּרינציפּיעל אָבגעזונדערט פון אַלע אַנדערע וועלטען. דער אונטערשיעד צווישען זיי איז נאַר אַ רעלאַטיווער. די זעלבע ער־

*) דערמאָנט זיך כאָטש אָן דעם רוסישען פּושקין.

שיינונג טרעט ארויס ביי איינעם אין אַ גרעסערען גראַד, ביי איינעם איז זי ווייניג צו בעמערקען, אָבער די ערשיינונג גופא — דאָס „ניט פערשטעהן“, אָדער, ריכטיגער, דאָס ניט פערשטעהן ביז'ן סוף, בלייבט ביי אַלעמען. זי איז אונפערמיידליך, ווייל זי איז דער סמן פון וואקסען, פון ענטוויקלונג אין דער געזעלשאַפט.

די ליטעראַטור איז געשאַפען פאר'ן לעזער, ניט דער לעזער פאר דער ליטעראַטור? געוויס, פון שטאַנדפּונקט פון דעם לעזער, ד. ה., פון דער געזעלשאַפט, איז דאָס ריכטיג, און אפילו פון שטאַנדפּונקט פון פּאָעט קען דאָס אויך אנדערש ניט זיין, אויב ער וויל נאָר זיין פריי פון ווידערשפּרעכען. אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל די ליטעראַטור איז געשאַפען פאר'ן לעזער, און ווייל דער לעזער האַלט זיך אין איין ענטוויקלען, דעריבער מוז די ליטעראַטור זוכען נייע וועגען, און וואָס דייטליכער זי פערשטעהט דאָס, דאָס בעסער איז גאַראַנטירט איהר ענטוויקלונג.

איך עפען אויף דוד פּינסקי'ס ווערק, און געפין דאָרט אַ בעשרייבונג פון אַ שנעע־שטורעם:

„דער פראָסט קנאַקט און ברענט. אַ שטאַרקער ווינד בלאָזט און הויבט פון דער ערד אַ שנעענעם שטויב, טראָגט און דרעהט איהם אין דער לופט און שמייסט די דורכגעהער אין פּנים אריין. עס פערכאַפּט ביי זיי דער אָטהעם. דער שנעע־שטורעם שניידט שרעקליך אין געזיכט“. *)

דוד פּינסקי איז אַן אויסגעצייכענטער קינסטלער, אַ רעאַליסט אין דעם בעסטען זין פון דעם וואָרט. און פונדעסטוועגען מוז מען זאָגען, אַז אַזוינע שילדערונגען בעפריעדיגען שוין ניט היינטיגע צייטען דעם ענטוויקעלטען לעזער. איך מיין ניט דערמיט צו קריטיקירען דעם אינהאַלט פון פּינסקי'ס ערצעהלונג. איך נעהם נאָר די שילדערונג אַלס אַזעלכע.

איך גופא, ווען איך לייען אַזוינע בעשרייבונגען, ווערט מיר איינפאַך צו לאַנג די צייט. איך פרעג זיך: צו וואָס זאָל איך דאָס לעזען? זאָג מיר איין וואָרט: „שנעע־שטורעם“ אָדער „זאַווערוכע“, וועל איך שוין אליין וויסען, אַז עס איז קאַלט אין דרויסען.

*) „חיים משרת“, געשריבען 1894.

אַז עס בלאָזט אַ ווינד, אַז דער שנעע ליגט ניט אויף אַן אָרט. נאָר ער דרעהט זיך אין דער לופטען און ממילא שמייסט ער אין פּנים. ווען אימיצער געהט אין גאַס, און אַז עס שמייסט אין פּנים טהוט ממילא וועה און עס פערכאַפּט דעם אָטהעם. דאָס ווייס איך אַליין, דאָס דאַרף מען מיר ניט צוקייען!

און געוויס בין איך ניט דער איינציגער לעזער, וועלכער קען ניט צופריעדען זיין מיט אַזאַ אַרט שרייבען. מען דאַרף האָבען נאָר אַ שטיקעלע פאַנטאַזיע און כאָטש וויפיעל ניט איז זיין אָנגעלייענט אין ליטעראַרישע ווערק, אַז מען זאָל שוין פערלאַנגען פון שרייבער עפּעס נייעס. גיב מיר די זאַווערוכע גופא. שרייב מיר אַזוי, אַז איך ז אָ ל ד ע ר פ י ה ל ע ן, ווי דער שנעע שמייסט מיר אין פּנים אַריין, איך זאָל ד ע ר ה ע ר ע ן ווי עס וואָיעט דער ווינד, איך זאָל א י ב ע ר ל ע ב ע ן דעם שטורעם. ניט נאָר איהם פאָרשטעלען זיך אין געדאַנק! שרייב אַזוי, אַז עס זאָל מיר ע ר ג ר י י פ ע ן, ניט נאָר עס זאָל מיר דערמאָנען אַז דעם שטורעם, וואָס איך האָב אַמאָל געזעהן.

דאָס איז ניט קיין טעמפּקייט פון די אָבגעשוואַכטע נערווען, ווי אייניגע וועלען דאָס אויסטייטשען. דאָס איז ניט קיין לוקסוס. קיין בעדערפעניש צו „קיצלען דעם גומען“, ווי אַ שאַרפזיניגער קריטיקער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט. דאָס איז אַ גרונד־בעדערפעניש פון דעם מאָדערנעם אינטעליגענטען לעזער. און אויב דער געגוס פון שעהנער ליטעראַטור האָט אַ ווערטה פאַר זיך אין דער סומע פון גייסטיגען לעבען פון דער מענשהייט, איז די פאָדערונג: „שרייב אַזוי, אַז ס'זאָל מיר פערשאַפען געגוס“ — געוויס אַ בערעכטיגטע קולטורעלע פאָדערונג און ניט קיין קאַפּריז פון אַ „זאַטען בורזשוא“.

און דער מאָדערנער שרייבער, וועלכער האָט אויך אַזאַ נערווען־אָרגאַניזאַציע, ווי דער מאָדערנער לעזער, זוכט צו בעפריעדיגען די דאָזיגע בעדערפעניש. ווי וועט ער מיר שילדערען דעם שנעע־שטורעם, דאָס ווענדעט זיך אָן דער אינדיווידואַליטעט פון יעדען איינצעלנעם. איינער וועט דערצעהלען, אַז אַ שוואַרץ־גראָהע חיה האָט אָנגעפילט די וועלט פון דער ערד ביז הימעל און געאָטהעמט מיט אַ קאַלטען אָטהעם, און געשפּיעגען מיט פראָסטיגע פונקען.

אַן אַנדערער וועט מאַכען אַ קריעג צווישען הימל און ערד און וועט הייסען זיי זיך ראַנגלען אין דער פינסטער מיט זייערע מעכטיגע אָרעמס, און נאָך איינער וועט געפינען אין דעם געזאַנג פון דעם ווינד אַ בעזונדערע מעלאָדיע און וועט אונז פּערזיכערען, אַז ער הערט, ווי איין שנייעלע רייבט זיך אַן דעם צווייטען, און ווי פון אַט די קלאַנגען ווערט געבוירען אַ שטורעם־געזאַנג. וואָס מאַכט ציטערען דאָס הארץ פון דער וועלט, — דאָס איז שוין אַ זייטיגע פראַגע. די ביישפּיעלען זיינען דאָ ניט וויכטיג. דער עיקר איז, אַז דער דיכטער וועט ניט קענען בלייבען ביים אַלגעמיין־בעקאַנטען און אַלגעמיין־אַנערקענטען. ער וועט זוכען נייע וועגען אויף איבערצוגעבען די שטורעם־שטימונג. ער וועט זוכען מיט דער שפּראַך גופא איבערצוגעבען די מוזיק פון דעם שנעע־שטורעם.

ניט אַלע וועלען איהם פערשטעהן? געוויס, און פאַר אַלעמען די קריטיקער פון מאָדערניזם. וואָרים ווען זיי וואָלטען פערשטאַנען וואָלטען זיי ניט געהאַט וואָס צו קריטיקירען. עס וועלען איהם ניט פערשטעהן די, וועלכע האָבען בכלל ווייניג פאַנטאַזיע, ווייניג פעהיגקייטען צו תופס זיין די שעהנקייט פון פּאָעטישע ווערק. עס וועלען איהם ניט פערשטעהן די, וועלכע זוכען אין פּאָעזיע אַן אָב־רוה, אַ מין קאָנפעקט, וואָס עס צוגעהט אַליין אין מויל — מען דאַרף אפילו ניט קייען; עס וועלען איהם ניט פערשטעהן די, וועלכע האָבען אַן אינערטע, ניט ריהרעוודיגע נאַטור און זיינען ניט מסוגל אויפצונעהמען עפּעס נייעס. עס וועלען איהם, ענדליך, ניט פערשטעהן די, וועלכע זיינען צו־ווייט פון איהם אין זייערע שטימונגען און אין זייער וועלט־אַנשויאונג. מיר אַלע געדענקען נאָך, וואָס פאַר אַ בעדויערונגס־שמייכעל עס פלעגען אַרויסרופען ביי אונזערע עלטערען אונזערע לשון־קדוש'דיגע און רוסישע השכלה־ביכלעך. אידען, וואָס האָבען זיך ערצויגען אויף דער תלמוד'יסטי־שער ליטעראַטור און זיינען געווען אריינגעטהאָן ראשם ורבם אין דער אַלטער וועלט־אַנשויאונג, האָבען ניט געקענט פערשטעהן, וואָס פאַר אַ שעהנקייט איז דאָ אין דער שילדערונג פון אַ וואַלד מיט אַ פעלד, מיט שיקסעס, וואָס שניידען גראָז, מיט קעלבלעך און פערדלאַך. וואָס לויפען אַרום פעררִיסען דעם עק. „פּרא־אדמ'ס", —פלעג איך הערען ניט איין מאָל איינגעלוויז פון אַזעלכע אידען.

— „מען לייענט און מען געפינט פערגעניגען אין אזוינע פוסטע און נארישע זאכען. דאָס איז דאָך מעשיות פאר קינדער אָדער שוטים, ניט פאר קיין דערוואקסענע מענשען". אונזערע טאַטעס האָבען ביי זייער בעסטען ווילען ניט געקענט פערשטעהן די נייע־מאָדישע פּאָעזיע. אין אזא לאגע געפינען זיך איצט פיעלע בנוגע צו דער מאדערנער ליטעראטור. אי די, אי יענע זיינען פעסט איבערצייגט אַז זיי זיינען גערעכט.

וואָס קען זיי ענטפערען דער מאדערניסטישער שרייבער? אויב איהר פערשטעהט מיך ניט, טאָ זוכט אייך אזוינע, וואָס איהר פערשטעהט זיי יא. נאָר האָט צו מיר ניט קיין טענות און שרייט ניט, אַז איך האָב קיין רעכט ניט צו שרייבען אזוי ווי איך שרייב. אין אייער ניט פערשטעהן איז שולדיג ניט מיין ארט שרייבען, נאָר אייערע געוואהנהייטען, אייער פסיחישע ענטוויקלונג. פּרופט זיך געוויסענהאפט שטודירען מיין ווערק, פּרופט זיך אריינלעבען אין דעם וואָס איך שרייב, פּרופט ארבייטען איבער זיך, וועלען זיך אייך געוויס עפענען קוואלען פון עסטעטישען גענוס. ווילט איהר דאָס ניט, טאָ געהט אייך געזונטערהייד, לאָזט מיך צורוה. איך שרייב פאר אזוינע לעזער, וועלכע ווילען מיך פערשטעהן און פער־שטעהען מיך. וואָלט אזוינע אויף דער וועלט ניט געווען, וואָלט איך סיי ווי סיי ניט געשריבען — עס וואָלט ניט געהאט קיין שום זין.

„פאר מיר און פאר אזוינע ווי איך איז דאָס ניט פערשטענד־ליך" — דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס עס דארפען זאָגען די, וועלכע פערשטעהען ניט אַ מאדערניסטיש ווערק. דערמיט אליין איז שוין געגעבען די אנערקענונג, אז אנדערע פערשטעהען דאָס יא, און פאר אלעמען איז אין דעם זאץ פאראן אַ ווארנונג: ניט לאכען! ווארים לאכען פון דעם וואָס מען פערשטעהט ניט איז אַ מדה פון אונקולטורעלע מענשען.

ס'איז אָבער, צום בעדויערען, אין געוויסע קרייזען פון אונזער ליטעראטור פערשפּרייט די מאָדע צו קוקען אויף די מאדערניסטען און אויף זייערע לעזער, ווי אויף האלבע משוגעים. איהר וועט ניט זעלטען הערען, ווי מען וויצעלט זיך איבער די „גרינע קרעכצען" און די „בלאָהע זיפצען" פון די דעקאדענטען, איבער זייערע

„חלומות“ און זייער „בענקען“. יעדערער פּיהלט זיך בערופען צו קריטיקירען, און די הויפּט־טענה איז שטענדיג: „איך פערשטעהע ניט“.

די ווערטה פון אזוינע טענות איז קלאָהר פון דעם, וואס מיר האָבען געשריבען ביז אהער. די, וועלכע טענה'ן דאָס, זיינען גע־גליכען צו קליינשטעדטעלדיגע איינוואָהנער, וועלכע טייטלען מיט די פינגער אויף א פרעמדען, אויב ער געהט ניט געקליידעט אזוי ווי מ'איז זיך נוהג צו קליידען ביי זיי אדער זיינע זיטען זיינען ניט גלייך צו זייערע שטעדטעלדיגע זיטען. אזוינע „קריטיקער“ ווי־לען ניט אנערקענען די גרויסע מעגליכקייטען, וועלכע ליגען בע־האלטען אין דער מענשליכער פּסיחיק, און די גרויסע פערשיעדענ־הייט פון איהרע ערשיינונגען ביי פערשיעדענע מענשען. זיי האָ־בען זיך זייער אלט־פרענקישע מאָס, זייער אלט־פרענקישען קאָ־דעקס פון קונסט. וואס ס'פּאסט ניט צו דער מאָס, דאָס איז טריף, דאָס דארף מען אריינלעגען אין חרם.

„איך פערשטעהע ניט“... פאראן די גרויסע בילדער פון דעם גרויסען דייטשען מאהלער ב ע ק ל י ן. איך ווייס ניט צו וואס פאר א קאַטעגאָריע ס'וועלען איהם צורעכענען די „קריטיקער“: צי צו די „סימבאָליסטען“, צי צו די „דעקאדענטען“, צי צו די „ראָ־מאנטיקער“, צי אפשר צו זיי אלע אינאיינעם. איינס ווייס איך: ער האָט געמאָהלט אזוי, אז ניט „אלע“ קענען איהם פערשטעהן. פאראן א בילד ביי איהם, וואו ער וויל פאָרשטעלען די פייערליכע, מיט שטילען פּחד בעפּארבטע געפיהלען, וועלכע פערכאַפּען א מענשען ווען ער איז אליין אין א געדיכטען וואלד. אויפ'ן בילד זעהט איהר פערפלאָנטערטע צווייגען, אויסגעדרעהטע משונה'דיגע וואָרצלען, עפּעס בלאָהליכע בלעטער, א בלאָהליכען שימער, אלעס אונקלאָהר פערוויקעלט, און פאָרענט, אויף איינער פון די צוויי־גען — א בלאסע יונגע פרוי אין ווייסע קליידער מיט א טיעפען טרויער אין די אויגען. איהר קוקט זיך איין אין דעם בילד — און איהר פערגעסט ביסלעכווייז, וואו איהר זייט, ערגעץ האָט מען אייך אריבערגעטראָגען אין א נייע לאַנד, אן אנדער וועלט לעבט אויף פאר אייערע אויגען אין א צויבער ליכט. דאָס הארץ קלאָפּט... דער וואלד אטהעמט אויף אייך מיט זיין איינזאמקייט, די בוימער

שטעהען אונבעוועגליך און פערבאָרגען צווישען זיך אַ שטילען סוד. דער שטילער אומעט ציהט אויס זיינע אונזיכטבארע פאדים פון שטאם צו שטאם. און אונטען ריהרען זיך עפּעס וואונדערבארע פינסטערע בעשעפעניסען און וויקלען זיך און הויבען צום הימעל זייערע בלינדע קעפּ...

פיהרט צו צו דעם בילד איינעם פון אונזערע „קריטיקער" און פרעגט איהם, וואס פאר אַן איינדרוק עס האָט אויף איהם געמאכט. איהר קענט זיין זיכער, אַז ער וועט דאָס בילד „קריטיקירען". ניטאָ אזוינע בוימער, ניטאָ אַזוינע פארבען אין די וועלדער. ניטאָ אין דער וואלד־איינזאַמקייט קיין בלאסע פּרויען. ס'איז אַלצדינג אויסגעטראכט. ס'איז ניט אַלגעמיין־פערשטענדליך. עס טויג ניט...

וואָס קען מען ענטפערען אויף אַזוינע טענות?

עס וועט אפשר אַזוינע „קריטיקער" זיין אַ נייעס צו הערען אַז ניט די קינסטלער מאַכען נאָך די נאַטור, נאָר די נאַטור איז געוויסערמאסען נאָכגעמאכט נאָכ'ן מוסטער פון די קינסטלער. דאָס איז אַ פּאַראַדאָקס, אויב מען מיינט די נאַטור, ווי זי איז אָביעקטיוו. דאָס ווערט אָבער אַ גרויסער אמת ווי באַלד מיר פערשטעהען אונטער נאַטור דאָס, וואָס מיר זעהען אין איהר. דאָ זיינען די קינסטלער אונזערע וועג־ווייזער, אונזערע לעהרער. מיר קוקען אויף דער נאַטור אַזוי, ווי ס'האָבען אונז אויסגעלערענט די פּאָעטען, די מאָהלער, די סקולפּטאָרען. מיר זעהען אין איהר דאָס, וואָס די קינסטלער האָבען אין איהר ענטדעקט. נעהמט אַ מענשען וואָס האָט ניט אויסגעפיינט זיינע געפיהלען דורך דעם לעזען פון פּאָעטישע ווערק, ניט אויסגעאַרבייט דאָס אויג צו קענען זעהן און פערשטעהן געמאָהלטע בילדער, שטעלט אוועק אַזאַ מענשען פאַר די שעהנסטע פּאַנאָראַמען פון דער נאַטור, פאַר די פּראַכטפאָלסטע פּייזאַזשען: איהר מעגט זיין זיכער, אַז ער וועט זעהן אַ סך ווייניגער, איידער דער אינטעליגענטער מענש. דעריבער קענען אונגעבילדעטע רייזענדע (מאַטראָסען, סאָלדאַטען) אַזוי וויניג דערצעהלען וועגען די פרעמדע לענדער, וועלכע זיי האָבען געזעהן. און ווידער צוריק אין מסתמא יעדען פון אונז אויסגעקומען הערען, ווי אונזערע בעקאַנטע, דערזעהענדיג אַ שעה־

נעם לאַנדשאַפט, זאָגען מיט ענטציקונג: „זעהט, ווי שעהן! פּונקט ווי אויף אַ בילד!“

וואָס ס'איז ריכטיג בנוגע צו דער אויסווייניגסטער נאַטור, דאָס איז אויך ריכטיג בנוגע צו דער וועלט פון אינערע איבער־לעבונגען. דורך בילדונג, דורך שטודירען קונסט־ווערק ענטדעקען מיר אין זיך אַזוינע איבערלעבונגען, וועלכע זיינען אונז פריהער ניט געווען בעקאַנט. מיר מאַכען רייכער אונזער פּסיכישע וועלט. מיר לערנען זיך ביי די קינסטלער. כדי אָבער צו לערנען זיך ביי דער קונסט, איז נויטיג, אַז זי זאָל געהן אַלע מאָל ווייטער, זי זאָל אַליין אויך רייכער ווערען אי אין פאָרם, אי אין אינהאַלט.

מיר האָבען ביז אהער געפיהרט די בעווייזע אַזוי, אַקוראַט ווי די פאָרם איז אונאָבהענגיג פון דעם אינהאַלט. מיר האָבען בכיון אָבגעטהיילט די דאָזיגע צוויי זייטען פון אַ קונסט־ווערק, וועלכע זיינען אין דער ווירקליכקייט ניט אָבצוזאָנדערען איינס פון צוויי־טען: מיר האָבען מעהר אונטערגעשטריכען די פ א ר ם פון דער מאָדערניסטישער ליטעראַטור, ווארים אויף איהר פאַלען דער גרעסטער טהייל פיילען פון דער קריטיק. עס איז ריכטיג, אַז אַ גרויסער טהייל אינהאַלט בלייבט אונפערענדערט אין דער אַל־וועלטליכער קונסט, און ווערט נאָר ביי יעדען דור איבערגעאַר־בייט אויף אַן אַנדער אופן. עס איז אָבער אויך ריכטיג, אַז די קונסט ווערט אַלע מאָל רייכער מיט נייע מאָטיווען. די דאָזיגע מאָטיווען מוזען ווערען אויסגעגאָסען אין אַ נייער פאָרם. די פאָרם ווערט דאָ בעשטימט דורך דעם אינהאַלט, און ווידער מאַכט די נייע פאָרם מעגליך דעם נייעם אינהאַלט.

וועגען דעם — אין פאָלגענדען קאַפּיטעל. דאָ וויל איך נאָר אָנווייזען אויף אייניגע פּרטים. ווען מען נעהמט זיך קריטיקירען דעם מאָדערניזם, איז מען זיך נוהג ארויסצושטעלען די ערגסטע שרייבער אין דער ריכטונג, די קליינע ניט טאַלאַנטפאָלע נאָכ־מענער נאָך די גרויסע. די דאָזיגע שלעכטע מדה וואָלט שוין צייט געווען צו פערלאָזען. ווען איינער וואָלט געוואָלט כאַראַקטע־ריזירען די רעאַליסטישע ריכטונג, וואָלט ער ניט גענומען דעם

שרייבער פון גאָס־ראָמאַנען, נאָר די טיפּישע, אָנערקענטע, טאַ־לאַנטפאָלע שרייבער. מיט די „דעקאַדענטען" איז מען זיך אָבער נוהג ווי די אַנטיסעמיטען מיט די אידען: אַלע אידען זיינען שולדיג פאַר די הטאים פון אַ יחיד, און אַלע דעקאַדענטען, דער גאַנצער מאָדערניזם, איז שולדיג פאַר די אונגעראָטענע שטיק פון אַ ליאַדע קאַליקע, וועלכער מאַכט נאָך די דעקאַדענטען.

דעם אויסדרוק „דעקאַדענטיזם", „דעקאַדענט", אַלס אַן אויס־דרוק אַ פּאָלעמישען, וועלכער זאָגט גאָר ניט וועגען דער עצם ער־שיינונג, וואָלט שוין אויך געווען צייט איבערצוגעבען אין ארכיוו. אפילו פאַר פּאָלעמישע ציעלען, שוין ניט רעדען וועגען אַנדערע, איז אַ סך פּאַסיגער דאָס וואָרט „מאָדערניזם", וועלכעס בעדייט — די שטרעבונג צו נייעס אין ליטעראַטור און אין קונסט.

און נאָך איינס. קיינער וויל ניט אָפּנעהמען ביי די ניט־דע־קאַדענטען דאָס רעכט צו עקזיסטירען. יעדע ריכטונג איז אין גע־וויסע בעציהונגען נויטווענדיג, יעדע האָט איהר ווירקונגס־קרייז. די זיטען־בילדער, ד. ה., בילדער וועלכע שילדערען דאָס לעבען פון אַ געוויסען קרייז מענשען (ווי, למשל, פּינסקי'ס ערצעהלונגען פון ארבייטער־לעבען) מוזען זיין געשריבען אויפ'ן רעאַליסטישען אַרט. דער זיטען־ראָמאַן איז און דאַרף זיין אַ גלייכבערעכטיגטער מיטגליעד אין דער ליטעראַרישער משפּחה. היינטיגע צייטען איז מען זיך אפילו נוהג צו שרייבען „סטיליזירטע" ווערק, ד. ה., אַזוינע, וואו עס ווערט נאָכגעמאַכט דער סטיל, די פאָרם, פון אַמאָליגע לאַנג־פערשוואונדענע צייטען (מיטעל־אַלטער־סטיל, ראָקאָקאָ סטיל). אַזוינע ווערק האָבען זייער שעהנקייט און זייער ווערטה, און קיינער וויל דאָס ניט לייקענען. נאָר לאָזען די אַנהענגער פון אַזוינע ריכטונגען ניט רעכענען, אַז זיי זיינען דערגאַנגען ביז דעם סוף פון אַלע מעגליכקייטען, און אַז יעדערער ווער עס שילדערט און דיכטעט אויף אַ נייעם שטייגער, דער איז פּשוט אַראָפּ פון זינען.

IV.

אינהאלט און פארם.

דאס מאדערנע לעבען ווערט אלץ מאל מעהר קאמפליצירט. אלע מאל שנעלער און רעש'דיגער בעוועגען זיך די רעדער פון'ם געזעלשאפטליכען לעבען, אלע מאל פערביסענער און ציעל־בע־וואוסטער ווערט דער געזעלשאפטליכער קאמפף, אלע מאל רייכער די אויסזיכטען, וועלכע עפענען זיך אין דער צוקונפט פאר די אויגען פון די פארווערטס־שטרעבענדע מענשען. האסטיג לעבט מען היינטיגע יאהרען. האסטיג ארבייט די פראדוקציאן, בעשא־פענדיג אונגעהויערע רייכקייטען, אונענדליכע מעגליכקייטען פון ווייטערער ענטוויקלונג; האסטיג ארבייט די וויסענשאפט, ערא־בערענדיג נייע און נייע געביטען פון דער נאטור און מאכענדיג זי אונטערטהעניג אונטער די פיס פון דעם מענשען; האסטיג ארבייט די מלוכה־מאשין, שטרעבענדיג איינצוהאלטען אין איהרע לייצעס די מעכטיגע שטראמען, וועלכע רייסען זיך מיט געוואל־דיגען כח אין פערשיעדענע ריכטונגען. האסטיג, אנגעשפאנט, אר־בייטען די פערשיעדענע געזעלשאפטליכע גרופען, בעגייסטערט יעדע מיט איהרע ציעלען און אידעאלען. און אומעטום, אין אלע ווינקעלאך, איז דער מענש — דער טרעגער פון דער ארבייט. דאס איז ער — די בעוועגענדע קראפט אי אין דער פראדוקציאן, אי אין דער וויסענשאפט, אי אין געזעלשאפטליכען קאמפף. דאס איז ער — די קליינינקע, אהנמעכטיגע און דאך מעכטיגע ספרוזשינע, וועלכע טרייבט מיט שרעקליכער קראפט אט דעם גאנצען מעכטיגען מעכאניזם, וועלכען מיר רופען „דער מאדערנער קאפיטאליזם“.

האסטיג, רייך, פיעל־פארביג איז דער גאנג פון מענשען'ס לעבען היינטיגע צייטען. גאנצע וועלטען פון נייע בעגריפען ערארבערען זיך פלאץ אין זיין אינטעלעקט. גאנצע שטראמען פון נייע געפיהלען פערפלייצען זיין נשמה און שווענקען אראפ דאס אמאליגע, פון לאנגע דורות איינגעווארצעלטע און פעסטע. גאנצע שטורעמס פון נייע שטימונגען רינגלען איהם ארום פון אלע זייטען.

און פערכאַפּען איהם אין זייער בעוועגונג. אונענדליך רייכער איז געוואָרען דעם מענשענ'ס פּסיחיק, אונענדליך פערוויקעלטער און קאָמפּליצירטער. און אויסגעשליפט ווערט אונזער נשמה אין אַט דעם האַסטיגען, פיעבער־האַפּטיגען לעבענס־לויף. צאַרטער ווערען איהרע סטרונעס, דינער די עמפּפינדונגען, איידעלער די רייצבאַרקייט. ווי אַ טהייערער פיעדעל ווערט די נשמה פון דעם מאָדערנעם קולטור־מענשען, ווי אַ טהייערער פיעדעל, וואָס די סטרונעס זיינע רופען זיך אָפּ אויף יעדען בלאָז פון אַ ווינד, אויף יעדען גערויש, אויף יעדען ציטער פון דער לופט — רופען זיך אָב און ציטערען, און קלינגען איינגעהאַלטען מיט אַ זאַנפטען אַקאָרד.

די קונסט — די מאָדערנע קונסט — קען ניט זיין אַנדערש, ווי דאָס מאָדערנע לעבען. זי זוכט אָבצושפּיעגלען אין זיך די גאַנצע פערשיעדענאַרטיגקייט פון דעם מאָדערנעם מענשען, זי זוכט און געפינט אַ שליסעל צו דעם קדש־קדשים פון זיין נשמה, זי איז אַליין אַ לעהרערין און אַ וועג־ווייזערין אין דעם גרויסען לעבענס שטראָם, וואָס ברויזט און רעש'ט אַרום און אַרום. און זוכענדיג אריינצונעהמען אין זיך דעם גאַנצען אינהאַלט פון דעם מאָדערנעם מענשען, זוכענדיג צו ענטפערען מיט אַ פריינדליכען אָבקלאַנג אויף די אַלע פערשיעדענפאַרביגע טענער פון זיינע שטימונגען און געפיהלען — אויף די אַלע נייע עלעמענטען, וואָס פייערען זייער נצחון אין זיין נשמה, — מוז זי זוכען נייע פאָרמען, נייע מיט־לען, נייע וועגען, מוז זי אריבערשפּאַנען די אַלטע צוימען, פער־וואַרפען די אַלטע מאָסען, פערגרעסערען איהרע מעגליכקייטען אַ סך ווייטער, ווי ס'האָבען אפילו געוואָגט צו טרוימען די אַלטע קינסטלער.

די נייע פאָרם ווערט דאָ אומבעדינגט נויטיג פאַר דעם אינ־האַלט, דער נייער אינהאַלט קען ניט אריינגעגאָסען ווערען אין די אַלטע געפעסען, די אַלטע קונסט, די אַלטע ליטעראַטור האָט פּשוט ניט בכח אויסצודריקען דאָס, וואָס ס'בעוועגט און בעאונרוהיגט דעם היינטיגען מענשען.

פאַראַן אַ דייטשער מאָדערניסט אַ ל ט ע נ ב ע ר ג. אַ טיפּיש קינד פון דער מאָדערנער גרויסער שטאָדט, אַ טיפּישער אינ־

טעליגענט. וואָס ער שרייבט — דאָס פיהלט מעהר אָדער וועניגער יעדער אינטעליגענטער מענש, וואָס איז ענג צוזאַמענגעוואַקסען מיט דער גרויסער שטאָדט. יעדע צאַרטע בעוועגונג פון דעם מענ־שען'ס נשמה געפינט אַ זאַנפטען אויסדרוק אין זיינע ווערק. ער נעהמט ניט דעם מענשען אין זיין געזעלשאַפטליכער ארבייט, ער געהמט איהם, ווי ער איז אליין, פאַר זיך, אין זיינע אינטימסטע בעציהונגען, אין זיינע פּריוואַטע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. ניט גרויס זיינען אַלטענבערג'ס סקיצען: איין בלעטעל, העכסטענס צוויי־דריי. ניטאָ קיין ענטוויקלונג פון כאַראַקטערען, ניטאָ קיין לאַנגע, לאַנגווייליגע בעשרייבונגען. דינע, קוים בעמערקבאַרע לי־ניען, צוויי־דריי שטריכען — און פאַרטיג. און איהר לייענט און איהר פיהלט: דאָס איז אייערס, אייגענס, איהר פיהלט אייער קרובה'שאַפט מיט דעם וואָס איהר לייענט, און איהר ווייסט: אַ ז ו י שרייבען, אזוי אריינדרינגען אין אייער נשמה, אַ ז ו י נ ס בעמערקען און פערקערפּערען אין אַ פּאָעטישען פערעל האָט געקענט נאָר אַלטענבערג — אַלטענבערג דער אייביג גרויס־שטעדטישער בראָדיאַגע, אַלטענבערג דער אינטעליגענטער פּראָלעטאַריער, אַל־טענבערג דער מאָדערניסט.

וואָס כאַראַקטעריזירט דען די מאָדערנע ליטעראַטור? דאָס וואָס זי וויל ר ע ד ע ן א ו נ מ י ט ע ל ב א ר צו אייער נשמה. דאָס וואָס זי וויל, אויף וויפיעל דאָס איז מעגליך, אראָבוואַרפען דאָס גשמיות פון דעם ליטעראַרישען ווערק און איבערלאָזען דעם תמצית, דעם תוך, דעם נפש — דאָס וויכטיגסטע און ווערטה־פאָלסטע פון דעם, וואָס דעם דיכטער בעוועגט און בעגייסטערט. דער מאָדערנער דיכטער וויל אייך אונמיטעלבאַר געבען די נאַ־קעטע מענשליכע נשמה אזוי, אַז איין נשמה זאָל רעדען צו דער צווייטער. דאָס איז נאָר אַ אידעאַל, דאָס וועט אפשר קיינמאָל ניט פערווירקליכט ווערען, און אפשר איז דאָס אפילו ניט ווינשענס־ווערטה, אַז ער זאָל פערווירקליכט ווערען אין זיין שאַרפסטער פאָרם (דאָס וואָלט געהייסען, אַז די פּאָעזיע ווערט צוגעגלייכט צו דער מוזיק, און דאָס קען זי ניט זיין שוין לויט דעם מאַטעריאַל, פון וועלכען זי בויט איהרע ווערק), אָבער די ריכטונג איז דאָך צוגעפּאַסט צו דעם גאַנצען מאָדערנעם קולטור־לעבען, צו די אי־

בערלעבונגען פון היינטיגען קולטור־מענש. אין דעריז איז איהר גרויסע בעדייטונג.

דער מאָדערנער דיכטער נוצט אויס אַלצדינג, וואָס ער קען נאָר, כדי ארויסצורופען די ווירקונג, וועלכע ער ווינשט. די מוזיק פון די ווערטער גופא — דאָס איז איינס פון די וויכטיגסטע מיטלען. וועלכע די אַלטע קונסט־פאָרמען האָבען ניט גענוג הויך געשעצט. דער מאָדערניזם האָט די דיכטערישע שפּראַך אומעטום אויפגע־הויבען אויף אַזאַ הויכע מדרגה, ווייל אין דער שפּראַך גופא, אין דער קאָמבינאַציע פון די ווערטער זעהט ער איינע פון די ווירק־זאַמסטע קינסטלערישע געצייגען. אָבער ניט נאָר אין די ווערטער. די מאָדערנע ליטעראַטור האָט דעם אוצר פון סימבאָלען אונענדליך בערייכערט. די שפּראַך פון דעם מאָדערניסט איז אַ סימבאָלישע שפּראַך. די סימבאָלען דערגרייכען אָפט צו אַזאַ שטופע, אַז זיי ווערען שוין צו אַבסטראַקט. דאָס איז איינער פון די חסרונות. אָבער אין דער זעלבער צייט די גרעסטע מעלה פון דעם מאָדער־ניזם. ווארים קיין שום ריכטונג איז ניט אַזוי מסוגל צו דער פּאָעטישער שילדערונג פון פילאָזאָפישע שטימונגען און פילאָ־זאָפישע צווייפלען, ווי דער מאָדערניזם. אויב דער מאָדערנער מענש איז פון אַלע זייטען ארומגערינגעלט מיט טויזענדער „פער־שאָלטענע" פראַגען, אויב ער זוכט צו געפינען אַ ריכטיגען וועג צווישען דעם דאָזיגען פערפלאָנטערטען קנויל, איז די מאָדערנע ליטעראַטור אַם מייסטען צוגעפּאַסט אויסצודריקען זיינע געדאַנ־קען און געפיהלען אָט אין דעם פּראָצעס. דאָס איז איינע פון די אורזאַכען, פאַרוואָס פיעלע קריטיקער שרייען „איך פערשטעה ניט".

דאָ זיינען מיר צוגעגאַנגען צו נאָך אַ פּונקט, וועלכער גיט שטאָף צו זעהר פיעל פּאָלעמיק. די מאָדערנע ליטעראַרישע פאָרם איז אַם בעסטען מסוגל צו אַ פילאָזאָפישען ראָמאַן, איבערהויפּט צו פּאָעטישע בעאַרבייטונג פון פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. דער פילאָ־זאָפישער אינדיווידואַליזם פון איין זייט, דער מיסטיציזם פון דער אַנדערער זייט, נוצען אויס די מאָדערניסטישע ליטעראַרישע פאָרם, כדי דורכצופיהרען זייערע פילאָזאָפישע און רעליגיעזע אַנשויאונגען.

ניטשע'ס „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ" איז איינס פון די מעכטיגסטע מאָדערניסטישע ווערק, וועלכע זיינען געשריבען גע־

וואָרען אין׳ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט. אויף ניטשע׳ס סטעזשקע בעוועגען זיך פיעלע אינדיווידואַליסטיש־געשטימטע ראָמאַניסטען, וועלכע שילדערען דעם „אויבער־מענשען“ אַלס אידעאַל. מיסטישע שטימונגען לאָזען זיך אויך אַם בעסטען אויסדריקען אין אַ מאָדער־ניסטישער פאָרם. דאָס האָט געגעבען די געגנער פון מאָדערניזם אַ געלעגענהייט צו ערקלעהרען, אַז ער איז דורכאויס „אינדיווי־דואַליסטיש“, „אַנאַרכיסטיש“, „ראָמאַנטיש“, „מיסטיש“ און ווער וויים וויפיעל נאָך צונעמעגישען מען האָט איהם געגעבען וועדליג די אנשויאונגען, וועלכע ווערען דורכגעפיהרט אין מאָדערניסטישע ווערק.

דאָס איז אָבער פאַלש. איך האָב נאָך אין צווייטען קאַפּיטעל אָנגעוויזען, אַז אַזאַ צונויפמישען די פאָרם מיט׳ן אינהאַלט פיהרט צו אַן אונריכטיגען שלוס. עס איז בפירוש ניט נויטיג צו זיין אַן אינדיווידואַליסט, אַ מיסטישער אַנאַרכיסט, אָדער אַ רעליגיעזער ראָמאַנטיקער, כדי צו אָנערקענען דעם ווערטה און די קולטורעלע בעדייטונג פון דעם מאָדערניזם אין ליטעראַטור און קונסט. מיט די אַלע אויבענדערמאָנטע ריכטונגען מעג מען ניט זיין איינפער־שטאַנען, אָבער קעמפּפענדיג, קריטיקירענדיג, אַגיטירענדיג, דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז מען קעמפּפט געגען אַ נ ש ו י א ו נ ג ע ן. אָבער ניט געגען דער פאָרם, אין וועלכער דיעזע אנשויאונגען זיי־נען פערקערפּערט.

איינער פון די שעדליכסטע פאָראורטהיילען, וועלכע האָבען זיך איינגעוואָרצעלט ספּעציעל אין דער פּראָלעטאַרישער אינטעלי־גענץ, איז די מיינונג, אַז אַלצדינג, וואָס ס׳איז דעקאַדענטיש, דריקט אויס די פּסיחאָלאָגיע און די שטימונגען פון דער בורזשואַזיע. אַז די מאָדערניסטישע ליטעראַטור איז בעשאַפען געוואָרען צו דינע־נען דעם געשמאַק און די בעדערפעגישען פון דער „צופוילטער בורזשואַזער אינטעליגענץ“ און אַז דער אַרבייטער־קלאַס איז אין אַזוינע ליטעראַרישע ווערק פעראינטערעסירט נאָר נעגאַטיוו — ד. ה., ער מוז קוקען אויף זיי ווי אויף עפּעס שעדליכעס און זעהן קעמפּפען געגען זיי.

דאָ זיינען אויך איבערגעמישט די פּרשיות. צוזאַמען מיט דער וואַנע שוועגקען די דאָזיגע קריטיקער אַרויס דאָס קינד אויך.

צוזאַמען מיט דעם, וואָס געפעלט זיי ניט אין דער נייער ליטעראַ־טור, זיינען זיי מבטל די גאַנצע ליטעראַטור. די דאָזיגע ערשיי־נונג זעהען מיר אָפט ביי אונזערע אידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער. עס איז כדאי אויף די מיינונגען זיך אָפּצושטעלען געוויער.

V.

„פון פּראָלעטאַרישען שטאַנדפּונקט"...

פאַראַן דעמאָקראַטיש־פּראָלעטאַרישע פּובליציסטען, וואָס זיי־נען פּשוט איבערצייגט, אַז די פּאָעזיע פון'ם אַרבייטער קלאַס דאַרף בעשטעהן אין לויטער קאַמפּפס־ליעדער און קריעגס־מאַרשען, די ליטעראַטור — אין פּאָפּולערע בעאַרבייטונג פון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגען, די מוזיק פון דעם גאַנצען אַרבייטער לעבען — אין פויקען־קלאַפּען און טריט־הילכען פון מאַרשירענדע אַרבייטער באַטאַליאָנען.

א בעקאַנטער אידישער שרייבער האָט אַמאָל געשריבען אין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישען אידישען זשורנאַל:

„דער אינטעליגענט גריבעלט זיך אין די סודות פון זיין איי־גענער נשמה און אין די סודות פון דעם עולם הנשמות און דערמיט פערטויבט ער די גייסטיגע פּוסטקייט, דערמיט פילט ער אויס דעם גאַנצען חלל, וואָס ביי איהם איז געבליבען נאָך דער רוסישער רע־וואָלוציע" (עס רעדט זיך וועגען דער רוסישער און רוסיש־אידישער אינטעליגענץ).

ביי דעם זעלבען שרייבער לייענען מיר: „עס ווילט זיך אביסעל ליגען אויפ'ן ווייכען דיוואַן און פאַנטאַזירען וועגען אַנ־דערע וועלטען, ניט וועגען דער בלוטיגער ערד".

אַן אַנדער אידישער שרייבער, קריטיקירענדיג די „ליטעראַ־רישע מאַנאַטשריפטען", שרייבט וועגען דעם טיטעל־בילד מיט אַ „האַרבער" איראָניע: „די יונגע פרוי איז אַ סימבאָל, אַ בילד פון „כנסת ישראל", וואָס בענקט נאָך עטוואָס אַזוינס, וואָס מען קען דאָס ניט אָנטאַפּען, ניט אָנרופען, וואָס לאָזט זיך ניט אויס־

שפּרעכען מיט אַ געוועהנליכער מענשליכער שפּראַך, קורץ, וואָס בענקט נאָך דעקאַדענטיש־סימבאַליסטישער קונסט...״ נאָכדעם צעהלט דער שרייבער איבער וויפיעל מאָל דאָס וואָרט „בענקען״ בעגעגענט זיך אין דעם זשורנאַל, און געפינט אין פּרץ הירשביין׳ס „וואַנדער־טרוימען״ ניט ווענינער ווי צעהן מאָל, אין שלום אש׳ס „פּאַלעסטינא־רייזע״ ווידער צעהן מאָל „בענקען״ און „בענקשאַפט״, אין אנכי׳ס סקיצע פינף מאָל, און א. ווו. ער קומט צום שלוס, אַז דאָס איז אַלעס געשריבען ספּעציעל פאַר׳ן „בורזשואַזען אינטעלי־גענט״, וועלכער לייענט „אום צו קיצלען דעם עסטעטישען גומען, אָדער פערדייען דאָס עסען, אויסציהענדיג זיך נאָך אַ גוטען מיטאָג אויף דער קושעטקע״ (פערגל. אויבען: „אַביסעל ליגען אויפ׳ן ווייכען דיוואַן״...).

און די שרייבער זיינען טאַקע אמת איבערצייגט, אַז זיי שריי־בען פון׳ם שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַריאַט! און זיי מיינען טאַקי, אַז אַלצדינג, וואָס זיי קריטיקירען האָט גאָר קיין שייכות ניט צו דער מאַסע, קעהרט זיך ניט אָן מיט דעם קעמפּפענדען ארבייטער־קלאַס.

„גריבלען זיך אין די סודות פון דער אייגענער נשמה!״. דאָס איז, הייסט עס, ספּעציעלע ארבייט פון אַ אינטעליגענט. דער אר־בייטער האָט שוין געלעזט אַלע פראַגען, אויפגעדעקט אַלע סודות אי פון זיין אייגענער נשמה, אי פון דעם גאַנצען עולם הנשמות, דערגרונטעוועט אַלע פערשאָלטענע פּראָבלעמען, איבער וועלכע עס מאַטערט זיך די מענשהייט פון טויזענדער יאָהרען. דער ארביי־טער אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין דער נשמה. דאָרט איז אַלצדינג פערענטפערט, אַלצדינג קלאָהר און דייטליך, ניטאָ קיין צווייפעל, ניט קיין יאוש, ניט קיין פאַלען און ווידעראויפשטעהן, ניט קיין מאָמענטען פון אָבהענדיגקייט, פון שוואַכקייט, ניט קיין מאָמענטען פון נייער בעגייסטערונג און ניי־עם פרעהליכען שאַפען. דעם ארבייטער׳ס נשמה ווייס ניט פון ליגען דערשלאָגען, צושמעטערט, פון ראַנגלען זיך אין טויטליכען פיין, פון זוכען און רופען און טרוימען. דאָס איז אַלץ אינטעלי־גענטע עובדות!

די שרייבער בעמערקען גאַר ניט, אויף וואָס פאַר אַ מדרגה עס שטעהט ביי זיי דער ארבייטער, וואָס פאַר אַ פּנים ער בעקומט אונטער זייער פען. צוויי הענד צו האַלטען דאָס געוועהר, צוויי פיס צו טראָגען דעם קעמפּפער צום שלאַכט־פעלד, אַ שטיקעל מח צו רעגולירען די ארבייט פון די הענד און די פיס, — דאָס איז ביי זיי דער ארבייטער, דערינען בעשטעהט דער גאַנצער אינהאַלט פון זיין לעבען. דאָס וואָס שמעקט מיט „עטוואָס אַזוינס, וואָס מען קען ניט אַנטאַפּען, ניט אָנרופען, וואָס לאָזט זיך ניט אויסשפּרעכען מיט געוועהנליכער מענשליכער שפּראַך" — דאָס איז אַלעס אַן אונגוּיטיגער לוקסוס, אַ קאָנפעטקע נאָך אַ גוטען וואַרמעס!

מיר וואָלטען אַ בעלן געווען פרעגען די דאָזיגע שרייבער, וועלכע זיינען לכל הדעות פּראָלעטאַרישע, ניט קיין בורזשואזע אינ־טעליגענטען: און ביי אייך אַליין, חברים, איז אַלצדינג קלאָהר אין אייער נשמה? איהר אַליין האָט ניט איבערגעלעבט אַזוינס, וואָס מען קען דאָס „ניט אָנטאַפּען" און וואָס איהר האָט ניט קיין ווערטער אָנצורופען דאָס אַזוי, אַז יעדערער זאָל פערשטעהן? איהר אַליין האָט קיינמאָל ניט געגריבעלט זיך אין אייער אייגענער נשמה און האָט ניט גערעכענט די דאָזיגע ארבייט פּונקט אַזוי וויכטיג און נויטיג און ווערטהפאָל, ווי יעדע אַנדערע „אויסווענינגסטע" אר־בייט? צו אפשר, רעכענט איהר, אַז איהר זייט אַן אַנדער זאַך, איהר זייט די אויסערוועהלטע פון דער מאַסע, איהר דאַרפט און מוזט זיך פערנעהמען מיט אַזוינע זאַכען, אָבער די מאַסע — זי דאַרף זיך בעגנוגענען מיט פּויקען־קלאַנג און פּאַפּולערע בראָשורען? אויב איהר רעכענט אַזוי, טאָ וואו האָט איהר דערצו גענומען דאָס רעכט?

דער ארבייטער־קלאַסס איז דער טרעגער פון דער צוקונפט. דער ארבייטער־קלאַסס איז די רעוואָלוציאָנערע קראַפט אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. דערין זיינען אייניג אַלע פּראָלעטאַרישע אינטעליגענטען, און געוויס אויך די ציטירטע שרייבער. דער אר־בייטער־קלאַסס האָט אַקאָרשט איבערגעלעבט אין רוסלאַנד איינע פון די גרויזאַמסטע טראַגעדיעס, וועלכע עס האָט נאָר געזעהן די אַל־וועלטליכע געשיכטע. אַ טיעפע, אונבעשרענקטע, פערצוויי־פעלטע קריטישע ארבייט טהוט זיך דאָרט אין די מאַסען,—און דאָ

קומט מען און מעי רעדט זיך איין, אז דער ארבייטער ווייס ניט פון „בענקען“, אז איהם קומט גאר ניט אויס צו „פאנטאזירען וועגען אנדערע וועלטען“, אז דער גאנצער אינהאַלט פון זיין פסי־חיק קען אויסגעשעפּט ווערען מיט דעם, וואָס עס שטעהט אין דער ערשטער בעסטער פּראָקלאמאציע!

צי דען מיינען טאקע אונזערע קריטיקער באמת, אז דער קאמפּף, דער בלוטיגער רעוואָלוציאָנערער קאמפּף, וועלכען מיר האָבען אקאָרשט איבערגעלעבט, האט זיך געפיהרט פאר העכערען די שכירות אויף א דרייער, פאר קירצער מאכען דעם ארבייטס־טאָג אויף א פערטעל שעה — און ניט פאר העכסטע גייסטיגע בעדערפעניסען פון דעם מענשען? צי דען איז די טרייב־קראפט אין דעם גאנצען פּראָלעטארישען קאמפּף נאָר די שטרעבונג צו עקאָנאָמישער זיכערהייט, נאָר די גשמיות'דיגע אינטערעסען, און ניט דער וואונש צו לעבען ווי מענשען, דאָס הייסט צו געניסען אַלצדינג, וואָס ס'איז פאראן שעהנעס און עדעלעס אין דער מענש־ליכער קולטור? אויב אזוי, טאָ ווי קען מען זאָגען, אז טרוימען, בענקען און פאנטאזירען און איבערהויפט יעדע אָנגעשטרענגטע פסיחישע ארבייט איז ניט שייך צו די קעמפּפענדע מאסען? צי אפשר טהוט זיך די רעוואָלוציע פון זיך, אָ ה ן דער מענשליכער פסיחיק?

„פליהען אין הימעל אריין“, איבערלעבען „אונבעקאנטע, גרויזיגע שטימונגען“, פערשפרייטען די פליגעל און זיך טראָגען אין אנדערע וועלטען, — דאָס איז ביי פיעלע פון אונזערע פּראָלע־טאַרישע קריטיקער ניט קיין פּראָלעטארישע ארבייט. דאָס איז שייך צו די זאטע בורזשועזן. ס'פערשטעהט זיך, אז ביי אזוינע מיינונגען מוז מען די מאדערנע ליטעראטור אויך האַלטען פאר אַז אונגעבעטענעם, אונגעוויינשטען גאסט אין פּראָלעטארישען לאגער. זי איז טריף — „פון פּראָלעטארישען שטאנדפּונקט“.

איך קען מיך ניט איינהאַלטען ניט ציטירען דוד איינהאָרן'ס ליעד: „אין אַ לבנה נאַכט“. איך טהו דאָס מיט ווירקליכען פער־געניגען, ווארים זעלטען קומט אויס צו בעגעגענען אזא שעהן ליעד אין דער מאדערנער אידישער ליריק. די טעמע איז „בענ־

קען" — דאָס וואָרט, וואָס איז „אַזוי פּסול „פון פּראָלעטאַרישען שטאַנדפונקט":

„עמיץ האָט זיך פערבענקט...
„צו דעם בלוי־ווייסען רוים,
„צו דער נעץ פון די צערטליכע, זילבערנע
שטראַהלען
האָט פּלוצלונג אַ שטילע מעלאָדיע דערגרייכט, —
ווי אַ טרוים,
און דערנאָך אין דער ווייטקייט פערפאַלען...
עמיץ האָט זיך פערבענקט...
דאָרטען ווייט, דאָרטען ווייט, וואו עס
דרעמעלט דער וואלד
איז אַ נעבעל פון מאַטאָווען זילבער, —
שטיל אין אַ שאָטען פערהילט
פון אַ אור־אַלטען בוים,
אויפ'ן פייכטען גראָז, מיט אַ האַרפע
אין האַנד,
מוז דאָרט זיצען אַן עלענדער זינגער
און אַ נגון פערטראַכט וועבען שטיל, וועבען שטיל,
אויף די סטרונעס מיט צערטליכע פינגער,
עמיץ האָט זיך פערבענקט...

איך וואָלט אַ בעלן געווען פרעגען אונזערע קריטיקער, צי די שטימונגען, וואָס זיינען געשילדערט אין אָט דעם ליעד, זיינען בעקאַנט די ארבייטער אויך, צי ניט. ס'וואָלט געווען אַ רחמנות אויף די קעמפּפענדע ארבייטער, ווען דאָס אַלעס וואָלט געווען פרעמד זייער נשמה. דעמאָלט וואָלטען זיי טאַקע באמת געווען אָרעם...

די מעשה איז אָבער, וואָס דאָס לעבען איז גאָר ניט אזוי, ווי עס שילדערען עס אייניגע שרייבער „פון פּראָלעטאַרישען שטאַנדפונקט".

„דעם פאָלק פעהלט ברויט און דאַ קומט מען און מען פּאבריצירט איהם קאָנפעקטען". דאָס איז אויך איינע פון די טענות. וואָס מען שטעלט ארויס געגען די מאדערנע אידישע ליטעראטור. דעם פאָלק פעהלען די נויטיגע קענטניסע אין עקאָנאָמישען און סאָציאַלען לעבען, און דאָ שרייבט מען איהם גאָר וועגען „בענקעניש" און וועגען „אַ לאַנד פון געזאַנג און הארמאָניען". ווער קען דאָס האָבען די העזה?

לויט אָט דער פאָרשטעלונג וואָלט סוף כל סוף געמוזט אויפהערען אין פאָלק יעדע ליטעראַרישע טהעטיגקייט, יעדעס פּאָעטישע שאַפען, ווארים קוים שטעהט מען אויף אַזאַ „שטאַנדפּונקט", אַז די קונסט איז אַ „קאָנפעקט", אַז די שעהנע ליטעראטור איז אַ לוקסוס־זאַך — מוז מען, ווען מען וויל זיין קאָנסעקווענט, קומען צום שלוס, אַז אַלע פּאָעטען דארפען זיך נעהמען שרייבען... פּאָפּולערע בראָשורען. אַזאַ שלוס איז אָבער, ליידער, שוין אויך ניט קיין נייעס. נאָך פריהער מיט אַ יאָהר פופציג האָט געלעבט אין רוסלאַנד אַ שרייבער פּ י ס א ר ע ו ו, וועלכער האָט געהאַט אַ גוואַלדיגען איינפלוס אויף דעם דעמאָלדיגען יונגען דור, און וועלכער האָט גע'עצה'ט די ראָמאַניסטען און פּאָעטען, זיי זאָלען אראָבקריכען פון זייער פּאַרנאַס און זיך בעסער נעהמען שרייבען נאַטור־וויסענשאַפטליכע פּאָפּולערע ווערק פאַר דעם פאָלק, ווארים דאָס איז דאָך אַ סך ניצליכער און וויכטיגער, איידער לידער און נאָוועלען.

אין גרונד פון אַזוינע „אַנשויאונגען" ליגט די מיינונג, אַז די ליטעראַטור איז ניט קיין קולטורעלע מאַכט פ א ר ז י ך, אַז זי איז ניט קיין גלייך ווערטהפאָלע זאַך צווישען די אוצרות פון מאָדערנער קולטור, ווי אַלע אַנדערע ערגאָבערונגען פון'ם מענשליכען גייסט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי יעדע אַנדערע ריין דעמאָקראַטישע, ריין פאָלקס־טימליכע בעוועגונג, האָט, צום גליק, שוין לאַנג פערלאָזען אַזאַ שטאַנדפּונקט. דער היינטיגער פּראָלעטאַריער זאָגט: Homo sum — איך בין אַ מענש, און אַלעס מענשליכע איז מיר ניט פרעמד. דער פּראָלעטאַריער דאַרף קענען פּאָליטישע עקאָנאָמיע און נאַטור־וויסענשאַפט, און אַלצדינג, וואָס העלפט איהם צו פערשטעהן די וועלט און די געזעלשאַפט, פּונקט אַזוי

דאַרף ער אָבער האָבען די שעהנע ליטעראַטור, די קונסט, די מוּ־זיק, — אַלצדינג וואו עס ענטפּלעקט זיך די אינערע מענשליכע וועלט, די אינטימסטע בעוועגונגען פון דער מענשליכער נשמה. און פּונקט אַזוי דאַרף ער האָבען ניט נור א י י ן סאָרט ליטע־ראַטור, וועלכען ס'וועט בעוויליגען צו בעשטימען פאַר איהם אַ קריטיקער „פון פּראָלעטאַרישען שטאַנדפּונקט". נור טאַקע די ג אַ נ צ ע ליטעראַטור, אין איהרע גייעסטע ערשיינונגען, אין איהרע אויסגעפּיינטע, אויסגעעדעלטע פאָרמען.

ניש'קשה, ער וועט פערשטעהן, ווארים „ער" איז אַ פּיעל־קע־פּיקע בעשעפעניש. ער האָט צווישען זיך אי טעמפּע, דערשלאָ־גענע, וואָס קענען אפילו אַ גאסען־ראָמאַן אויך ניט פערשטעהן, ער האָט אָבער אויך אַזוינע, וואָס פיהלען און דענקען ווי דער מאָדער־נער קולטור־מענש, און וועלכע דאַרפען האָבען דאָס נייע, און טאַקע — דאָס שעהנסטע און די בעסטע. פאַר איהם איז דאָס אויך „טעגליך ברויט".

VI.

בילדונג און דיכטונג.

צי דאַרף אַ דיכטער זיין געבילדעט, צי ניט?

דאכט זיך, וועגען דעם קען גאָר קיין שאלה ניט זיין. דער דיכ־טער איז אויסערוועהלט פון די איבעריגע מענשען; די פּאָעטישע שעפּפונגען פערקערפּערען די וויכטיגסטע געדאַנקען און געפיהלען, וועלכע בעוועגען די מענשען. מען קען נאָך אפשר צווייפלען, צי דאַרף דער שרייבער זיין אַ וועג־ווייזער און אַ פיהרער. מען קען האָבען אַזאַ מיינונג, אַז ניט דאָס איז די אויפגאַבע פון דער קונסט. קיינער וועט אָבער ניט לייקענען, אַז די קונסט דאַרף ב ע ל ו י כ־ט ע ן דאָס לעבען, אַז דער שרייבער דאַרף ע נ ט פּ ל ע ק ע ן, וואָס ס'טהוט זיך אין מענשען און אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, אַז ער דאַרף ו ו י י ז ע ן אין לעבעדיגע געשטאַלטען דאָס, וואָס ניט יעדערער האָט בכח צו זעהן. דערצו איז אָבער נויטיג, אַז דער

שרייבער אליין זאָל זעהן מיט קלאָהרע אויגען אלצדינג, וואָס ס'טהוט זיך ארום און אין; דערצו איז נויטיג, אַז דער שרייבער זאָל האָבען ניט נאָר אַן אָפען הארץ, נאָר אויך אַן אָפענעם מח. ער דארף וויסען און קענען.

אַ טאַלאַנט אָהן קענטעניסען איז אַ געצייג אָהן מאַטעריאַל. צוויי דיכטער קענען האָבען גלייכע טאַלאַנטען און פונדעסטוועגען זאָל איינער האָבען אַ גרעסערען ווערטה, ווייל איינער ווייסט מעהר, ווי עס לעבען און שטרעבען די מענשען פון זיין צייט, ווייל ער הערט דייטליכער, ווי עס פולסירט דער לעבען ארום איהם, און זעהט שאַרפער ווי עס וועבען זיך נייע געדאַנקען און ס'ווערען נייע וועלטען געשאַפען. ער וועט דעריבער קענען ברייטער פאַנאַנדערשפרייטען זיינע פליגעל, פעסטער צושמידען אונזערע הערצער צו די שעפּפונגען פון זיין גייסט, לענגער בלייבען אין זכרון פון די קומענדיגע דורות.

דאַכט זיך, דער געדאַנק איז אַזוי קלאָהר. און פונדעסטוועגען קומט ניט זעלטען אויס צו הערען, אַז בילדונג איז פאַר אַ שרייבער ניט גאָר פון די וויכטיגסטע זאַכען, אַז דער „העכערער גייסט" זיינער קומט איהם צו הילף אומעטום, וואו עס פעהלט אויס פּאָזיטיווע קענטעניש, אַז דער דיכטער זינגט נאָר ארויס פון זיך, וואָס דער גאָט פון פּאָעזיע האָט איהם אריינגעלעגט אין זיין נשמה. ווידער און ווידער בעגעגענען מיר די אַלטע פערגלייכונג צווישען אַ דיכטער און אַ זינג־פויגעלע, וואָס זינגט און ווייס אַליין ניט פון וואָס.

אַ בעקאַנטע יונגע אידישע בעלעטריסטין שרייבט אין אַ קריטישען ארטיקעל:

„דער אמת'ער קינסטלער איז אַ נביא, אין איהם איז פערבאָרגען אַ שטיק גאָט, און בשעת זיין גאָט, זיין העכערער גייסט, הייסט און ער רעדט עס ארויס ניט בעוואוסטזיניג, קען מען נאָך האָבען צו זיין נבואה מעהר צוטרויען, ווי בשעת ער רעדט מיט שפראַך און מיט געדאַנקען, וואָס זיינען דורכגעמישט מיט פרעמדע... בשעת שאול'ן האָט בעהערשט דער געטליכער גייסט, איז ער גלייך

פון ה י ר ט ע ן־ב י י ד ע ל אוועק, זיך אַנגעשלאָסען צו אַ קאָמפּאַניע נביאים און אָנגעהויבען גלייך מיט זיי נביאות זאָגען".

און ווייטער:

„דער קינסטלער, בשעת ער שאַפט, האָט ער די מאַסען גאַר ניט אין זינען; ער זינגט נאָר ארויס זיינע אייגענע געפיהלען. און אויב די מאַסען לויפען איהם נאָך, איז דאָס ניט זיין שולד. און ניט יעדער קינסטלער האָט אַ גלייכען רוף: אַנדערע זיינען וועקער, וואָס ציהען מיט אַ בלינדען כח די מאַסען נאָך זיך, אַנ־דערע ווידער ז י י נ ע ן ז י נ ג־פ ו י ג ע ל א ך, וואָס פער־זיסערען אָדער פערביטערען דעם לעבען מיט זייער געזאַנג".

עס וואָלט אפשר ניט כדאי געווען זיך אָבצושטעלען אויף אַזאַ נאַאיווע, סענטימענטאַלע „פילאָזאָפיע", ווען דאָס וואָלט ניט ארויס פון אונטער דער פעדער פון אַ טאַלאַנטפאָלער אידישער בעלע־טריסטין. דאָס שרייבט אַ מענש וואָס האָט אַליין אַ שייכות צו ליטעראַטור און שרייבען טהוט זי דאָס כדי צו פערענטפערען די יונגע אידישע שריפטשטעלער פאַר דער בעשולדיגונג, אַז זיי זיינען ווייניג געבילדעט. דאָס קלינגט ווי אַ מין פּראָגראַם — און בעקומט דעריבער אַ סימפּטאָמאַטישע בעדייטונג.

די יונגע אידישע שרייבער זיינען ווייניג געבילדעט. דאָס איז אַ פאַקט. פאַראַן צווישען זיי מענשען, וואָס קענען ניט קיין שום אייראָפּעאישע שפּראַך, אַ חוץ אידיש. פאַראַן אַזוינע, וואָס האָ־בען ניט דעם קלענסטען בעגריף וועגען די וויכטיגע ליטעראַרישע ווערק פון דער אַלל־וועלטליכער ליטעראַטור. פאַראַן פּאָעטען, וואָס שרייבען און דרוקען געדיכטע (און דוקא שעהנע געדיכטע) און קענען ניט די עלעמענטאַרסטע כללים פון מעטריק. פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבען נאָר מיט איין אויער געהערט וועגען די גייסטיגע שטרעמונגען און דעם אידעען־קאַמפּף פון זייער צייט — און דאָס וואָס זיי האָבען געהערט האָבען זיי אויך ווייניג פער־שטאַנען.

דאָס איז אַ פאַקט. די קריטיק מוז איהם אַנערקענען. עס ליגט דערין ניט קיין בעשולדיגונג געגען איינצעלנע שרייבער. מענ־שען לעבען אַזוי ווי עס לאָזט זיך. די בילדונגס־שטופע פון די אי־דישע שרייבער איז נאָר אַן אָבגלאַנץ פון דער אַלגעמיין־אידישער

לאַנגע אין פּאָליטישען און עקאָנאָמישען הינזיכט. דאָס פּאָלק איז אָרים. דאָס פּאָלק איז אונטערדריקט פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. די מאַסען ווערען ניט צוגעלאָזען צו בילדונג. און אונזערע שרייבער זיינען קינדער פון דער מאַסע, איהר בלוט און איהר פלייש: וואו האָבען זיי געזאָלט ענטוויקלען זייערע גייסטיגע קרעפטען? דער פאַקט ווערט אָבער פון דעם ניט פערענדערט. די אידישע שריי־בער זיינען צו ווייניג אינטעליגענט — און דאָס לעגט ארויף אַ שטעמפּעל אויף דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור. ניט אומזיסט האָט רער אייראָפּעאיש־געבילדעטער אידישער אינטעליגענט ביז דער לעצטער צייט געקרימט די נאָז אויף דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור, ווי איינער רעדט: וואָס קענען מיר געבען אַזוינע שרייבער?

ניט ווייניג איז דאָ שולדיג, וואָס די אידישע ליטעראַטור האָט זיך לאַנגע יאָהרען גערעכענט פאַר אַ שטיף־קינד ביים געבילדע־טען אידישען עולם: די העברעאיסטען האָט געצויגען צו לשון־קדש, די אסימילירטע — צו רוסיש און פּויליש. די אידישע לי־טעראַטור האָט נאָך ניט געהאַט פערנומען קיין ב׳כבוד׳יג אָרט צווישען אַנדערע אייראָפּעאישע ליטעראַטורען. דער געבילדעטער שרייבער האָט געזוכט צו ענטוויקלען זיינע שעפּפערישע קרעפטען ניט אויף דעם פעלד פון זיין נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. בלייבען פּלעגען ס׳רוב נאָר אַזעלכע, וואָס האָבען אַנדערשוואו ניט געקענט פערנעהמען קיין פּלאַץ.

דאָס אַלעס ענדערט זיך איצט, און מיר זיינען איבערצייגט, אַז צוזאַמען מיט דער אויפלעבונג פון די מאַסען, צוזאַמען מיט דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור, וועט אַלץ מעהר וואַקסען די בילדונגס־שטופע און די אינטעליגענץ פון די אידישע שרייבער. מיר זעהען שוין פאַר אונזערע אויגען, ווי עס ווערט אַלע מאָל בכבוד׳יגער דער נאָמען „אידישער דיכטער“; מיר זעהען פאַקטען, אַז מען קען זיין אַ אידישער שרייבער און דאָך זיין בעקאַנט און בעליעבט אין אייראָפּאַ. דאָס אַלעס וועט מוזען צוציהען צו דער אידישער ליטעראַטור נייע גייסטיגע קרעפטען, בעוואָפענטע מיט דעם גאַנצען אידעען־געוועהר פון זייער צייט.

דאָס וועט זיין. אָבער דערווייל איז די שטופע פון גייסטיגער ענטוויקלונג ביי אונזערע שרייבער זעהר ניט הויך, דאָס קען מען ניט פערשווייגען. מיר זאָגען נאָך אַמאָל: מיר מאַכען קיינעם ניט שולדיג, אַ חוץ די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע. און מיר זיינען ווייט פון דעם געדאַנק צו זאָגען אונזערע איצטיגע אידישע שרייבער: „געהט, קינדער, אין חדר". אַזאַ עצה איז לייכטער צו געבען, איידער זי צו ערפילען. „לעזט, שטור־דירט!" האָט אַ בעקאַנטער אידישער פּובליציסט מיט אַ שטיק צייט צוריק געזאָגט אין אַן ארטיקעל צו אונזערע יונגע בעלעטרי־סטען. מיר ווייסען אָבער, אַז לערנען און שאַפען איז אָפט סותר איינס דעם צווייטען. מיר ווייסען, אַז אין אַ געוויסען עלטער איז כמעט אונמעגליך זיך אוועקזעצען „קוועטשען די באַנק", בפרט פאַר אַזאַ מענשען, וואָס האָט שוין פערזוכט דעם טעם פון בעקאַנט זיין ביים עולם. מיר ווייסען, אַז אי פּסיכאָלאָגישע, איז בעזאָנדערס עקאָנאָמישע בעדינגונגען פערהינדערען אָפט דעם מענשען צו נעה־מען זיך פאַר דער ארבייט פון זעלבסט־בילדונג — אַן ארבייט, וועלכע דאַרף דויערען יאָהרען. מיר ווילען דעריבער זיך ניט רוקען מיט אַזעלכע וואָלוועלע עצות. מיר שעצען צו הויך די פּערזענ־ליכקייט פון יעדען איינציגען שרייבער, אַז מיר זאָלען זיי אַלעמען ווילען פערשרייבען איין גלייכען רעצעפּט און האָפען, אַז ער וועט אַלעמען ברענגען אַ רפואה.

מען דאַרף אָבער, ווידער צוריק, ניט ווילען א י ד ע א ל י ־ ז י ר ע ן די ניעדריגע בילדונגס־שטופע, ווי דאָס טהוט די אויבען־ציטירטע בעלעטריסטין. מען טאָר זיך ניט טרייסטען מיט אַזוינע חלומות, אַז „וואָס ווייניגער דער דיכטער רעדט בעוואוסטזיניג, אַלץ מעהר צוטרויען קען מען צו איהם האָבען". דער דיכטער איז ניט קיין נביא פון תנ"ך, ניט קיין מענש וואָס רעדט מיט גאָט און חזר'ט איבער דאָס, וואָס גאָט האָט איהם געהייסען רעדען. דער דיכטער איז ניט קיין פויגעל. דאָס זיינען אַלץ משלים, און — מען מוז זאָגען — שוין זעהר אַלטע, אָבגעבליאַקעוועטע משלים; פערשטעהען זיי פּשוטם כמשמעם, וואָרט אין וואָרט, הייסט נאַרען זיך און דעם עולם. דער דיכטער איז ניט קיין אינסטרומענט אין אימיצענס הענד — ער איז אַליין אַ שעפּפער און אַ בויער, און

שאַפען טהוט ער ניט פאַר זיך, נאָר פ א ר י ע נ ע ם (אז ניט וואָלט ער ניט געשיקט זיינע ווערק אין רעדאַקציע און ניט געלאָזט דרוקען זיינע ביכער). זאָגען, אַז „דער דיכטער האָט די מאַסען (ד. ה., די לעזער, דאָס פּובליקום) ניט אין זינען", הייסט איבער־חזר׳ען אַ שעהנע פראַזע, וואָס האָט שוין לאַנג פערלאָרען יעדען זין און בעדייטונג. איז דער פּאָעט אָבער אַ שעפּפער פאַר די מענשען, דאַרף ער שאַפען פון אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס איז ניי און לעבעדיג און צאַפּפּעלדיג ביי די מענשען. איז ער אַ בויער, דאַרף ער בויען אַזוינע טעמפּלען און שלעסער, אַז די מענשען זאָלען קוקען אויף זיי מיט בעגייסטערונג און ענטציקונג, אַז די מענשען זאָלען זעהן אין זיי אַ פּערקערפּערונג פון זייערע לעבעדיגסטע, טיעפסטע און ווירקזאַמסטע געדאַנקען און געפיהלען, אַז די מענשען זאָלען געהן מאַסענווייז אין אָט די טעמפּלען, כדי צו פערנעהמען אין זיי די מוזיק פון זייער אייגענער נשמה — נאָר אַ געלייטערטע, אַ געריי־ניגטע און פּערטיעפטע. און ווי וועט דער דיכטער דאָס קענען. ייען אַ ליאַדע אינטעליגענט וועט האָבען דאָס רעכט צו זאָגען: „ברודער, דו ביזט צו פּרימיטיוו, דו חזר׳סט איבער שוין לאַנג פערגעסענע מאָטיווען, דו קענסט ניט געהן האַנד אין האַנד מיט די דענקער און קעמפּפער פון היינטיגע יאָהרען"! וואָס וועט דאַ העלפען די ראיה מיט דעם „זינג־פויגעל" און דעם פּאַסטוך?

נאָך אַמאָל: מיר גיבען קיינעם ניט קיין עצות, ווייל אַזוינע עצות האָבען נאָך קיינעם ניט געהאָלפען. אונז איז אָבער טהייער די אידישע ליטעראַטור, און דעריבער טאָרען מיר ניט פערמאַכען די אויגען אויף איהרע פעהלערען. איינער פון די פעהלערען איז דער מאַנגעל אין בילדונג ביי אונזערע שרייבער. וועגען דעם דאַרף מען רעדען. דעם פאַקט דאַרף מען קאָנסטאַטירען, און וואָר עס וויל אונז טרייסטען מיט אַזוינע מליצות, ווי די אויבען־דער־מאָנטע, דער טהוט דער ליטעראַטור אונזערער זעהר אַ קליינע טובה...

ס׳איז אָבער דורכאויס פאַלש, ווען מען נעהמט אָט דעם ביל־דונגס־מאַנגעל פאַר אַ שליסעל צו ערקלעהרען די מאָדערניסטישע ריכטונג פון די אידישע שרייבער — ווי דאָס טהוען איינִיגע פּובלי־ציסטען. צוויי זאַכען, זאָגט מען, נעהמען זיך אין אונזער ליטע־

ראַטור פון וועניג אינטעליגענץ ביי די ליטעראַטען: ערשטענס, דאָס וואָס מען שרייבט דעקאַדענטיש, צווייטענס — דאָס וואָס עס איז ניט געשאַפען געוואָרען קיין קונסט־ווערק וועגען דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע. איןביידע זאַכען, זאָגט מען, איז שול־דיג דער „עם הארץ“.

אזא מיינונג דערווייזט נאָר, אז ס'זיינען דא מענשען, וואָס האָבען פיינט אַ „דעקאַדענט“ אַ סך מעהר, ווי אַן אַמאָליגער חסיד פלעגט פיינט האָבען אַ מתנגד, און זיינען גרייט אַרויפוואַרפען אויף זיין קאָפּ כל הרעות שבעולם. דאָס בעווייזט אפשר, ווי אונ־זערע „דעקאַדענטען־פּרעסער“ זיינען קאָנסעקווענט אין זייער שנאה. ראָס האָט אָבער וועניג צו טהאָן מיט דעם אמת.

(1908).

וועגען לידער
אין אַלגעמיין

װעגען לידער אין אלגעמיין.

I.

סימבאָל און ריטם.

מיר'ן אָנהויבען פון אַ ביישפּיעל. אָט איז אַ ליד פון אַ בע־ריהמטען אידישען דיכטער. דאָס ליד הייסט „אַז אַלטע גע־שיכטע“:

איך בין קראַנק, זאָלען פיינד זיך פרעהען.
איך בין קראַנק, זאָלען שונאים לאַכען.
יא, דאָס זיינען אַלטע זאַכען,
נאָר די קלוגע דאָס פערשטעהען.

גרעסערע ווי איך אַ סך
האָבען דורכגעמאַכט די זאַך.
ערגער זיך ניט זעעלע, שוויג!
עס איז אַלעס ווערטה אַ פייג“.

לייענט זיך איין אין דעם ליעד און ענטפערט זיך אַליין: געפעלט עס אייך, אָדער ניט? אויב יא, טאַ פאַרוואָס? אויב ניט — טאָ ווידער אַמאָל פאַרוואָס?

מיר וועלען דערווייל ניט זאָגען ניט יא, ניט ניין. מיר וועלען דאָס ליעד אַנאַליזירען.

קודם כל — די שפּראַך. איין מעלה האָט זי: זי איז גרינג. זי איז קלאָהר און פערשטענדליך. אָבער פּרופט, מאַכט מיט איהר אַזאַ עקספּערימענט: שרייבט איבער אַלע ווערטער פון דעם ליעד.

אבער אין אזא אָרדנונג, אַז ס'זאָל אויסקומען אַהן גראמען, וועט זיך דאָס ליעד לייענען אונגעפעהר אזוי:

„איך בין קראַנק, זאָלען זיך פרעהען פיינד. איך בין קראַנק, „זאָלען שונאים לאַכען. יא, דאָס זיינען אַלטע זאכען, דאָס פער־„שטעהען נאָר די קלוגע. אַ סך גרעסערע ווי איך האָבען די זאך „דורכגעמאַכט. שוויַג, ערגער זיך ניט זעעלע! עס איז אַלעס „ווערטה אַ פייג!"

און איצט בעטראַכט: איז געבליבען עפּעס שעהנעס, בע־זונדערעס אין דער שפּראַך? מאַכט זי אויף אייך אַן איינדרוק?

דער ענטפער וועט זיין: ניין. די שפּראַך איז אַן און פאַר זיך וואָכענדיג, קאַלט און גראָה. דאָס איז די שפּראַך, וואָס אויף איהר שרייבט מען נייעס אין אַ צייטונג. דאָס איז די שפּראַך, וואָס מען געברויכט אין אַ בריעף.

דאַרף דאָס אפשר אזוי זיין?

לאָמיר נאָהמען אַ ליעד פון אַן אַנדער בעריהמטען דיכטער. עס הייסט „שבועות":

אַ כשוף־מאַכער איז די נאַכט,
די שטילע, בלאָהע נאַכט —
מיט צאַרטע אויגען האָט זי מיר
די אויגען צוגעמאַכט:

די אויגען מיר פערשלעפערט שטיל,
דאָס האַרץ מיר אויפגעוועקט:
מיט ווייסע פליעגלען, ווייך ווי זייד,
מיך ליעבליך צוגעדעקט.

דער ליעבער גרינער יום־טוב געהט.
די לופט איז בלאָה און ריין:
אויף יעדען גרעזעלע שטראַהלט אויף
אַ העלער איידעל־שטיין.

דאָס ליעד „שבועות' דריקט אויס אַן אַנדער שטימונג, ווי דאָס ליעד „אַן אַלטע געשיכטע", אָבער אונז אינטערעסירען ניט דערווייל די שטימונגען. אונז אינטערעסירט די שפּראַך.

לאמיר אויך מיט „שבועות“ דורכמאכען דעם פריהערדיגען עקספערימענט. וואס וועט זיך בעקומען?

„די נאכט, די שטילע בלאהע נאכט, איז א כשוף־מאכער.
„מיט צארטע פינגער האט זי מיר צוגעמאכט די אויגען: שטיל מיר
„פערשלעפערט די אויגען, מיר אויפגעוועקט דאס הארץ! מיט
„ווייסע פליעגלען, ווייך ווי זייד, מיך ליעבליך צוגעדעקט. דער
„ליעבער גרינער יום־טוב געהט. די לופט איז ריין און בלאה.
א העלער איידעל־שטיין שטראהלט אויף אויף יעדען גרעזעלע“.

קיין גראמען איז דא ניטא. קיין ריטם אויך ניט. אבער אפילו אזוי, אין „פראזא“־ארדנונג, איז די שפראך פון „שבועות“ דאך געבליבען פול מיט חן. פאר וואס איז דאס אזוי?

דערפאר וואס דאס איז די שפראך פון בילדער.

שוין אין אנהויב בעגריסט אייך די פראזע: „א כשוף־מאכער איז די נאכט“. די שטילע זומער־נאכט פערוואנדעלט זיך אין א לעבעדיגע בעשעפעניש. מיט צארטע פינגער מאכט זי אייך צו די אויגען, דעקט אייך אויף דאס הארץ, מיט ווייסע זיידענע פליעגלען האט זי אייך ליעבליך צוגעדעקט. איהר הערט זיך איין, איהר קוקט זיך איין, און אייך הויבט זיך אן צו גלויבען: אין אזא נאכט קענען באמת וואונדער געשעהן.

דער דיכטער פיהרט אייך אריין אין א וואונדער־לאנד. ער וויל אייך זאגען עפעס אזוינס, וואס מיט אונזערע וואכעדיגע ווערטער קען מען דאס גארניט אויסדריקען. פינסטער איז, דאכט זיך, אין דער שמעקעדיגער זומער־נאכט, און דאך זעהט מען אזוי פיעל; שטענס, דאכט זיך, ארום און ארום, און דאך טהוט זיך עפעס הייליגעס און טיעפעס. די נשמה איז וואך. דאס הארץ זאפט איין די גרויסע שעהנקייט צוזאמען מיט די סודות.

ווי דערצעהלט אונז דאס דער זינגער? עס פערלען זיך אראפ פון זיין פעדער צוויי שורות:

די אויגען מיר פערשלעפערט שטיל,
דאס הארץ מיר אויפגעוועקט.

אַט די צוויי שורות, אַט דאָס איינפאַכע בילד, טראָגן אין זיך אַ גאַנצע וועלט פון שטימונגען, וועלכע מען קען גאָר ניט אי־בערגעבן מיט געוועהנליכע ווערטער.

וואָס לערנען מיר פון דעם פערגלייך צווישען די צוויי ליע־דער? דאָס ערשטע ליעד מאַכט אויף אונז אין פּראָזאַ־פאָרם גאָר קיין איינדרוק ניט. דאָס צווייטע איז שעהן אפילו אָהן גראַמען, ווייל דאָס ערשטע בילד האָט אַן אָרימע שפּראַך, גאָר אָהן שום בילדער, און דאָס צווייטע איז אויסגעוועבט פון אַ בילדער־שפּראַך.

בילדער, סימבאָלען זיינען אַ וויכטיגער מאַטע־ריאַל ביים אויפבויען ליעדער.

פּראַקטיש קען מען זעלטען געפינען אַ גוט ליעד, וואו עס זאָ־לען ניט זיין קיין בילדער און סימבאָלען. אפילו געזעלשאַפטליכע ליעדער, אפילו טענדענציעזע ליעדער, אַבי ס'איז נאָר דאָ אין זיי אביסעל שעהנקייט, זיינען מעהר ווי געגראַמטע פּראָזאַ, זיינען פול מיט בילדער.

געדענקט איהר פּרץ'ס „ביים חופּה קלייד"? די יונגע נייטהאָ־רין זאָגט:

„בלאָס איז דאָס זיידענצייג, פונקט ווי מיין פּנים'ל,
„דורכזיכטיג־דין, ווי מיין הויט...
„ריהרט מען עס, קרעכצט עס „אוי",
פונקט מיינע ביינדעלעך..."

דאָס „חופּה קלייד" איז געוויס טענדענציעז, אָבער עס איז אַ גוט ליעד, אַ פּאָעטיש ליעד. איז דאָרט דאָס זיידענצייג אַזוי בלייך, ווי דעם מיידעל'ס פּנים'ל, קנאַקט עס פונקט ווי דעם מיי־דעל'ס ביינדעלעך. בעקומט זיך אַ מערקווירדיגע פערבינדונג צווי־שען דער מיידעל און דעם זייד, בעקומט זיך אַ מערקווירדיג לעבען.

פּערקעהרט, פּרופט עס זאָגען מיט אַ געוועהנליכער שפּראַך: „איך זיץ און נייה זיידענס, מיין פּנים איז בלאָס, מיין הויט דין, מיינע ביינער טהוען וועה. דאָס זיידענס איז בלאָס און דורכ־זיכטיג" — וועט זיך כמעט קיין איינדרוק ניט בעקומען.

אַזוי איז די ווירקונג פון בילדער.

איך, אַז איך וויל אַנאַליזירען אַ ליעד, קוק איך פריהער פון

אלץ ווי עס רעדט צו מיר: צי מיט א שפראך פון בילדער, צי מיט א שפראך פון פראזא. איך מיין, אז אמת'ער דיכטער קען זיך אי־בערהויפט ניט בעגעהן אהן בילדער.

*   *
*

הייסט עס, אז מיר האבען שוין א סימן, ווי צו דערקענען גוטע לידער? אויב בילדער איז גוט, אויב אהן בילדער איז שלעכט?

ניין. דאס איז ניט קיין סימן. ניט אלע גוטע לידער האבען דוקא א גוטע שפראך. ניט אלע גוטע לידער האבען איבערהויפט א רייכע שפראך.

מיר'ן ווייטער נעהמען א ביישפיעל.

אט איז א ליעד פון א גרויסען אידישען דיכטער; עס הייסט „ביים וואסער“:

אויפ'ן וואסער שווימען שיפען,
אויפ'ן וואסער שווימען שיפען,
די סיגנאלען רופען, רופען
אין דעם ווייטען וועג.

אויף א מאסט־בוים וועהעט א פאהנע
פון א פרעמדען לאנד,
דארטען וואוינען גוטע מענשען,
פאר מיר — אומבעקאנט...

דארטען איז דער הימעל לויטער
און די ערד איז גרין,
און ווי פאלמען אלע מיידלאך,
צעדערען — די זיהן.

דארטען וואלט איך יונג געווארען,
אבגעפרישט מיין בליק;
דארט געפונען וואלט איך אפשר
מיין פערלארען גליק...

אויפ׳ן וואסער שווימען שיפען,
און איך שטעהביים ברעג;
די סיגנאלען רופען, רופען
אין דעם ווייטען וועג.

די שפראך פון דעם בילד איז כמעט אהן בילדער. אויב איהר וועט ניט רעכענען דאס זעהר געוועהנליכע בילד „די סיגנאלען רופען" און דעם פערגלייך פון „מיידלעך ווי פאלמען" און „זיהן ווי צעדערען", איז דארט איבערהויפט ניטא קיין בילדער. די ווערטער זיינען זעהר געוועהנליך, זעהר איינפאך, אהן שום פערפוצונג.

אבער דא האט איהר אן אנדער מערקווירדיגע זאך. פרופט אדרבא אויסשטעלען די ווערטער פון׳ם ליעד אין א פראזא־ארדנונג. פרופט פערניכטען דעם ריטם. איהר וועט זעהן, אז דאס איז כמעט אונמעגליך.

„אויפ׳ן וואסער שווימען שיפען"... אדרבה, ווי דרעהט מען דאס איבער, אז עס זאל ניט קלינגען? „שיפען שווימען אויפ׳ן וואסער"... „שווימען שיפען אויפ׳ן וואסער"... עס בלייבט אלץ מוזיקאליש. ניטא קיין ברירה. „די סיגנאלען רופען, רופען אין דעם ווייטען וועג" — דא קען מען איבערהויפט ניט איבערשטעלען קיין ווארט. „דארטען איז דער הימעל לויטער און די ערד איז גרין" — ווידער קענט איהר ניט ענדערען די ארדנונג פון די ווערטער, איהר קענט ניט פערניכטען דעם קלאנג.

וואס הייסט עס? די מאכט פון׳ם ליעד איז ניט אין זיין שפראך, נאר אין זיין ריטם. עס איז א שטיק מוזיק, עס זינגט זיך פון זיך אליין. עס פיהלט זיך דערינען די בעוועגונג פון די שיפען, דאס הויבען פון די כוואליעס. עס פיהלט זיך נאך מעהר: ווי דעם דיכטער׳ס נשמה קלינגט אין איין טאן מיט די סיגנאלען און דעם רויש פון די כוואליעס.

אויפ׳ן וואסער שווימען שיפען,
און איך שטעה ביים ברעג;
די סיגנאלען רופען, רופען
אין דעם ווייטען וועג...

אי, טהוט דאס אייך א ציה מיט זיך! אי, טהוט עפעס א ציטער אויף אין אייער נשמה!

און וואס איז דאס? מוזיק. אזוי וואלט אפשר געקענט ווירקען אויף אייך א ליעד גאר אהן ווערטער, א ניגון, וואס איהר וואלט ערגעץ דערהערט פון דערווייטענס.

און אט ווי איינער פון אונזערע יונגע טאלאנטפולע דיכטער דערצעהלט א מעשה מיט גזלנים אין א וואלד:

...ס'זיינען גזלנים בעפאלען א פריץ אין וואלד.
צוויי פון די קוסטען און איינער פון הינטער א בוים, —
יענע צום פריץ און איינער צום פערד פאר'ן צוים.
איז ביי דעם פריץ געוועזען א ברען, ניט קיין פערד:
אז ער פלעגט לויפען אנטלויפען פון איהם פלעגט די ערד.
איז ווי דער פערד האט פאר זיך די גזלנים דערזעהן.
האט ער דערפיהלט אז באלד וועט אן אומגליק געשעהן.
און אז ער גיט זיך עס ראפטאס אויף דובאס א שטעל!
אט און ער רייסט זיך ארויס פון זיין אייגענער פעל.
און אז ער גיט דאס דעם שליטען אין לופטען א דרעה!
אזש די גזלנים דערשראקענע — באץ אין דעם שנעע!
אזש די גזלנים דערשראקענע לויפען אוועק.
לאזען אין שנעע ערגעץ ליגען די בליץ־שארפע העק.
און פון דעם פערד איז לאנג שוין קיין סמן ניטא...

ווען איהר דערצעהלט דאס מיט די זעלביגע ווערטער, נאר אין אן אנדער אָרדנונג, וואלט געווען זעהר א געוועהנליכע מעשה. וואס גיט דא צו חן און לעבען און בעוועגונג? דער ריטם פון די שורות, זייער קלאנג, זייערע גראמען. מיט איין ווארט: **ד י מ ו ז י ק פ ו נ ' ם ל י ע ד.**

היינט פערגלייכט דאס מיט דעם ערשטען ליעד: „אז אלטע געשיכטע" — וועט איהר זעהן, אז דארט איז איבערהויפט קיין ריטם ניטא. און אהן ריטם מאכט אפילו פראזא א שלעכטען איינדרוק, בפרט נאך לידער.

אהן ריטם איז אַ ליעד קיין ליעד ניט. אויב בילדער זיינען דער גוף פון אַ ליעד, איז דער ריטם — זיין אָטעם.

אָבער דאָס איז נאָך ווייניג. אַ ליעד דאַרף האָבען נאָך אַ סך מעהר, ווי אַ גוף און אַן אָטעם: עס דאַרף האָבען אַ נשמה.

II.

שפּראַך און אינהאַלט.

די שפּראַך איז דער גוף פון אַ ליעד. דער ריטם — זיין אָטעם. ביידע צוזאַמען בילדען די פאָרם.

די שפּראַך קען זיין רייך אין בילדער און אָרעם אין בילדער; זי קען זיין אַ געצערעטעלטע און אַ פּראָסטע, אַ זאַפטיגע און אַ טרוקענע, אַ הילכיגע און אַ שטילע, אַן אַלטמאָדישע און אַ מאָדערנע. וואָס איז בעסער? דאָס קען מען ניט זאָגען. ס'ווענדט זיך אַן דעם אינהאַלט. אין אַלגעמיין זיינען בילדער און סימבאָלען אַ נויטיג הילפס־מיטעל פאַר'ן דיכטער, אָבער ניט שטענדיג. איינס מוזען מיר נאָר געדענקען: **אַז די פאָרם זאָל פּאַסען צום אינהאַלט!**

וואָס הייסט דאָס?

מיר'ן נעהמען אַ ביישפּיעל. פאַראַן אַ ליעד פון אונזערען אַ בעריהמטען דיכטער: „דאָס ניט געזונגענע ליעד". וויל ער דאָרט דערצעהלען וועגען די מעכטיגע, אָבער אונבעשטימטע געפיהלען, וואָס דער זון־אונטערגאַנג, די נאַכט, דער שטורם דערוועקען אין זיין נשמה. דאָס ליעד איז שטאַרק און שעהן. אָבער אין דער איינלייטונג געפינט איהר אַזוינע סטראָפען:

ווי לאַקסטו מיך,
ווי פלאַגסטו מיך!
ווי דריקסטו מיך,
ווי קוויקסטו מיך!

ווי פליקסטו און בעגליקסטו מיך,
ווי שטיקסטו און ענטציקסטו מיך,
א, ניט געזונגג׳נעם ליעד!

ווי העל ענטפלעקסטו זיך,
ווי שנעל פערמעקסטו זיך!
קוים ווייזטו זיך, דערשרעקסטו זיך!
קוים וועקסטו זיך שוין עקסטו זיך,
א, ניט געזונגג׳נעם ליעד!

קוים לויכסטו אויף, פארגעהסטו שוין,
קוים הויכסטו, גלייך פערוועהסטו שוין,
קוים שפיר איך דיך,
פערליער איך דיך,
א, ניט געזונגג׳נעם ליעד!

געפעלט דאס אייך?

כדי איהר זאלט בעקומען דעם ריכטיגען איינדרוק, מאכט אזא פראבע: שטעלט אייך פאר, אז אימיצער א גרויסער דיכטער, וואס איהר קענט איהם ניט, האט אנגעשריבען א ליעד פון אונ־געוועהנליכער שעהנקייט. אין דעם ליעד האט ער אריינגעלעגט שענע געפיהלען, ערהאבענעם ערנסט, טיפע קלוגשאפט און ריינעם גלויבען. א שפראך האט ער געברויכט אן ערדלע, א מיושב־דיגע און א לויטערע. איצט שטעלט אייך פאר, אז ס׳איז געקומען אימיצער א לץ, א נאכמאכער, וואס וויל איבערקרימען דעם גרויסען דיכטער. ער מיינט, חלילה, קיין בייז ניט, ער וויל זיך נאר לוסטיג מאכען. ער שטעהט, לאמיר זאגען, אין א קאבארעט אויף דער ביהנע, ווינקט צו אייך ממזר׳יש מיט אן אויגעל און דעקלאמירט מיט א בלומרשט׳דיגען טאן,מאכענדיג טראגי־קאמישע זשעסטען:

ווי לאקסטו מיך,
ווי פלאגסטו מיך!
ווי דריקסטו מיך,
ווי קוויקסטו מיך!

ווי פליקסטו און בעגליקסטו מיך,
ווי שטיקסטו און ענטציקסטו מיך!
אַ, ניט געזונגענעם ליעד!

לייענט נאָכאַנאַנד ביז'ן סוף — און איהר וועט מוזען צוגעבען, אַז עס פּאַסט אויסגעצייכענט צום גייסט און צום טאָן פון אַ פּאַראָדיע. אַזוינע פּאַראָדיעס — און זעהר געלונגענע — האָט טאַקע געשריבען פרוג.

וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, אַז דער דיכטער פון'ם „ניט געזונגענעם ליעד" האָט ניט בענוצט די פּאַסענדע שפּראַך, די אַדעקוואַטע אויסדרוקס־פאָרם, פאַר דעם וואָס ער האָט געוואָלט האָבען. האָט זיך בעקומען ווער ווייס וואָס.

און אַזאַ אומגליק האָט שוין אַ פאַלשע שפּראַך, אַז שטענדיג קען מען אין איהר ענטדעקען אומגעלומפּערטע לאָגישע גרייזען. אין אונזער ביישפּיעל, אַ שטייגער, קומט אויס אַז דאָס ליעד נימט נאָר עס „דריקט" דעם דיכטער, נאָר עס „פליקט" איהם; דאָס ליעד, וואָס ער קען ניט כאַפּען, „אַנטפּלעקט זיך" פאַר איהם „העל"; דאָס ליעד „עקט זיך" („אוי, איך עק זיך" זאָגט מען אויף אידיש אין דעם זעלבען זין, ווי „איך שטאַרב אַוועק", „איך קען דאָס ניט פערטראָגען". „עקען זיך" קען נאָר אַ מענש, ניט קיין ליעד") און אַזוי ווי.

הערט איהר זיך איין אין דעם ריטם פון די אויבען געבראַכטע סטראָפען, פיהלט איהר אַז ער איז אַ פאַלשער. ער פּאַסט ניט צום אינהאַלט. דער אינהאַלט איז: די מעכטיגע, אָבער אונ־קלאָהרע געפיהל־כוואַליעס, וואָס הויבען זיך אין דער נשמה און זוכען זייער אויסדרוק און קענען ניט געפינען. צו אַזאַ אינהאַלט פּאַסט לחלוטין ניט דער שטיפערישער, לייכטזיניגער, צופיעל קלינגענדיגער ריטם פון די סטראָפען.

נאָך מעהר: גראַד דער ריטם האָט אַ תל געמאַכט פון דעם דיכטער'ס שפּראַך. ניט דערפאַר האָט ער געברויכט „דריקסטו מיך", ווייל ער האָט אַזוי געפיהלט, נאָר ווייל ער האָט געדאַרפט אַ גראַם צו „קוויקסטו מיך". „פליקסטו מיך" איז אַוועק אַ טענצעל מיט „בעגליקסטו מיך", „עקסטו זיך" מיט „וועקסטו זיך",

„הויכסטו" מיט „טויכסטו" — און אלעס צוזאמען האט א פנים פון חוזק.

אט דאס הייסט: די פארם פאסט ניט צום אינהאלט.

* *
*

מיר נעהמען אן אנדער ביישפיעל פון דעמזעלבען סארט: א בערימטער אידישער דיכטער האט אנגעשריבען א ליעבעס־ליעד מיט'ן נאמען „מאדאנא". מאדאנא איז די מוטער גאט'ס, דער סימבאל פון ווייבליכקייט, מוטער־ליעבע און ריינקייט. קרוינען די געליעבטע מיט'ן נאמען „מאדאנא" פלעגען די מיטעלאלטערליכע זינגער (טרובאדורען) אלס א סימן פון זייער טיעפער איבער־געבענהייט און פערעהרונג. ווי זשע רעדט אונזער אידישער טרו־באדור צו זיין מאדאנא?

מיר ציטירען דאס ליעד אינגאנצען פון אנהויב ביז'ן סוף:

מאדאנא, איך קניה פאר דיר,
מאדאנא, איך גליה פאר דיר,
מאדאנא, איך דארב פאר דיר,
מאדאנא, איך שטארב פאר דיר,
מאדאנא, איך לייד פאר דיר,
מאדאנא, איך שטרייט פאר דיר,
מאדאנא, איך קלאג פאר דיר,
מאדאנא, איך זאג פאר דיר
מיט א הארץ וואונד און טריעב:
„געבענשטע, איך האב דיך ליעב".

„קניה" — „גליה; „דארב" — „שטארב"; „קלאג" — „זאג"... פאר וואס ניט: „גלאנץ" — „טאנץ", „יאג" — „טראג", „לויב" — „רויב"? איהר קענט פון דעם ליעד אויסשניידען א פאר שורות, איהר קענט אנהויבען פון אינמיטען, איהר קענט לייענען די צווייטע פיער שורות פון אנפאנג, די ערשטע — נאכ־

דעם. עס וועט זיין דאָס זעלבע. אויב איהר ווילט, קענט איהר גאָר צוגעבען אייערע אייגענע שורות: צ. ב.:

מאַדאָנאַ, איך לעב פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך שטערב פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך שטעה פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך געה פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך זינג פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך קלינג פאַר דיר.

א. אז. וו.

דאָס ליעד איז אַ טיפּישע פּאַראָדיע, אַ חוזק, אַ פּאָיאַציישע קונץ־שטיק. און געמיינט האָט דער דיכטער ערנסט. געשריבען האָט ער ניט קיין נאָכקרימעניש, נאָר אַ ליעבעס־געזאַנג, און דערצו נאָך צו זיין הייליגער מאַדאָנאַ.

אַט דאָס הייסט אַן אונפּאַסענדע פאָרם. אין דעם גאַנצען ליעד זיינען נאָר די לעצטע צוויי שורות אייניגערמאַסען צוגעפּאַסט צו דעם אינהאַלט, וואָס האָט געשוועבט אין׳ם פערפאַסער׳ס גע־דאַנק.

כדי נאָך דייטליכער צו מאַכען וואָס דאָס הייסט אַ דיפערענץ צווישען אינהאַלט און פאָרם, לאָמיר נעהמען טאַקי אַ ריכטיגע פּאַראָדיע. דער שפּאַס פון אַ פּאַראָדיע בעשטעהט געוועהנליך אין דעם, וואָס מען נעהמט די פאָרם פון אַ בעקאַנטען ווערק און מען לעגט אין איהר אריין אַ ניט־ענטשפּרעכענדען אינהאַלט. אָדער פערקערט: מען נעהמט אַ בעקאַנטען אינהאַלט און מען טהוט איהם אָן אין אַ ניט פּאַסענדער פאָרם, רופט מען דאָס: נאָכמאַכען.

מיר׳ן ציטירען אַ טייל פון פרוג׳ס אַ ליעד, וואו ער קרימט איבער די מאָדערנע אידישע דיכטער:

שטעה אויף, מיין ליעבע,
שטעה אויף מיין טרייע!
דערפריש מיין אטעם,
זיי מיך מחיה!

פון דיינע לאקען,
פון דיינע ברעמען
וועל צו די לידער
איך גראמען נעהמען
און מאכען פרעהליך,
מיט גרויס כונה
אויף דיינע ליפען
שהחינו...
שטעה אויף, מיין געמין,
שטעה אויף, מיין כלה!
איך פיהל א ריח
פון פרישע חלה...
מלאכים פלעכטען
פון לולב קראנצען...
די זשאבעס קוואקען,
די זשאבעס טאנצען!...

לייענט זיך איין אין פרוג׳ס פאראדיע, און איהר וועט אויס־געפינען, אז אין אט דער אבזיכטליכער שטיפעריי, אין אט דעם שפאס, איז די דיפערענץ צווישען פארם און אינהאלט פיעל־פיעל קלענער, ווי אין די אויבען־ציטירטע ביישפיעלען, וואו די אויטארען זיינען געווען טויט־ערנסט...

מען דארף איבערהויפט געדענקען, אז די דיפערענץ צווישען פארם און אינהאלט איז זעלטען אזוי שרייענדיג, ווי אין „דעם ניט געזונגענעם ליעד" אדער „מאדאנא". געוועהנליך איז זי פיינער, עדלער, אבוואהל זי בעגעגענט זיך אפטער, ווי מען רע־בענט.

* *
*

וועט דער לעזער פרעגען: וואס זשע, הייסט עס, אז ס׳איז נויטהיג, דער דיכטער זאל שטענדיג געברויכען אזוינע ווערטער, וואס פאסען גוט צום אינהאלט? הייסט עס: ער דארף שטענדיג

זאגען פּ ו נ ק ט ד אָ ס, וואָס ער פיהלט און דענקט?

איידער מיר'ן ענטפערען דערויף, לאָמיר נעהמען אַ ביישפּיעל. אַ אידישער דיכטער רעדט צו זיין געליעבטער אין אַ ליעד „צו שפּעט“:

איך וואָלט דיך געליעבט,
נאָר איך קען ניט,
איך וואָלט דיך געליעבט,
נאָר איך ברען ניט.
מיין פייער — ער איז אבגעקיהלט.
געליעבטע, איך בין אויסגעשפּיעלט.

נאָך דער צייט ביזטו גוט געוואָרען,
איך האָב דעם חשק שוין פערלאָרען.
דו וויינסט אצינד:
„איך האָב דיר האָלד“.
צו שפּעט מיין קינד,
צו שפּעט מיין גאָלד!

פאַר וואָס האָסטו פריהער געשוויגען?
ווען איך האָב געזוכט דיך צו קריגען?

אַ. אז. וו.

געפעהלט אייך דאָס ליעד? קעגען אינהאַלט קענט איהר גאָר ניט האָבען. אַ מענש האָט געליעבט, נאָכדעם איז ער אבגעקיהלט געוואָרען. אַ מענש האָט געברענט, איצט איז ער אונפעהיג צו ליעבען. דאָס פּאַסירט. פאַרוואָס ניט דערצעהלען? ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס מען זאָל ניט טאָרען דערצעהלען אין ליעדער. דער ריטם איז ניט שלעכט: גראַד דאָס, וואָס ער ענדערט אָפּט זיין טעמפּאָ, בעשאַפט דעם איינדרוק פון אונרוהיגקייט, און דאָס פּאַסט זעהר גוט צום אינהאַלט.

פאַר וואָס זשע איז אייך פריקרע? פאַרוואָס האָט איהר דעם איינדרוק, אַז עפּעס איז דאָ ניט שעהן, כמעט ניט אַנשטענדיג? פאַרוואָס פיהלט איהר אַז מ ע ן ט אָ ר אַ ז ו י נ י ט ר י י ד ע ן וועגען אַזוינע זאַכען?

דאס איז דערפאר, וואס דעם דיכטער'ס ווערטער זיינען שוין צ ו נ א ה ע נ ט צום אינהאלט. דער דיכטער רופט אן יעדע זאך אפען ב י י 'ם נ א מ ע ן. ער האט געוואלט בעזיצען די פרוי, דערצעהלט ער. „איך האב געזוכט דיך צו קריגען". איצט וויל ער דאס ניט מעהר, זאגט ער: „איך האב דעם חשק שוין פערלארען". ער האט קיין כח ניט, שרייבט ער: „איך בין אויס־געשפיעלט", און אז. וו. דער שלעכטער איינדרוק בעקומט זיך צוליעב דעם, וואס דער דיכטער געברויכט א ש פ ר א ך פ ו ן ב ע ג ר י פ ע ן, ניט פון בילדער. ער איז צו נאקעט. ער איז צו איינפאך. איינפאכקייט אין לידער איז א מעלה. אבער ביז א געוויסען גראד. אפט איז די איינפאכקייט פון אזא סארט, אז זי הרג'עט אוועק דאס גאנצע ליעד.

אפשר וועט אן אנדער ביישפיעל קלאהרער מאכען דעם ענין. איך נעהם צוויי לידער פון צוויי דיכטער. ביידע לידער דריקען אויס די זעלבע שטימונג. דאס ערשטע ליעד לאמיר אנרופען 1, דאס צווייטע — 2.

ליעד 1 איז אזוי:

כ'וויים ניט וואס איך וויל;
כ'וויים ניט וואס איך וויל ניט;
כ'וויים ניט וואס איך ציעל·
כ'וויים ניט וואס איך ציעל ניט.
אלץ איז רעכט און אלץ איז שלעכט,
און איך רוה ניט דורך די נעכט.

שעהן? געוויס. עס ריהרט אייך כמעט. איהר פיהלט: ס'איז דא א הארץ. לאמיר אבער לייענען ליעד 2, וועלכעס רעדט פון דיזעלבע שטימונגען:

עס דאכט מיר, איך האב וואס פערלארען אין וועג,
איך וויים דאך ניט וואס...
זאל איך צוריקגעהן? עס איז אזוי וויים —
עס איז א פערדראס!

איך האָב וואָס פערלאָרען און ווייס דאָך ניט וואָס...
צי האָט עס אַ ווערט?
לאָז איך עס איבער — דער טאָג איז שוין קורץ,
און גרויס נאָך די ערד...

עס פאַלען שוין שאָטענס פון בוימער און בערג, —
מיין שאָטען איז לאַנג...
דאָס האַרץ איז ניט רוהיג, עס שרייט: קעהר זיך אום,
דער שאָטען טהוט באַנג!

דאָ בלייב איך גאָר שטעהן אין מיטען דעם וועג,
אין חשך געהילט...
איך האָב וואָס פערלאָרען, איך ווייס דאָך ניט וואָס —
איך האָב וואָס פערשפּיעלט...

וועלכעס ליעד איז בעסער? דאָס צווייטע. פאַרוואָס? ווייל דאָ האָט די שטימונג אַנגענומען אַן עדעלערע פאָרם. דאָס וואָס דער דיכטער פיהלט, ווערט ניט גערופען מיט זיין געוועהנליכען וואָכעדיגען נאָמען. ליעד 1 זאָגט: „כ׳ווייס ניט וואָס איך וויל, כ׳ווייס ניט וואָס איך וויל ניט“. ליעד 2 שטעלט פאַר אַ מענש אין מיטען וועג: ער האָט עפּעס פערלאָרען און ווייס ניט וואָס. עס ציהט צוריק, נאָר ער האָט מורא זיך אומקעהרען; עס ציהט פאָרווערטס, נאָר דאָס האַרץ איז ניט רוהיג.

איך האָב וואָס פערלאָרען, איך ווייס דאָך ניט וואָס —
איך האָב וואָס פערשפּיעלט...

עס קלינגט עפּעס מיט אַ בעזונדערער האַרציגקייט, עס פיהרט אייך אריין אין אַ קרייז פון אינטימער נאָהענטקייט צום דיכטער.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער דיכטער פון ליעד 1 האָט אויף דערזעלבער טעמאַ געשריבען צוריק מיט יאָהרען, איז ביי איהם אויסגעקומען אַזוי:

איינזאַם זיץ איך, ווי געפאַנגען
פון אַ זעלטזאַמען געפיהל:

עפּעס האָב איך איין פערלאַנגען,
דאָך איך וויים ניט, וואָס איך וויל.
זיינען פריידען, זיינען ליידען
ערגעץ וואו פאַר מיר בעשטעלט?
קראַנק איז איינער פון אונז ביידען! —
זאָגט: בין איך עס צו די וועלט?

שטונדען קומען און פערריגען, —
נייע, נייע קומען צו;
דאָך קיין איינע ברענגט מיין זינען
און מיין קראַנקען האַרצען רוה. —
וויינען מוז איך, קען ניט ריידען,
קען ניט וויסען, וואָס מיר פעהלט.
קראַנק איז איינער פון אונז ביידען! —
זאָגט: בין איך עס, צו די וועלט?

פערגלייכט דאָס לעצטע ליעד מיט ליעד 1 און איהר וועט פערשטעהן, אַז ליעד 1 איז ערגער נאָר דערפאַר, וואָס ס'איז צו נאַקעט, צו סימפּעל, צו אָרעם.

איינפאַכקייט איז אַ מעלה, אָבער נאָר דאָרט, וואו זי פערוואַנדעלט זיך ניט אין נאַקעטקייט. נאַקעטקייט אין ליעדער איז העסליך, ווייל זי פערניכטעט די פאָרם. פאָרם אָהן אינהאַלט איז פּוסט; אינהאַלט אָהן פאָרם איז טויט. אינהאַלט און פאָרם דאַרפען בילדען איין לעבעדיגעס, אָרגאַנישעס גאַנצעס.

* *
*

מיר האָבען נאָך אַלץ צו טהאָן געהאַט מיט'ן גוף פון דער ליעד. דער גוף אַליין איז אָבער פאָרט ניט דער עקר. דער שעהנ־סטער גוף איז ניט מעהר ווי אַ שטיק לייהם, ווען ס'איז ניטאָ אין איהם קיין נשמה. אַזוי איז אויך מיט ליעדער.

III.

3. די נשמה פון א ליעד.

מען נעהמט ווערטער; מען שטעלט זיי צונויף אין א זאץ; מען קאמבינירט זיי דערביי אזוי, אז זיי זאלען האבען א ריטם, א קלאנג. איהר לייענט איבער — און ס'ריהרט אייער הארץ, ס'וועקט אייער פאנטאזיע, ס'הויבט אין אייך אויף א גאנצען אקארד פון שטימונגען און געפיהלען.

ווי אזוי איז דאס געשעהן? דאס איז דער גרויסער, אייביגער סוד פון שאפען. איהר קענט קיינמאל ניט ערקלעהרען פארוואס דאס שעהנע איז שעהן, איהר קענט קיינמאל ניט ערקלעהרען, פאר־וואס איין קאמבינאציע פון ווערטער איז פאעזיע, פארוואס אנ׳־אנדער קאמבינאציע פון ווערטער איז פוסטע דעקלאמאציע.

איהר פיהלט אבער: איין ווערק איז לעבעדיג, דאס אנדערע—טויט; איין ווערק איז אמת, דאס אנדערע — פאלש.

געוועזן א רוסישער דיכטער לערמאנטאוו. געשטארבען צוריק מיט א יאהר אכציג. האט דער דיכטער אנגעשריבען א ליעד פון צוועלף שורות: „דער זעגעל". צוועלף קליינע, קורצע שורות. אבער הונדערטער טויזענדער מענשען האבען די שורות געלייענט, און ביי הונדערטער טויזענדער מענשען האבען אט די געצעהלטע ווערטער ערוועקט אונקלאהרע, אבער שטארקע שטימונגען.

מ'האט דאס ליעד איבערזעצט אויף אידיש; עס האט פער־לוירען א טייל פון זיין אראמאט, ווי שמעקעדיגער וויין, ווען מען גיסט איהם איבער פון איין גלאז אין א צווייטער. אבער פרופט לייענען דאס ליעד אפילו אין אידיש (סעגאלאוויטש'עס איבער־זעצונג):

א ווייסער זעגעל טראגט זיך איינזאם
אין בלאהען נעבעל־טהוי פון מעער;
וואס זוכט ער אין דעם וייטען געגענד?
וואס קומט ער אין זיין לאנד ניט מעהר?

עס פייפט דער ווינד, די וועלען שפּיעלען,
דער מאַסטבוים קרעכצט און רייסט די שטריק:
אַ ניט פון גליק איז ער אַנטלאָפען,
און ניט ער לויפט אַצינד צום גליק...

אַ קלאָהרער שטראָם בעגלייט איהם אונטען,
און איבער איהם — די גאָלד'נע שיין...
נאָר ער זוכט אומרוהיג דעם שטורעם,
ווי ס'וואָלט די רוה אין שטורם זיין...

וואָס איז דער מעהר מיט אַט די ווערטער? פאַר וואָס וועקען זיי אין אייך אַזאַ אָבקלאַנג? פאַרוואָס קלינגט אין זיי די אייביגע איינזאַמקייט און די אייביגע אומרוהיגקייט פונ'ם גרויסען ים — און פאַרוואָס דערפיהלט איהר פּלוצלונג אַזאַ נאָהענטקייט, אַזאַ מערקווירדיגע קרובה'שאַפט צווישען אייער אייגענע נשמה און דעם ווייסען זעגעל, וואָס טראָגט זיך איינזאַם „אין בלויען נעבעלטהוי פון מעער"?

פאַרוואָס?

פרעגט די רויז, פאַרוואָס איז זי שעהן. פרעגט דעם שלאַנקען טורעם, פאַרוואָס איהר קענט פון איהם ניט אַברייסען דאָס אויג. דער באָטאַניקער און בעמיקער וועלען אונטערזוכען די רויז, וועלען איבערצעהלען און בעשרייבען יעדעם בלעטעלע, יעדען בעזונדערען שטאָף, פון וואָס די בלעטעלעך בעשטעהען — און וועלען דאָך ניט ענטדעקען דעם שטאָף פון שעהנקייט. דער מויערער וועט איבער־צעהלען אַלע איינצעלנע ציגעל פון דעם טורעם און אַלע זיינען ליניען און ווינקלען — און וועט דאָך ניט ענטדעקען דעם סוד, פאַרוואָס דער טורעם איז פול מיט אַ בעזונדערען לעבען.

די רויז איז מ ע ה ר ווי אַ קאָמבינאַציע פון בלעטלעך. דער טורעם איז מ ע ה ר ווי אַ קאָמבינאַציע פון ציגעל. עס איז צו זיי צוגעקומען ע ט ו ו אַ ס. אין דער רויז האָט דאָס „עטוואָס" בעשאַפען די נאַטור אַליין. אין טורעם שטאַמט עס פון אַ מענשען'ס פאַנטאַזיע, פון אַ מענשען'ס נשמה.

א ליעד איז אויך מעהר ווי א קאמבינאציע פון ווערטער. א ליעד זאגט מעהר ווי דער דירעקטער זין פון די זאצען, וואס בילדען דאס ליעד. א ליעד האט א מאל גאר ניט קיין לאגישען זין, וואס מען זאל קענען איהם איבערדערצעהלען מיט געוועהנליכע ווערטער. און דאך איז דאס פול מיט אייגענארטיגען אינהאלט, וואס ווירקט אויף אונזער פסיחיק.

אט דאס „עטוואס“, וואס ס'איז ענטהאלטען אין ליעד, גיט דעם ערשט לעבען. אט דאס „עטוואס“ איז די נשמה פון א ליעד.

די נשמה פון א ליעד קענט איהר פונקט אזוי ווייניג בעשרייבען ווי די נשמה פון א מענשען. וואס איז נשמה? א מענש פיהלט, דענקט, ווינשט — פעראייניגען מיר דאס אלעס אונטער איין בע־גריעף: נשמה. א ליעד וועקט אבקלאנגען, רופט ארויס געפיהלס־אקארדען, ריהרט אונזער פאנטאזיע, ענטפלעקט סימפאטיען און אנטיפאטיען, — זאגען מיר: דאס ליעד האט א נשמה.

א אידישער דיכטער האט א מאל געשריבען:

ס'וויל מיין הארץ דיר עפעס זאגען,
וואס איהם הייליג איז און טייער,
נאר עס קען א הארץ ניט ריידען —
ס'קען נאר פלאקערען אין פייער.

פלאמט עס העל ווי א מזרח,
און פערגעהט אין פלאמען פייער,
און אין פייער איז עס מקריב
וואס איהם הייליג איז און טייער.

האבען די ווערטער עפעס א זין, א לאגיק? פרופט דער־צעהלט זיי מיט פראסטע ווערטער. וואס וועט אויסקומען? אימע־צענס הארץ וויל איבערגעבען עפעס א וויכטיגע זאך; א הארץ קען אבער ניט ריידען, ברענט עס ווי א מזבח און פערברענט אין פייער דאס וואס ס'וויל דערצעהלען.

וואס בעקומט זיך? אונזין. א מענש פון לאגיק וועט קניי־טשען מיט די פלייצעס: וואס דרעהט ער מיר א מח?

אין אמת'ן איז דאס נים פאר'ן מח, נאר פאר אונזער הארץ און נשמה. איהר לייענט — און איהר פיהלט (אויב איהר האט נאר די פעהיגקייט צו פיהלען), אז אין די שורות ווערט אויפגע־דעקט א גאנצע געשיכטע פון א מענשען'ס נשמה, א גאנצער קנויל פון איבערלעבונגען, וואס מען קען זיי גאר נים ארויסגעבען אין לאגישע ווערטער.

אט דאס „עטוואס", וואס איז אויסער דער לאגיק פון א ליעד, אט דאס „איראציאנאלע", וואס פערפאלגט דעם דירעקטען אינהאלט פון א ליעד, ווי א שאטען פערפאלגט א קער־פער — דאס איז דער עצם, דער תוך, די נשמה פון א ליעד. דאס מאכט ערשט פון א ליעד א קונסט־ווערק.

ווי דערקענט מען, צו א ליעד האט א נשמה, צו נים?

קיין כללים קען מען נים געבען. מיט אויסוויינינגסטע כללים ווערט מען וועניג געהאלפען. מיר האבען געזאגט: א שעהנע שפראך, א בילדער־שפראך, א פאסענדער ריטם, א פאלשטענדיגע הארמאניע צווישען פארם און אינהאלט. אבער דאס זיינען אלץ אויסערליכע זאכען. עס קען זיין א ליעד מיט א שעהנער שפראך — און ס'זאל זיין טוידט. און פערקעהרט: איהר בעגעגענט א מאל א ליעד מיט אן אונפאלקאמענער פארם — און דאך לעבט עס. פארם און אינהאלט מוזען נאטירליך שטימען — אהן דעם איז א ליעד לא יוצלח. אבער דאס אליין איז נאך נים גענוג צו געבען איהם לעבען.

* *
*

מען קען נים געבען קיין כללים, ווי צו דערקענען א גוט ליעד. אבער ביישפיעלען קען מען יא געבען. מען קען אוועק־שטעלען איינס אנטקעגען צווייטען א שוואך ליעד און א שטארק ליעד, א גוט ליעד און א שלעכט ליעד. זאל דער לעזער אליין לייענען. אפשר וועט ער דערפיהלען דעם אונטערשיעד.

א פאר אזוינע פראבען וועלען מיר איצט געבען.

אט זיינען צוויי לידער, וואס מאלען דעם הערבסט מיט זיין אומעט. געשריבען זיינען זיי פון צוויי פערשיעדענע דיכטער. פערגלייכט זיי:

א.

דער ווינד איז שרעק און גרויל,
אין פעלד איז קיין גרינס ניטאָ.
דער בוים איז דאַר און הויל.
דער הימעל גרין און גראָה.

דער שמעטערלינג איז טויט
צוזאַמען מיט דער בלום.
אין וואַלד איז ליעדער־נויט,
די נעסטען פּוסט און שטום.

די זון פערגעהט אליין
אין ווייטען מערב־ראַנד.
עס ציטערט ווי געוויין
און שרעקט דאָס דונקלע לאַנד.

א יתום־וואָלקען קריכט
און זוכט אין סמוטנער הויף
און ענדערט זיין געזיכט
און לעזט זיך אויף ווי רויך.

א קראָהע קרעכצט און שטומט,
א נאַסער אומעט פאַלט.
די וועלט ליעגט ווי פערמומט
און אבגעלעבט און אַלט.

א פּחד רוקט זיך צו
און גנב'עט זיך אין האַרץ.
אליין, אליין בלייבסטו
און אלץ ארום איז שוואַרץ.

איך האב מיט א כיון גענומען א געלונגען ליד. אין די זעקס סטראפעס זיינען אויסגערעכענט די וויכטיגסטע סמנים פון הערבסט: דער ווינד, די נאקעטע ביימער, די ליידיגע נעסטען, די וואלקענס, די קראהען, דער אלגעמיינער אומעט. די פארם איז גוט. די שטימונג בעשאפט זיך.

אבער נעהמט אן אנדער ליד:

ב.

אויפ'ן פעלד
וועהט א קעלט,
יאגט א ווינד א בייזער,
און ער בויגט
און ער לייגט
צו דער ערד די גרעזער.

שטיל, מיט וועה
פאלען זיי
צו דער ערד אנידער;
ווי גערעדט:
ס'איז שוין שפעט,
ס'העלפט ניט זיין דערוויעדער.

אוים, פארביי
איז דער מאי
און דער ליעבער זומער,
סומנע, קאלט,
און עס פאלט
אויפ'ן הארץ אנ'אומער.

אין ליעד ב איז דוקא ניט אויסגערעכענט קיין סך סמנים פון הערבסט, נאר דער ווינד און די גרעזער. פונדעסטוועגען הערט זיך גום איין צו דעם ליעד און פרעגט זיך, וואו איז דא מעהר הערבסט-

שטימונג: דאָ, צי אין ליעד א? וואָס ריהרט מעהר אייער הארץ: דאָס צווייטע צו דאָס ערשטע?

פאַר מיר איז קיין ספק ניטאָ, אז אין צווייטען איז דאָ מעהר נשמה. אפשר איז דאָ שולדיג דער ריטם; אפשר די הכנעה׳־דיגע, אזוינע צוגעבויגענע, דערשלאָגענע ווערטער; אפשר דאָס, וואָס מיר זעהען נאָר אָט די נאַקעטע גרעזער, ווי דער ווינד לעגט זיי צו דער ערד, און דאָס איינע בילד איז שטארקער, איידער א סעריע קירצערע בילדער. און אפשר ווירקט אלעס צוזאמען, און אפשר נאָך עפּעס אזוינס, וואָס מען קען עס גאָר ניט אָנטאפּען. ווי די מעשה איז, אין ליעד ב איז דאָ מעהר נשמה, הגם א איז אויך גאָר ניט שלעכט.

נעהמען מיר אַנדערע צוויי לידער אויף דער טעמע: רעוואָ־לוציאָן, רויטע פאָהן, ארבייטער־קאַמפף.

I.

דאָס איז די שעהנסטע צייט פון יאָהר,
דאָס איז די שעהנסטע צייט,
דורך אלע וועלטען קלינגט דער כאָר
פון מחנות ארבייטס־לייט.

איין הייליג גרויסער וואונדער־פלאַם
צינדט יעדע זעלע אָן,
און שטאָלץ אַנטקעגען רויטען ים
ערהויב זיך, פרייהייטס פאָהן!

מארש, מארש, מארש,
מיט ארבייטס־פלאַג אין האנד,
מארש, מארש, מארש,
מיט מוטה דורך יעדען לאַנד!

ווערען זאָל דער דריקער בלאַס
פאַר אחדות עד׳לע פאָהן,
ווען עס רוישט די אר׳מע גאַס
איהר ווארנונג צו מאַמאָן!

איך בין זיכער, אז ס'וועלען זיך געפינען לעזער, וואס וועלען הנאה האבען פון אזא ליעד. ביי זיי וועט אויסקומען, אז עס איז אי שטארק, אי קלינגענדיג, אי פאעטיש. איך וועל ניט געהן מיט זיי איינטענה'ען. ביטע לעזט אן אנדער ליעד אויף דער זעלבער טעמא:

II.

ניט פון גאלד־שטאף, ניט פון זיידענס
איז די פאהז געמאכט;
אין א שרעקליכען געוויטער,
אין א שטורעם נאכט,

האט געריווישט דאס אלטע שפין־ראד,
און די בלייכע נויט
אין א פייכטען קעלער־ווינקעל,
ביי א חלב־קנויט,

האט געוועבט די גראהע פאדים
ריין און שטייף און גוט,
און געפארבט זיי מיט די לעצטע
טראפען אייגען בלוט.

אלע וועהטאגען און ליידען,
אלץ, וואס יאהרען לאנג
האט פערגיפטעט איהר נשמה,
ווי א בייזע שלאנג,

אלץ, מיט וואס געדריקט איהר לעבען
האט די טיראניי,
אין געמיט איהר גאל געגאסען
און אין הארצען בליי—

האָט די פאָלקס־נויט אין די רויטע
פעדעם איינגעוועבט...
זעהסט? די פאָהן — זי וועהט, זי פלאַטערט
און צום הימעל שטרעבט.

און די שאָטענס ווערען בלייכער,
און עס קרעהט דער האָהן —
און עס שיינט דער מאָרגען־שטערען
אויף דער רויטער פאָהן!...

וואו איז דאָ מעהר נשמה, אדרבה?
די פּראָבע וואָלט מען געקענט פערמעהרען אָהן א סוף. אבער די ציטירטע ליעדער זיינען גענוג צו אילוסטרירען דאָס געזאָגטע.

VI.

ליעדער אָהן אַ נשמה.

איך זיץ און לייען באָוושאָווער׳ס ליעדער, און מיר ווערט אַלץ שווערער אויפ׳ן הארצען. מענשען זאָגען, אַז ער איז געווען אַן אינטערעסאנטע פּערזאָן, אַ טרוימער, אַ פאַנטאַסט, אַן אמת־פּאָעטישע נאַטור. קען זיין. מענשען, וועלכע האָבען מיט איהם צוזאַמען געלעבט און מיט איהם צוזאַמען געליטען, דערצעהלען וועגען איהם פיעל שעהנעס.

פאַר מיר איז באָוושאָווער — ניט מעהר ווי אַ שטיק פערגאַנגענהייט, אַ קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון אונזער ליטעראַטור. איך לייען באָוושאָווער׳ן, איך פּרוּף אריינדרינגען אין זיינע ווערק, ווייל איך וויל ארויסרופען אין מיין פאָרשטעלונג אַ דייטליך בילד פון׳ם דיכטער. און וואָס מעהר איך לייען, אַלץ קלאָהרער ווערט פאַר מיר, אַז ער איז גאָר ניט געווען קיין פּאָעט. און וואָס קלאָהרער דאָס ווערט מיר, אַלץ שווערער שטעלט זיך מיר פאָר די אויפגאַבע דאָס צו דערווייזען.

אדרבא, ווי מאכט מען יענעם פיהלען — ניט פערשטעהן, נאָר פ י ה ל ע ן — אז די שעהנסטע, פראַגרעסיווסטע געדאנקען, אויס־געדריקט אין דער קלינגענדיגסטער פאסענדסטער שפּראַך און מיט א זעהר גלאטען פעהלערלאָזען ריטם, זיינען נאָך אַלץ ניט קיין פּאָעזיע? אז א געשעהעניש, אז און פאר זיך ריהרענד, איבערדער־צעהלט מיט זעהר פיינע ווערטער און מיט לעבעדיגע איינעצלהייטען, קען נאָך אַלץ פערערבענט ווערען אין דער אבטהיילונג פון צייטונגס־רעפּאָרטען גיכער ווי אין ליטעראטור?

פּרופט, נעהמט צונויף א הונדערט ארבייטער, וואוילע, טהייערע, פּראַגרעסיווע, קלאסען־בעוואוסטע, אויף אידישער ליטעראַטור ערצויגענע, אין סאָציאַליסטישען חדר אויסגעהאָדעוועטע אידישע ארבייטער — (ב ע ס ע ר ע ארבייטער! די ס מ ע ט ע נ ע פון דער ארבייטער־מאַסע!) — און לייענט פאר זיי, איך בעט אייך, א פּאַר ליעדער פון באַוושאָווער׳ס זאמלונג. וואָס וועט זיין? איהר וועט זעהן, אז פון הונדערט וועלען נײַנציג זיין ענטציקט און בעגייסטערט און „ליהודים׳דיג״, און מ׳וועט ערקלעהרען אַהן טענות ומענות: א גרויסער דיכטער! א שטאַרקער דיכטער!

אָט א די ניינציג אַארען מיך. און איך בין זיך מודה: איך שטעל מיר ניט פאָר, ווי לאָזט מען זיי פיהלען, אז דאָס איז פאָרט ניט קיין פּאָעזיע.

אָט איז באַוושאָווער׳ס א טיפּישע ליעד:

די הייזער ווערען העכער,
די לענדלאָרדס ווערען שטרענגער;
מיר שלאָפען אויף די דעכער,
אין שטוב ווערט אימער ענגער.

די ארבייטס־צייט ווערט גרעסער,
דער ארבייטס־לוין ווערט קלענער;
די באָסעס געהט עס בעסער,
זיי ווערען דיקער, שעהנער.

די ריכטער ווערען שלעכטער,
וויַ וואהרע קאַניבאַלען;
און דער וואָס איז גערעכטער,
דער מוז אַלס אָפּפער פאַלען.

די פוהר־לייט פון גן־עדן,
רבנים ווי אויך פריעסטער —
זיי הייסען אונז ניט ריידען,
ווען ד י וועלט ווערט אונז פינסטער.

ניט מעהר אַזוי פיעל יאָהרען
וועט אייך דאָס פאָלק פערשווייגען;
דער ראכע־גייסט, דער צאָרען,
ער האַלט אין ווילדען שטייגען.

דריקט מעהרער, איהר האבונעס,
און טאַנצט אין די פּאַלאַצען,
ציהט שטאַרקער אַן די סטרונעס —
און די געדולד וועט פּלאַצען.

אמת? אודאי! ריכטיג ווי גאָלד! מיט אַנדערע ווערטער שטעהט דאָס אפילו אין „קאַפּיטאַל" פון מאַרקס און אין דעם „ערפורטער פּראָגראַם". אין עדיטאָריאַלס פון סאָציאַליסטישע צייטונגען — אודאי און אודאי.

די שפּראַך איז גוט? אודאי. ריינע קלאָהרע אידיש, איינפאַך, ליעבליך, און ס'איז כמעט ניטאָ קיין איבעריג וואָרט. פּינקטליך אָבגעמאָסטען און אָבגעוואויגען.

דער ריטם? אויסגעצייכענט! קלינגענדיג, מעלאָדיש, אָהן אַ שטיקעלע פּגימה. די גראַמען זיינען אַלע אַזוינע געזונטע, פּאָלגעוויכטיגע, אַז אויף אַלע אונזערע דיכטער געזאָגט געוואָרען.

און דאָך — עס פעהלט נאָר איין קלייניגקייט: א נ ש מ ה. עס פעהלט דער אינוועניגסטער ציטער פון לעבען. איהר פיהלט

ניט, אַז דאָס איז דעם דיכטער'ס אינטימעס, אייגע־נעס, מיט האַרץ־בלוט פּערוועבטעס.

איז ער ניט אויפריכטיג? חלילה! געוויס מיינט ער, וואָס ער שרייבט. נאָר וואָס דען? ער דענקט דאָס. ער טראַכט וועגען דעם אין אלגעמיינע בעגריפען און דריקט דאָס אויס אין אַל־געמיינע ווערטער. זיינע געפיהלען, אויב ער האָט זיי, זיינען העכסטענס סימפּאַטיע־געפיהלען צו די אונטערדריקטע. אָבער דאָס וואָס ער דערצעהלט אונז איז ניט קיין ודוי פון א נשמה.

און אויב איהר ווילט, איז אויך דאָס מיר ניט וויכטיג. זאָל ער פיהלען, זאָל ער ניט פיהלען, זאָל ער האָבען א נשמה, זאָל ער זיין גאָר אָהן א נשמה. נישט מיין דאגה. אַבי ביי מיר, ביים לעזער, זאָל זיך בעקומען א געפיהל פון אַן איינציגאַרטיגער איבערלעבונג; אַבי מיר זאָל זיך דאכטען, אַז דאָ איז אַלגע־מיינעס וועה דורכגעגאַנגען דורך די טיעפעניש פון א בע־זונדערען אינדיווידואום און בעקומען א כח צו ריהרען אנדערע.

און דאָס פעהלט. און דאָס מאַכט פאַר מיר אַלע באַוושאַ־ווער'ס ליעדער טויט.

זאָל איך נאָך נעהמען ביישפּיעלען?

גוט. איך רעקאָמענדיר דער אויפגעקלעהרטער אויפמערק־זאַמקייט פון אונזערע געעהרטע לעזער אַזא מין טייל פון א פּראָ־קלאַמאַציע, וועלכע איז ערשיענען אין איינעם פון די שטורעם־יאָהרען.

די רעוואָלוציע געהט!

די רעוואָלוציע איז נאָהענט. זי קומט, ווייל טיראַנען האָבען זיך אָוועקגעזעצט אויפ'ן טראָן פון די פעלקער. זי קומט, ווייל דעם פריעדען פיטערט מען איצט מיט קאַנאָנען און פולווער און בליי. זי קומט, ווייל די וועלט איז צור־טיילט, און צוריסען איז דער בונד פון דער מענשהייט. זי קומט, ווייל מ'האָט דעם ערדלאָזען וועלט־רוים פערשלאָסען פאַר דעם גייסט פון דער צייט.

היט זיך, טיראַנען! אייך, געהייליגטע געלד־זאַק, גע־זאַלבטע, געקרוינטע באַנדיטען, יועט זי פערניכטען צוזאַ־מען מיט אייערע זיטען און פאַלשע געזעצען; זי וועט דער־שטעכען אייערע הערצער, וואָס שמאַכטען נאָך מענשען־בלוט; זי וועט צוברעכען אייערע גאָלדענע קרוינען און סצעפּטער, זי וועט צעפליקען אויף שטיקלעך, ווי שמאַטעס, אייער פּורפּור...

געפעלט אייך דער אויפרוף? מיר — ניט. עס איז אַ שאַבלאָן. עס איז האָליז. פיעל מליצה און קיין לעבעדיגער טאָן.

נאָר מילא, אַן אויפרוף ווי אַן אויפרוף. אַז מען דאַרף אַגי־טירען — העלפט ניט. ניט שטענדיג קען מען זיך פערזאָרגען מיט אַ ג ו ט ע ן פּראָקלאַמאַציע־שרייבער

וואָס זשע וועט איהר אָבער זאָגען, ווען איהר וועט לייענען פאָלגענדע סטראָפען?

איך קום, ווייל עס האָבען טיראַנען פערוואַנדעלט די
פעלקער אין טראָנען;
איך קום, ווייל מען פיטערט דעם פריעדען מיט פּולווער
און בליי פון קאַנאָנען;
איך קום, ווייל מען וויל פאַר דעם צייט־גייסט דעם
ענדלאָזען וועלט־רוים פערשליסען
און אייך, איהר געהייליגטע געלד־זאַק, געזאַלבטע,
געקרוינטע באַנדיטען,
איך וועל אייך פערניכטען מיט אייערע פאַלשע געזעצען
און זיטען,
און אייערע הערצער, וואָס שמאַכטען נאָך מענשען־בלוט,
וועל איך דערשטעכען,
און אייערע קרוינען און סצעפּטער, די גאָלדענע,
וועל איך צוברעכען!
איך וועל אייער פאַרביגען פּורפּור ווי שמאַטעס אין
שטיקלעך צופליקען...

דאָס איז פון באוושאַווער'ס אַ ליעד מיט'ן נאָמען „רעוואָ־לוציאָן". די אויבענגעבראַכטע פּראָקלאַמאַציע ענטהאַלט די זעל־ביגע ווערטער, נאָר אין אַן אַנדער אָרדנונג. קען דען די אָרדנונג אַליין פערוואַנדלען שלעכטע פּראָזע אין גוטע פּאָעזיע?

וואָס איז דאָ דער מעהר? די רעוואָלוציאָן קען זיין אַ פּערזענליכע איבערלעבונג פון אַ מענשען; עס קען זיך אין איהר פיהלען, ווי עס האַמערט אין שטורעם אַ האַרץ, ווי עס זידט און ווערט רויטער אַ מענשענ'ס בלוט. ווען דאָס איז דאָ, פערשפּאַרט מען אפשר גאָר די קאַזיאָנע ווערטער פון אַ פּראָקלאַ־מאַציע, מאַלט מען אַמאָל אַזאַ בילד, וואָס האָט גאָרניט צו טהאָן מיט באַריקאַדען און סצעפּטערס און קרוינען. און ס'קען זיך מאַכען,אַז גראַד אַזוי זאָל זיך אונז איבערגעבען דער אָטהעם פון רעוואָלוציע אַם שטאַרקסטען.

ביי באוושאַווער'ן איז דאָס ניטאָ. איהר וואַנדערט איבער זיינע ווערק און זעהט: אַ מענש טראַכט, אַ מענש סימפּאַטיזירט, אַ מענש האָט אַ זעהר פיינע סאָציאַליסטישע, רעוואָלוציאָנערע וועלט־אַנשויאונג, און ער דערצעהלט אייך דאָס גלאַט און פיין. נאָר קיין איינציג מאָל פערטשעפּעט עס אייך ניט פערבייגעהענדיג, וואַרפט עס אין אייך ניט אַריין קיין פונק.

נאָך אַ ביישפּיעל? אָט איז אַ נאַטור־שטימונג:

וועז איך שטעה אַמאָל ביים ים ביינאַכט,
אין וועה פערזונקען, שטום, פערטראַכט,
און הער דעם שטילען וועלען־ראַש,
דאַן זיפץ איך, ווייז און קרעכצע אוים:
זי שלאָפט די פרייהייט אויף דער וועלט,
דערשטיקט פון רויבער, קנעכט פון געלד,
זאָ זיפצעט, קרעכצט זי, ווי דער ים,
פון טיעפען שמערץ, פון וועה, פון גראַם...

* *
*

איך נייס, איך בין איינזייטיג, נאָר איך טהו דאָס בכיון. איך ווייס: מען וואָלט גערארפט באַוושאָווער'ן בעטראַכטען הי־סטאָריש; מען וואָלט גערארפט זעהן, וואָס האָט ער אריינגע־טראָגען אין אַמעריקאַנער לעבען, אין אַמעריקאַנער אידישער לי־טעראַטור; מען וואָלט גערארפט פערגלייכען, ווי האָט איבערהויפּט אונזער אידישע פּאָעזיע אויסגעזעהן צוריק מיט אַ יאָהר צוואַנציג — פינף און צוואַנציג און וואָס פאַר אַ נייעם באַוושאָווער איז דעמאָלס אין איהר געווען. מען דאַרף אָבשאַצען זיין ווירקונג אויף דער ערציהונג פון די אידישע ארבייטער און ז. וו.

איך שטעל מיר דאָ אָבער גאָר ניט אַזאַ אויפגאַבע. איך האָב בכלל ניט בדעה ארומצוריידען באַוושאָווער'ן פון אַלע זייטען. דאָס איז מיר פּשוט ניט אינטערעסאַנט. מעגליך, אַז ס'איז דאָ ביי איהם אויך איינינגע בעסערע לידער. מעגליך, אַז ער האָט שעהנער געפיהלט, איידער ער האָט געקענט דערצעהלען. איך לייקען ניט. נאָר ניט דאָס בין איך אויסען. מיין איינציגע אויפגאַבע איז צו ווייזען, ווי אַ דיכטער קען ווערען בעריהמט, כאָטש ס'איז ניטאָ דער לעבעדיגער פונק אין זיינע לידער.

(1915).

VII.

טענדענץ און קונסט.

ס'איז געווען אויף אַ ליטעראַרישען אָבענד. דער זאַל איז גע־ווען פול מיט יונגע ארבייטער. אויף דער עסטראַדע האָט מען פריהער פאָרגעלעזען פּרץ'עס אַ חסיד'ישע מעשה'לע, נאָכדעם אנכי'ס אַ ערצעהלונג, נאָכדעם נאָך עפּעס אַ שטילע פּאָעטישע זאַך. דער עולם האָט געפּאַטשט „בראַוואָ", אָבער מ'האָט געזעהן, אַז ס'איז

ניטא דער אמת'ער ברעז. נאכדעם איז ארויף א נייער פארלעזער און געזונגען „בראקען" יעקב גארדין'ס עפעס א אגיטאציאנס־שטיק, וואו דער ארבייטער טענה'ט זיך אוים מיט די בעלי־בתים. די זאך איז געווען א ביליגע, טרוקען ווי האלץ, מליצה'דיג, ווי א „קאמפיין־ספיטש". אבער די זאך האט אויסגענומען. די הערער האבען זיך דערוואַרעמט. אויגען האבען אנגעהויבען לייכטען. דער זאל האט געשטורעמט מיט בעגייסטערטע אפלאדיסמענטען.

עס איז געווען קלאהר: מ'האט דא אויסגעביטען די ק ו נ ס ט אויף דער א י ד ע ע; מ'האט זיך אבגערופען ניט אויף דעם ווערק אלס אזעלכען (דאס ווערק האט קיין שום ווערטה נים), נאר אויף די ג ע ד א נ ק ע ן, וואס זיינען דארט ענטהאלטען. מ'האט געטהאן דאס זעלביגע, וואס דער המון אין טהעאטער, ווען ער אפלאדירט דעם ארטיסט ניט פאר זיין שפיעל, נאר דערפאר וואס ער שטעלט פאר א פיינעם מענשען.

פון קאנצערט בין איך אוועקגעגאנגען צו א פריינד און גע־טראפען דארט צוויי יונגע דיכטער. זיי זיינען געווען פערטיעפט אין א שטארקען וכוח וועגען קונסט און קינסטלער.ביידע האבען זיך געקאכט, ביידע האבען געשאטען מיט בליצען, אבוואהל ביידע האבען, דאכט זיך, געהאט די זעלביגע געדאנקען.

צום טייוועל מיט אייער „גזעלשאפט", מיט אייערע „סאַצי־אלע פראבלעמען"! — האט איינער געשטורעמט. — קונסט איז אינדיווידועל. זעצט איהר זיך אויף דעם סאציאלען אדער נאצי־אנאלען פערדעל, וועט איהר אם ירצה השם פערפאהרען אין די פלאכע פעלדער, וואו עס פאשען זיך בהמות.

דער אנדערער האט אנגעשטעלט זיינע בלאהע, קורצזיכטיגע אויגען ערגעץ אין א ווייטקייט און געזאגט:

— דער ערגסטער פיינד פון קונסט איז א אידעע. נעהמט איהר זיך נאר אריין א קלארע, קיילעכדיגע, אבגעוואויגענע אידעע אין אייער קאפ אריין, האט איהר געקוילעט א קינד אין זיין שעהנ־סטער יוגענד. קונסט איז גענוג פאר זיך אליין, ווי די זון, ווי מיין נשמה.

איך האָב געהערט און זיך געטראַכט, אַז פון די צוויי ביז דעם פובליקום דאָרט אין זאָל איז גאָר ניט קיין ווייטער מהלך. אי די, אי יענע שטעהען אייגענטליך אויף דעם זעלביגען באָדען. אי די, אי יענע זיינען געפאַנגען פון א י נ ה אַ ל ט. נישט מעהר. איינע האַלטען פון א י י ן אינהאַלט, די אנדערע פון אַ צ ו ו י י־ ט ע ן. וואָס איינע איז ליעב, איז די אנדערע — אַן עקעל.

ווער זשע איז גערעכט? אונז דאַכט זיך, אַז איבערהויפּט קען מען ניט איינטיילען קיין קינסטלער לויט די טעמען, וואָס זיי בעהאַנדלען. דיקטירען אַ שריפטשטעלער, אַז איינס מעג ער שרייבען, דאָס אנדערע ניט — הייסט ניעדעריג מאַכען אי די קונסט, אי די שרייבער.

עס איז ניטאָ קיין גוטע און קיין שלעכטע טעמען. יעדע טעמע איז גוט, אויב זי איז אַזוי בעאַרבייט פון׳ם קינסטלער, אַז זי בעקומט לעבען. יעזוס קריסטוס איז אונצעהליגע מאָל פאַרגעשטעלט געוואָרען דורך דורות פון מאַלער. אין די יעזוס־בילדער האָבען די קינסטלער געפּרופט אריינלעגען אַל דאָס הייליגע און ערהאַבענע און אייביג־מענשליכע, וואָס זיי האָבען נאָר געקענט דערגרייכען. זאָל אָבער קומען אַ קינסטלער און זאָל מאַהלען מיט דער זעלביגער ליעבע דעם טייוועל, און זאָל דאָס ווערק פול זיין מיט אמת (די חימערען אויפ׳ן „נאָטר דאַם דע פּאַרי" זיינען אַזאַ פּראָבע אין שטיין) וועט דאָס זיין ניט ווייניגער קונסט־ווערק. פרומע קריסטען וועלען קוקען אויפ׳ן הייליגען בילד און זיך צלם׳ען, און קוקען אויפ׳ן טייוועל און שפּייען. מיר אָבער וועלען לאַכען פון זייער דומהייט. מיר וועלען זאָגען, אַז אַלס קונסט־ווערק זיינען אונז אַליין איינס אי דער גאָט, אי דער טייוועל. אַ שטאַרקער גאָט איז בעסער פון אַ שוואַכען טייוועל. אַ שטאַרקער טייוועל איז בעסער פון אַ שוואַכען גאָט. אַלץ ווענדט זיך, ווי דאָס איז בעשאַפען, ווי דאָס רעדט צו אייער גייסט, אייער געפיהל, אייער פאַרשטעלונגס־קראַפט. לויבען דעם קינסטלער, וואָס מאָלט אַ גאָט, און טאַדלען דעם קינסטלער, וואָס מאָלט אַ טייוועל, איז פּונקט אַזאַ אונזין, ווי אַפּלאָדירען אַן אַקטיאָר, וואָס שפּיעלט דעם עהרליכען מאַן, און אויספייפען דעם אַקטיאָר, וואָס שפּיעלט דעם פערברעכער.

עס איז ניטא קיין פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע קינסטלער, אַ ל ס ק י נ ס ט ל ע ר. יעדער קינסטלער מוז ליעב האָבען דאָס, וואָס ער שאַפט, מוז זיך אין דעם אריינלעבען, מוז דאָס מאַכען אַ טייל פון זיין איך. ו ו אָ ס ער בעהאַנדעלט — דאָס איז פון קונסט־שטאַנדפּונקט ניט אַזוי וויכטיג. טאָלסטאָי האָט מיט אַן אונפערגלייכליכער ליעבע געמאָלען דעם רוסישען אדעל. גאָרקי האָט אין זיין „מוטער" געמאָלען דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריער. פון סאָציאָלאָגישען שטאַנדפּונקט איז דער אריסטאָקראַט וורּאָנסקי אַ רעאַקציאָנערער טיפּ, דער העלד פון דער „מוטער" אַ פּראָגרעסיווער. דער סאָציאָלער פאָרשער קען נעהמען די דאָזיגע טיפּען און זיי אונטערזוכען, און געפינען אַז דער באָסיאַק גאָרקי האָט מעהר געפיהלט דעם גאַנג פון דער מאָדערנער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, איידער דער גראף טאָלסטאָי. דאָס אַלעס וועט אפשר זיין ריכטיג און אינטערעסאַנט, אָבער דאָס וועט אבסאָלוט ניט האָבען צו טהאָן מיט דעם ווערטה פון טאָלסטאָי און גאָרקי אַ ל ס ק י נ ס ט ל ע ר. טאָלסטאָי וועט ניט ווערען רעאַקציאָנער צוליעב דעם, וואָס ער האָט געמאָלען וורּאָנסקי'ן. גאָרקי וועט ניט ווערען רעוואָלוציאָנער צוליעב דעם, וואָס ער האָט געשריבען „די מוטער". עס קאָן גראָד זיין, אַז א י ן ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י־כ ע ר אַ ר ב י י ט זאָל איין קינסטלער זיין בורזשואזיש, דער אַנדערער פּראָלעטאַריש, דער דריטער רעאַקציאָנער. אָבער דאָס וועלען זיי זיין צוליעב אַ נ ד ע ר ע האַנדלונגען, ניט צוליעב זייער קונסט־שאַפונג. אין דער קונסט איז נאָר אַ פראַגע, צו דאָס ווערק איז גוט אָדער שלעכט. גוט איז ניט דאָס, וואָס דריקט אויס אַ גוטע אידעע. שלעכט איז ניט דאָס, וואָס שטעלט פאָר אַ שלעכטע ערשיינונג. גוט הייסט דאָס ווערק, וואָס האָט מעהר לעבען, וואָס רעדט צו אונז מיט מעהר קראַפט, וואָס ריהרט אונז טיעפער. שלעכט איז דאָס, וואָס ס'איז טויט, וואָס ס'איז געקינסטעלט, וואָס ס'האָט ניט קיין אייגענע נשמה.

ביי אונז אין דער אידישער ליטעראַטור האָט פּרץ בעזונגען די חסידים, באַוושאַווער — דעם קאַמפּף פון די ארבייטער פאַר פרייהייט; שלום עליכם האָט געמאָלען טוביה דעם מילכיגען, עדעלשטאַדט — די געפיהלען פון אַ מאָדערנעם פּראָלעטאַריער. פונ־

דעסטוועגן אַ ל ס ק י נ ס ט ל ע ר זיינען פּרץ און שלום־עליכם העכער און בעסער, ווי באַוושאַווער און עדעלשטאַדט. איין מעשה פון טוביה דעם מילכיגען איז אַלס קונסט־ווערק מעהר ווערטה, ווי אַ גאַנצער באַנד טענדענציעזע רעוואָלוציאָנערע ליעדער.

עס איז איבערהויפּט ניטאָ קיין טענדענציעזע קינסטלער. עס איז נאָר דאָ גוטע קינסטלער און שלעכטע קינסטלער. יעדער קינסטלער איז טענדענציעז — אויב מיר פערשטעהען אונטער טענדענץ די כונה, די שטרעבונג צו בעאיינפלוסען דעם צושויער אָדער דעם לעזער. אַפילו דער ריינער ליריקער „זינגט" דאָך אויך ניט אין דער וועלט אַריין, נאָר ער האָט אַ טענדענץ — אַ כונה צו ווירקען אויף זיין לעזער אין אַ בעשטימטער ריכטונג. דער ראָמאַן־שרייבער, דער נאָוועליסט, דער דראַמאַטורג האָבען שוין אודאי זייערע טענדענצען. כמעט אַלע מאָל האָט דער פערפאַסער אַ געוויסען געדאַנק, אַן אידעע, אַן אידעאַל, וואָס ער וויל ווייזען אין זיין ווערק. וואָס רייכער אַ ווערק איז, אַלץ מעהר איז דאָס דורכגעדרונגען מיט אידעען. וואָס ברייטער עס איז די גייסטיגע וועלט פון דעם פערפאַסער, אַלץ מעהר געדאַנקען וועלען אין דעם ווערק זיין פערקערפּערט. אָבער דאָס וועט כלל ניט שאַדען דעם כאַראַקטער פון'ם ווערק אַלס קונסט־ווערק, אויב נאָר ס'איז טאַלאַנטפול. „האַמלעט" איז טענדענציעז ; „דאָקטאָר שטאָקמאַן" איז אודאי טענדענציעז ; שיללער'ס „רויבער" — שוין גאָר ניט צו ריידען ; „קריעג און פריעדען" איז דורכגעוועבט מיט אַבסטראַקטע אידעען ; סטרינדבערג האָט אין פיעלע ווערק געפּרעדיגט סאָציאַלע אידעען. און דאָך זיינען דאָס אַלעם — אויסגעצייכענטע קונסט־ווערק. דער ווערטה פון אַ קינסטלער בעשטעהט ניט אין דעם, צו ער איז אַרים, צו ער איז רייך אין אידעען. ער קען זיין אַ געטהע און שרייבען אַ „פאַאוסט" און איהם אָנפילען מיט די טיעפסטע פילאָזאָפישע פראַגען — און דאָך זיין אַ געוואַלדיגער קינסטלער. און ער קען זיין אַ פאָטאָגראַף, אַ פשוט'ער זיטען־מאָלער, געבונדען צום „ווירקליכען לעבען" ווי אַ קאַטאָרזשניק צו זיין טאַטשקע — און זיינע ווערק זאָלען פאָרט ניט ווערטה זיין גאָר ניט.

מען קען דעם קינסטלער ניט דיקטירען, וואָס ער מעג שרייבען און וואָס ער טאָר ניט. ניטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי שטעלען אַ צאַם

דעם פרייען שוואנג פון דעם קינסטלער'ס שאפען. איינער וועט קומען און וועט זאגען, אז ליעבע איז אוים מאדע. א אנדרערער וועט דעקלארירען, אז דער גורל פון דער נאציאן איז ניט קיין טעמע פאר א קינסטלער. א דריטער וועט אויסמעקען די סאציאלע פראבלעמען פון דעם דיכטער'ס געזיכטס־קרייז. א פערטער וועט דוקא פערלאנגען, אז מען זאל איהם מאלען געזעלשאפטליכע אונ־גלייכהייט און סאציאלע קאנפליקטען. די אלע, וואס קומען מיט אזוינע טענות און תביעות, פערזעהען דעם ריכטיגען ווערטה פון קונסט, פערגעסען, אז קונסט קען ניט ווערען אריינגעשפארט אין א פראגראם, קען ניט ווערען געצוואונגען צו דיענען זייטיגע אינ־טערעסען. אלע ארטען ליטעראטור זיינען גוט, א חוץ דער לאנג־וויילינגער, — האט אמאל געזאגט א דענקער. אלע ארטען ליטעראַ־טור זיינען גוט, א חוץ דער טאלאנטלאזער — ווילען מיר צוגעבען. יעדער קינסטלער האט דאס רעכט צו בעהאנדלען דאס, וואס איהם איז צום הארצען. אויב איהם ציהען סאציאלע אדער נאציאנאלע טעמען, איז לעבערליך צו ערקלעהרען, אז צוליעב די טעמען אליין ווערט ער אוים קינסטלער. אויב איהם אינטערעסירט דאס ריין־אינטימע, וואלט געוועזען אן אונרעכט, ווען אן א נ ד ע ר „שולע" וואלט איהם ערקלעהרט מחוץ למחנה.

עס איז ניטא קיין ניי־מאדישע און אלט־מאדישע קונסט. „מאדע" איז נאר א פראגע פון פ א ר ם, ניט פון קונסט־ווערטה. שלום עליכם שרייבט אויפ'ן אלט־מאדישען שטייגער, פונדעסט־וועגען, הלואי אויף פיעלע נייע אזא געבענשטע פעדער. פון דער אנדערער זייט קענט איהר זעהן כלומרשטע יונגע, וואס טהוען אן א שפאגעל־נייעם בגד פון מאדערנער פארם און בלייבען דאך אדם נאקעט.

ס'איז דא נאר איין קריטעריום פאר קונסט־ווערק, פאר פאַ־עטישע און ליטערארישע שאפונגען: א ז ד א ס ז א ל ע ן ז י י ן ע כ ט ע ק ו נ ס ט־ו ו ע ר ק. אלעס איבעריגע איז א ביי־זאך, איז ניט וויכטיג.

* *
*

מ׳האט געהערט וועגן באָוושאָווער׳ן. זיינע פערעהרער קענען זיך פיהלען געקרענקט. היתכן? באָוושאָווער איז געווען אַזאַ גוטער סאָציאַליסט, אַזאַ פריינד פון דער רעוואָלוציאָן, אַזאַ איבער־געבענער זינגער פון דעם ארבייטער׳ס נויט און עלענד, און פּלוצלונג ווערט ער ארונטערגעריסען. און פון וועמען? פון אַ שרייבער, וואָס געהער צו דעם זעלביגען לאַגער.

די דאָזיגע פריינד ווילט זיך מיר טרייסטען. קיינער מיינט ניט, חלילה, לייקענען דעם ווערטה פון באָוושאָווער׳ן אלס אַגיטאַטאָר. קיינער וויל איהם ניט „ארונטעררייסען" אלס אַ שריי־בער, וואָס האָט געוועקט און וועקט נאָך איצט אויך אין די אר־בייטער גוטע געפיהלען. נאָך מעהר: קיינער לייקענט ניט, אַז אַזוינע שרייבער זיינען נויטיג און וויכטיג. און קיין סאָציאַליסטישע רעדאַקציע וועט זיך ניט אָבזאָגען צו דרוקען אַזאַ לעזע־שטאָף, ווי באָוושאָווער׳ס לידער.

ניט מעהר: מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז קיין פּאָעזיע ניט.

ס׳איז דאָ מיליטערישע מוזיק און ס׳איז דאָ סימפאָנישע קאָנ־צערטען. קיינער לייקענט ניט, אַז מיליטערישע מוזיק איז נויטיג. זי הויבט דעם גייסט פון די קעמפּפער. זי מאַכט פערגעסען די מיעדקייט. זי אָטהעמט מיט פרישקייט, ענטשלאָסענהייט, גבורה. עס וואָלט געווען לעכערליך, ווען איינער קומט און ערקלעהרט, אַז מיליטערישע מוזיק איז אַן איבעריגע זאַך. עס וואָלט אָבער פּונקט אַזוי געווען לעכערליך, ווען אימיצער וואָלט זיך בעליידיגט, וואָס דאָס שפּיעלען פון אַ מארש־אָרקעסטער ווערט ניט פערערע־כענט פאַר דעם העכסטען אויסדרוק פון מוזיק.

די „מאַרסעליעזע" אלס ליעד איז ניט קיין פּאָעזיע. די „מאַרסעליעזע" אלס מוזיק האָט ניט קיין הויכען ווערטה. פונ־דעסטוועגען האָבען אי די ווערטער, אי דער נגון פון דער „מאַר־סעליעזע" געשפּיעלט אַ געוואַלדיגע געזעלשאַפטליכע ראָלע. וואָס

זשע? זאָלען מיר צוליעב דעם ניט טאָרען זאָגען, אז פון קונסט שטאַנדפונקט זיינען דאס שוואכע זאכען?

באוושאָווער איז אַן אויסגעצייכענטער געזעלשאפטליכער אגי־טאַטאָר. זיין חסרון איז ניט דאָס, וואָס ער איז טענדענציעזי. זיין חסרון איז דאָס, וואָס אין זיינע ליעדער איז ניטאָ דער פונק פון אמת'ן לעבען. וואָס זשע, זאָלען מיר דאָס ניט טאָרען אויסזאָגען צוליעב דעם, וואָס ער איז אַן אייגענער?

(1915—1916)

אידישע ליריקער

ש. פרוג.

I.

ווײל מען פֿערשטעהן אַ דיכטער, איז אַמאָל ניט איבעריג צו בעטראַכטען, ווי האָט ער אַלײן געקוקט אויף זײן ארבײט. געװעהנליך איז דאָס ניט שווער, ווײל דיכטער דערצעהלען גערן וועגען זײערע מוזעס. פרוג איז, פֿערשטעהט זיך, ניט קײן אויסנאהם. פרוג האָט אפשר מעהר ווי אַנדערע ליעב צו דערצעהלען וועגען זײן דיכטערישער טהעטיגקײט, פרוג האָט ליעב זיך צו ק ל אַ ג ע ן. אין איהם איז זעהר שטאַרק ענטוויקעלט דאָס, וואָס די העברעאישע פּאָעטען פלעגען אַמאָל רופען „השתפכות המשורר“.

ווי זשע קוקט פרוג אויף זײן אויפגאַבע אלס דיכטער?

אין אַ מינוט פון שטילער בענקשאַפט נאָך פערגאַנגענער יוגענד און פערגאַנגענער קראַפט דערצעהלט ער אונז:

„איך האָב געגלויבט: איך וועל מײן פאָלק
פון שלאָף ערוועקען און בעפרײען;
זײן אַלטע ברוסט, זײן אַלטען גײסט
מיט קראַפט בעפרישען און בענײען.

איך וועל איהם צײגען, וואו עס ליגט
דער רעכטער וועג, וואָס וועט איהם פיהרען
צו קראַפט און לעבען, ליכט און גליק,
זײן קאָפּ בעקרוינען און בעציערען“.

צו דער דאָזיגער טהעמאַ קעהרט זיך פרוג אום ניט אײן מאָל און ניט צוויי. ער האַלט אין אײן אויס׳טענה׳ן זיך מיט דעם אידי־

שען פאָלק. ער, דער דיכטער, וויל וועקען און רופען און לער־נען — און דאָס פאָלק איז טויב און בלינד און וויל ניט פערשטעהן. אין א ליעד צו מיכל גאָרדאָן קלאָגט ער זיך, אז דער אידישער מוזע איז דאָך נאָר בעשערט איינס:

„צו כשר'ען הערצער, צו שייערען קעפּ
און כאַפּען ניט זעלטען אי קללות, אי קלעפּ...“

דאָס פאָלק וויל דעם דיכטער ניט הערען. עס קוקט אויף איהם ווי אויף א בייז וואונדער.

אידען זיינען געוועהנט צו א מגיד, צו א בדחן, צו א פּאיאַץ, אָדער צו סליחות און קינות, וואו מען קען געשמאַק אויקען און זיפצען. אידען זיינען געוועהנט צו א מעשה־ביכעל, וואָס זיי קויפען עס ביים פּאַקען־טרעגער צו פערברענגען די צייט. אָבער „וואָס ווייסט א איד, ווי קען א איד פערשטעהן, וואָס ס'טהוט זיך אין דעם דיכטער'ס הארץ?“

אָט אָ די דילעמא בעשעפטיגט שטענדיג פרוג'ען: אָ ד ע ר — אָ ד ע ר. אָ ד ע ר „צייגען דעם ריכטיגען וועג“, אָ ד ע ר זיין א בדחן; אָדער „וועקען פון שלאָף“, — אָדער טרייבען לצנות; אָדער „כשר'ען הערצער און שייערען קעפּ“, — אָדער אַמוזירען דעם עולם.

ווייטער פון אָט דער דילעמא איז פרוג ניט געגאַנגען. אז די אויפגאַבע פון א דיכטער קען זיין נ י ט דאָס, און נ י ט דאָס; אז א דיכטער טאָר זיך איבערהויפּט ניט שטעלען קיין אויפגאַבע: לערנען, אויסאיידלען, אויפקלעהרען, אַגיטירען; אז א פּאָעט דאַרף און מוז זיין פריי צו פיהלען ווי עס פיהלט זיך און צו זינ־גען וועגען אַלצדינג, וואָס עס וועקט זיך אין דער נשמה, ניט טראַכ־טענדיג וועגען קיין אַנדערע ציעלען א חוץ דעם איינעם ציעל צו וועקען איז'ם לעזער אַן אַבקלאַנג; — דאָס אַלעס איז פרוג'ען פרעמד — לכל הפחות דעם א י ד י ש ע ן פרוג'ען. דאָרט, ביי די רוסען (גיכער: ביי די רוסיפיצירטע אידען), האָט ער געהאַט אַן אַנדער צורה. דאָרט האָט ער געקענט זיך פריי אָבגעבען צו יעדער בעוועגונג פון זיין נשמה, דאָרט האָט ער גערעדט ווי א גלייכער צו גלייכע. אהער, אין „תוכחה'וקע, זלידניוועקע, שחינ'עווקע, צפרדע'וקע“, איז ער געקומען מיט א בעשטימטער אויפגאַבע.

דאָס אַליין האָט שוין געשטעלט אַ געוויסען גרענעץ פאַר זיין פּאָ־עטישען שאַפען.

ביי פרוג'ען איז ניטאָ קיין פּיצעל אכטונג צו דעם עולם פאַר וועלכען עס איז איהם בעשערט צו זינגען. אויף הונדערטערליי אופנים לאַכט ער אָב פון דעם אידישען לעזער. ניט מעהר אבשיי האָט ער אויף צו דעם גּ ע צ ײ ג, מיט וועלכען ער שאפט: צו דער אידישער שפּראַך. „אַ זקנה, אַ דאַרע, אַ קוואַרע, פער'חשכ'ט, פעריאַמערט, אַבגעריסען, אַבגעשליסען", אַנגעטהאַן אין „אַן אַל־טע, צוריסענע, צוביסענע, פערשמאָרעטע וואַטובקע; איין אַרבעל אַ געלער, דער אַנדערער אַ בלויער. איין פּאָלע אַ ווייסע, פער־קאַפּעט מיט הבדלה־וואַקס, מיט טשאַלענט־יויך און מיט נאָך עפּעס... די אַנדערע פּאָלע אַ שוואַרצע, פון אויבען ביז אַראָפּ בעמאָלט מיט פּיפּערנאַטערס, וויזעלטירען, קאַפּהעהנער, מזל־אויזלען, מגן־דוד'־לעך, לכבוד'לעך, לפּק'לעך..." ווייסט איהר ווער דאָס איז — די „קראַסאַוויצע"? „דאָס איז זי, אונזער ליעבע, טייערע, אי־דישע זשאַרגאַן־מוזע!"

אַזוי האָט פרוג געקוקט אויף זיינע אידישע לעזער און אויף דער אידישער שפּראַך. דאָס האָט געמוזט אַרויפלעגען אַ שטעמ־פּעל אויף זיין גאַנצער אידישער ליריק.

II.

אויף רוסיש האָט פרוג געזונגען ווי דאָס האַרץ האָט איהם אונטערגעזאָגט. פריי ווי דער ווינד האָט ער זיך געשפּיעלט מיט די סטרונעס פון זיין לירע. דאָרט איז אַלצדינג געווען פאַר איהם אַ טעמאַ: אי דער טרויער פון זיין האַרצען, אי די ליעבע יונג־פרוי, וועלכע באָדט איהר מיידעל־קערפּער אין זונען־שיין און דופט; אי די איינזאַמקייט פון זיין נשמה, אי דער אַלטער פּראַמעטעאוס, וועלכער האָט געזיפצט איבער די שטאָלצע געטער; אי די נויט און אַרימקייט פון עלענדע, אי די רייצענדע מוזיק־אַקאָרדען, וואָס קלינגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט ביים שטערען־שיין. דאָרט איז ער ביי זיך אין דער היים, אין זיין אייגענער סביבה. דאָרט גיט ער אַלצדינג, וויפיעל ער פערמאָגט. פאַר מעהר קענט

איהר צו איהם קיין טענות ניט האבען. מעהר האט גאט אליין איהם ניט געגעבען.

דא, אין דער אידישער גאס, פערענדערט זיך זיין פאעטישע געשטאלט. אהער איז ער געקומען לכתחילה מיט א פאראורטייל, מיט א געוויסער פארטיגער מיינונג. די מיינונג האט ער אפילו איינינע מאל ארויסגעזאגט אין זיינע פובליציסטישע ארטיקלען, אבער נאך מעהר קלינגט זי ארויס פון אלע זיינע פאעטישע שאפונגען אין אידיש. די מיינונג בעשטעהט אין דעם, אז דער אינטעליגענטערער, געבילדעטערער, מאדערנער לעזער דארף ניט אנקומען צו אידיש: פאר איהם איז אפען א וועלט מיט פאעזיע אין אנדערע שפראכען. זשארגאן מוז, נעבעך, לייענען דער, וואס פערשטעהט ניט ניט העברעאיש, ניט רוסיש.

א מיינונג ניט קיין נייע. א שטימונג, וואס איהר וועט געפינען ביי פיעלע אידישע שריפטשטעלער און פובליציסטען.

צוליעב אט דעם פאראורטייל האט פרוג פערזעהן אין דער אידישער גאס זעהר פיעל: ער האט ניט בעמערקט דעם געטרייסטען לעזער פון אידישער ליטעראטור — דעם אידישען אויפגעקלעהרטען ארבייטער, מיט זיין אויסגעאיידעלטער נשמה און פיינערען געשמאק; ער האט ניט געזעהן דעם מאדערנעם אידישען אינטעליגענט, וועלכער האט גענוג רייכע גייסטיגע בעדערפענישען און קלייבט זיך דאך ניט אוועקצוגעהן פון דער אידישער וועלט; ער האט איבערהויפט פערגעסען, אז אפילו דער מיטעלמעסיגער אידישער לעזער האט זיך שוין אויך אויפגעהויבען העכער פון די פרימיטיווע פארשטעלונגען און דעם גראביאנסקען געשמאק פון א פארצייטיגען שטעדטעלדיגען אידען.

וואס זשע דען האט ער געזעהן? פאר זיינע אויגען שטעהט נאכאנאנד איין טיפ: דאס וואס מען רופט אויף רוסיש „אביוואטעל", אויף אידיש (ניט גענוג ריכטיג) — „דער איד פון א גאנץ יאהר". דאס איז דער מיטעלמעסיגער, געוועהנליכער פראסטער אידישער „בעל־הבית" — דער סוחר, דער קרעמער, דער בעל־מלאכה, די אידענע, — הכלל, די מאסע, וואס האט אמאל עפעס אביסעל געלערענט אין חדר, נאר זי האט זיך קיין העברעאיש ניט אויסגעלערענט...

די דאָזיגע מאַסע האָט אָבער אויך איהרע גייסטיגע בעדער־פענישען. אויך צו איהר דאַרף מען רעדען מיט אַ פּאַעטישער שפּראַך. אויך איהר נשמה קען מען ריהרען מיט שעהנע בילדער און געשטאַלטען. מען דאַרף נאָר קענען צו איהר רעדען. מען דאַרף זיך אין גאַנצען אריינלעגען אין איהר אידעען־וועלט.

די דאָזיגע אידעען־וועלט איז גענוג בעקאַנט. דער איד פון אַ גאַנץ יאָהר איז קודם־כל אַ זיפצער, אַ קלאָגער: ער זיפצט אויף צרות־ישראל, ער בעוויינט די אידישע שוואַכקייט און דערשלאָ־גענקייט. דערצו איז ער אַ פּעסימיסט: ער גלויבט ניט, אַז ס'זאָ־לען אַמאָל קומען ישועות אויף אידען, ער האָט זיך שוין גענוג אָנ־געהערט הבטחות און גענוג מאָל געהאָפט: אָט־אָט וועט ווערען בעסער, אָבער בעסער איז ניט געוואָרען. דעריבער האָט ער זיך אויסגעלערענט צו קוקען אויף אַלע פּאַרטייען און פּראָגראַממען און געזעלשאַפטליכע אַרבייט מיט בטול: עט, וואָס טומלען זיי זיך דאָרטען, סיי־ווי וועט דערפון גאָר ניט ווערען.

עס בענקט זיך אָבער נאָך אַ בעסער לעבען. עס טרוימט זיך ניט ווילענדיג וועגען אַזאַ אַרבייט, וואָס זאָל פּאַרט אַרויספיהרען מאַפּלה לאורה. דייטליך שטעלט מען זיך די אַרבייט ניט פאָר. אָבער טאַקע צוליעב איהר אונקלאַרקייט איז זי אַזוי שעהן, זי איז אַרומגעוויקעלט מיט אַ שלייער פון פּאָעזיע.

דערפאַר האָט דער איד אַן אַנדער בענקשאַפט, מיט אַ מעהר דייטליכען אָביעקט: ציון; די אַלטע היים, די אַלטע מוטער, די בערג פון דעם הייליגען לאַנד, דאָס רוהיגע לעבען אויף דער אייגע־נער ערד. דאָס איז אייגענטליך ניט קיין ציוניזם: אונזער איד פון אַ גאַנץ יאָהר איז צו פּראַקטיש אַז ער זאָל באמת גלויבען אין דער בעפרייאונגס־קראַפט פון'ם ציוניזם. דאָס איז מעהר אַ ראָמאַנטישע טרוימעריי צו דעם לעבען „אונטער זיין וויינשטאָק און זיין פייגענבוים". צו אַ רוהיגער עקזיסטענץ פון אַ פויער, וועל־כער דאַרף ניט אָנקומען צו קיינעם.

דער איד פון אַ גאַנץ יאָהר האָט אָבער ניט נאָר זיין בענקשאַפט נאָכ'ן עבר, נאָר אויך זיין שטאָלץ אין דער היינטיגער צייט — דאָס איז די הייליגע תורה. דער אידישער גאָט, די אידישע רעליגיאָן, דער „שמע ישראל" זיינען אין זיינע אויגען דאָס שעהנסטע, וואָס

די מענשהייט פערמאגט. ער איז זיכער, אז אין דעם פרט איז דאס אידישע פאלק העכער פאר אלע אנדערע פעלקער.

געווען א צייט פון „שטורם און דראנג" אויך אין דעם לעבען פון אט דעם פארט אידען: דאס איז געווען אין די „רויטע טעג", ווען ער האט געהאפט, אז ניט היינט מארגען וועלען „זיי", די „שקצים", די שווארצע העמדרלאך, זיך דערשלאגען „פראוועס" פאר אידען: דעמאלט איז ער גרייט געווען צו פלעסקען „בראַוואָ", ווען די „שקצים" האבען געקעהרט וועלטען. דער סוף איז געווען, אז זיי האבען זיך קיין זאך ניט דערשלאגען, און אויך אויף זיי קוקט ער איצט מיט דעם זעלבען בטול, ווי אויף אלע אנדערע אידישע „טהוער".

גיבען מיר נאך צו, אז אין יעדער זאך זוכט אזא איד א „תכלית", אז גוט איז אין זיינע אויגען נאר אזא ספר, וואס לערענט און מוסר'ט, און אז אידיש איז ביי איהם א שפראך פון יאטקע און קיך, — וועלען מיר האבען די הויפט־פונקטען פון דעם אידען'ס געדאנקען־וועלט.

אט פאר דעם אידען האט דאס פרוג געשריבען, אין זיינע פיער איילען האט ער געלעבט און פון דעם דאזיגען שמאלען ווינ־קעל האט ער ארויסגעקוקט אויף דער וועלט און די מענשען.

III.

די פאעזיע האט מיט פרוג'ען אייגענטליך געשפיעלט א שלעכט שפיעל. עס איז איהם ניט שטענדיג געלונגען ארייננצור־שפארען זיין שעפפערישע ארבייט אין אט די שמאלע ראהמען. ער האט מלחמה געהאלטען — ניט מיט דעם „זשארגאָן", ווי ער מיינט — נאר מיט זיך אליין, כדי ארייננצופאסען זיך אין דער אי־דישער וועלט, ווי ער האט זי זיך פארגעשטעלט. וואס זשע איז ארויסגעקומען? האט דער דיכטער געזיעגט, האבען מיר ערהאל־טען ריינע, עדעלע פאעטישע ווערק, וואס לייכטען מיט אן אייביגער שעהנקייט; האט דאס פראגראם געזיעגט, האבען מיר בעקומען

מיטעלמעסיגע, אפטמאל דעקלאמאטארישע, אפטמאל סענטימענ־טאלע גלאטע לידער. וואס הונדערט פון זיי זיינען ניט ווערטה איין גוטע לירישע שורה.

בעזונדערס אפט האט דער דיכטער געזיגט, ווען ער איז גע־קומען צו דער נאטור. דער חוש צו דער נאטור, די פעהיגקייט צוזאמענצושמעלצען זיך מיט גאט'ס וועלט איז אין איהם אזוי שטארק, אז דא ווערט ער אן אנדער מענש, אדער, ריכטיגער, ער קעהרט זיך אום צו זיך אליין. דא בעקומט זיין ליעד גאר אנדערע, ווייכערע, צארטערע טענער, דא קלינגט אזא אינטימע אויפריכטיגע מוזיק. דא פייערט די נשמה איהר אייגענעם חן'עוודיגען יום־טוב. איהר געדענקט דאס ליעד „שבועות“:

„א כשוף־מאכער איז די נאכט,
די שטילע, בלאהע נאכט —
מיט צארטע פינגער האט זי מיר
די אויגען צוגעמאכט;

די אויגען מיר פערשלעפערט שטיל,
דאס הארץ מיר אויפגעוועקט:
מיט ווייסע פליגלען, ווייך ווי זייד,
מיך ליעבליך צוגעדעקט.

דער ליעבער, גרינער יום־טוב געהט,
די לופט איז בלאה און ריין:
אויף יעדען גרעזעלע שטראהלט אויף
א העלער איידעל־שטיין“.

דאס איז באמת א קלאסיש ליעד דער פאעטישער טאקט, די צניעות, די קלארקייט, דאס גליקליכע פערהעלטעניש צווישען אינהאלט און פארם, די בעזונדערע אכטונג צו יעדען ווארט מאכען דאס פאר א מייסטער־ווערק, פאר א מוסטער־ווערק אין דער אי־דישער ליטעראטור.

און דאס פאסירט אפט מיט דעם פאעט, ווען ער שטעהט פנים

אל פנים מיט דער נאַטור. אָבער אויך דאָ ווערט ער ניט אינגאַנצען בעפרייט פון זיין פּראָגראַם. „תוכחה'ווקע, זלידניוווקע" געהען נאָך איהם נאָך אי אין שטילען טהאָל, אי אין ברייטען פעלד, אי אונטער די גאָלדענע שטערען.

א זלידניוווקער איך פערשטעהט ניט, צו וואָס דאַרף מען נאַטור-בילדער, נאַטור-ליריק.

א זומער־נאַכט... א בוים... א בלום...
א זיסער שלאָף אין רוה, אין פריעדען...
דו נאַר, דו נאַר, דו אַלטער נאַר!
וואָס קעהר יך אַן דאָס מיט א אידען?!

נו. און אַז דעם זלידניוווקער אידען איז דאָס פרעמד, קען זיך פרוג אויך ניט אַבגעבען דער נאַטור מיט לייב און לעבען. וואָס־זשע לאָזט זיך אוים? שטעלט ער צו צו יעדען נאַטור־ביל א צוטשעפּעניש, א מין דרוש, א מוסר השכל; קומט שוין אוים, אַז די נאַטור־בעשרייבונג איז נאַר אַן אויסרייד, נאַר אַן אַנהאַלט פאַר דעם מוסר השכל; דאָס ערשטע, הייסט עס, איז דער משל, דאָס צווייטע — דער נמשל. אַזוי איז דאָס פערשטענדליך. אַזוי קען ער דאָס פערדייען.

מיר רעדען דאָ ניט וועגען לירישע ליעדער, וואו די נאַטור דערוועקט אין'ם פּאָעט אַלערליי געפיהלען — פון איינזאַמקייט, פון שרעק, פון טרויער. אַזוינע ליעדער געפינט איהר אויך אין פרוג'ס רוסישער ליריק — און געגען זיי קען מען גאָר ניט האָבען. מיר מיינען דאָ ליעדער, וואו צו דער נאַטור־שילדערונג איז צוגעצשטוקעוועט געריימטע פּובליציסטיק, אַגיטאַציע, פּשוט'ער מוסר. די דאָזיגע צוטשעפּעניש איז אַזוי איבעריג, אַז איהר ווילט זי אַפּט אַבשניידען, ארויסוואַרפען, איבערלאָזען נאָר דאָס עכטע און שעהנע.

עס העלפט אָבער ניט: פרוג און זלידניוווקע פיהרען א מלחמה, און זלידניוווקע ה א ל ט פרוג'ען פעסט, זי וועט איהם שוין ניט ארויסלאָזען פון איהרע הענד.

אַט איז די „סוכה". פון אַנהויב א שטילע, אויף ווייכע וועלען שווימענדע נאַכט־שטימונג אין הערבסט, „מיט שטערענדלאַך,

צושאַטענע ווי פיין־געשליפטע דימענטען אויף בלאָהען הימעל־פּראַכט". די נאַכט איז אַזוי מילד, איהר ליעד אַזוי מוטערליך־זיס: „שלאָף רוהיג, שלאָף, מיין קינד". איהר וואָרט שווין: אַט־אַט וועט פערקלינגען דער לעצטער אַקאָרד אין דער בלאָהער וויטקייט. אבער ניין, זלידניוועק פאַדערט איהרם. דער פּאָעט דערמאָנט זיך אן דעם מאַטעריאַל, פון וועלכען די סוכה איז אויסגעבויט, און שוין פויקט ער אייך מיט ווערטער האַרטע, ווי אָבגעריבענע צעה־נערם:

„דאָס זאַלץ־ברעטעל, די לאָקשען־ברעט,
די לאָפּעטע, די קאַטשעלקע,
די מולטער און, הכלל,
דער גאַנצער סאַמע אידישער,
מאַסיווער, בעלי־בתישער
און פיינער מאַטעריאַל,
פון וועלכען עס איז אויסגעבויט
אין אלטען גלות־סטיל
דיין גרין בעדעקט געצעלט".

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

אַ מאַסע יום־טוב ליעדער האָט פרוג אָנגעשריבען. יעדעס פון זיי קען מען איינטיילען אין צוויי טיילען: בעשרייבונג און מוסר השכל, פּאָעזיע און פּראָזע. פון אָנהויב געהט דאָס שעהנע, ליעב־ליכע שטימונגס־בילד, נאָכדעם איז צוגעטשעפּעט אַ „מאמר" וועגען אידען און זייער לאַגע, וועגען אומגליקען, צרות, שלעק, אָדער דער דיכטער הויבט אָן אויסלאַכען עפּעס אַ שלעכטע מדה ביי אידען. פון אַלע נאַטור און יום־טוב ליעדער אין אַלע דריי בענד האָב איך געפונען נאָר איין איינציגס („פריה־לינגס־ליעד" באַנד 2, 89), וואו עס איז ניט צוגעטשעפּעט קיין זייטיגע זאַך צו דעם שעהנעם שטימונגס־בילד.

און ניט נאָר דאָס. די וועלט, די נאַטור, די ימים־טובים, די עראינערונג וועגען גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען גיבען דעם אידישען פרוג אַ געלעגענהייט צו דערמאָנען הויפּטזעכליך דעם

אידישען שמערץ, דעם אידישען טרויער, די אידישע יתום'שאפט. געגען דעם וואָלט מען, דאכט זיך, ניט געקענט האָבען גאָר ניט. איז דען דער פּאָעט שולדיג, וואָס ער האָט אַזאַ שטימונג און ניט קיין אַנדערע?

עפּענט איהר אָבער זיינע רוסישע לידער, געפינט איהר דאָרט ניט נאָר שמערץ און וועהטאָג. אַט שטעהט דער זינגער אויף אַ באַרג אין מיטען סטעפּ. ער איז ארויפגעפאָהרען אַהין אויף אַ היציגען, שנעלען פערד. דאָס פערד איז אומרוהיג, שלאָגט מיט'ן פוס, קאָכט מיט פרייהייט און דרייסטען מוטה, וויל זיך לאָזען פאָרוועדטס ווי דער ווינד, ווי דער שטורעם, אַהן אַן אָבהאַלט, אַהן אַ ברעג. דער זינגער בעט זיך: וואַרט, כ'וויל זיך זאַט אָנקוקען, „כ'וויל קוקען אַהן אויפהער אויפ'ן גרינעם סטעפּ, אויף דער ברייט־קייט אָהן אַ ברעג, כ'וויל דערצעהלען די מענשען, ווי ליעב, ווי טהייער, ווי זים זי איז — די דאָזיגע הייליגע פרייהייט, וואו ניטאָ דעם אויג קיין גרעניץ, ניטאָ דעם הארצען קיין פערבאָט, ווי דעם שנעלען פליגעל פון אַן אָדלער אין די בערג" *).

אין דער אידישער ליריק איז ביי פרוג'ען ניטאָ אַזוינע מאָ־טיווען. פאַר וואָס? אפשר דערפאַר וואָס זיי זיינען ניטאָ אין דעם דיכטער'ס נשמה? ניין, דערפאַר וואָס אין זלידניוועקע זיי־נען זיי ניט שכיח.

IV.

פרוג האָט ניט פערשטאַנען, אַז אויף אידיש קען מען זינגען אַלצדינג, וואָס עס ווילט זיך, אַז אויך דאָ וועלען זיך געפינען דאַנקבאַרע הערער. פרוג האָט געוואָלט זיין נאָר אַ פּאָעט ביי זלידניוועקער אידען. האָט ער ניט נאָר געמאַכט זיך אַליין פאַר אַ קבצן. ער האָט זיך נאָך געמוזט אַנטהאָן אַ מאַסקע — און די מאַסקע איז אַזוי צוגעוואַקסען צו איהם, אַז ער קען זי שוין ניט אויסטהאָן.

---

*) ווערטליכע איבערזעצונג. רוסישע לידער, באַנד 2, 135־136.

פרוג האט זיך אליין פערוואנדעלט אין א זלידניוועקער אידען.

פרוג איז א היינטוועלטיגער מענש, אן אינטעליגענט און א פריי־דענקער. יעדענפאלס האט ער ניט אין זיך דעם נאאיווען גלויבען פון אונזערע זיידעס און עלטער־זיידעס. תשובה, תפלה און צדקה זיינען ביי איהם געווים ניט די גרונד־זיילען פון דעם מענשליכען לעבען. ער רעדט אבער מיט זלידניוועקע. דארט קען מען נאך געפינען מענשען, וואס א דעקלאמאציע וועגען גאט און זיין תורה וועט זיי פערשאפען א נחת־רוח. וואס־זשע טהוט פרוג? פ ע ר ש ט ע ל ט ע ר ז י ך, אז ער אליין האט אויך פון די אלע זאכען א נחת־רוח, הערט ער ניט אויף נאכאנאנד צו באמקען וועגען תורה, וועגען „אלהי צבאות“, וועגען „אמונה“, וועגען „שמע ישראל“.

„די אידישע טראיקע—איהר קענט זי, איהר ווייסט?
מיר האבען אויף איהר א חזקה...
די אלטיטשקע אידישע טראיקע — זי הייסט:
תשובה ותפלה וצדקה“.

קומט שבועות, פערגלייסט אונזער פאעט די אויגען צום הי־מעל און רופט מיט א צוקער־זיסער שטימע: „דער ליעבער גאט איז אן איין־איינציגער, זיין תורה'לע איז איינע!“ זיצט ער ביים סדר, הויבט ער פייערליך א כוס „לכבוד אונזער אלטער תורה — די ליעבע איינציגע מנורה“.

און אזוי ווייטער.

זאל מען אונז נאר ניט פאלש פערשטעהן. דא רעדען מיר ניט וועגען דעם א י נ ה א ל ט פון דער ליריק. עס איז זיך לייכט פארצושטעלען אן עכט־רעליגיעזען פאעט, וואס בעזינגט די תורה און די אמונה אזוי ווי א יונגער טרוימער בעזינגט זיין געליעבטע. אזא ליריק קען זיין שעהן און ערהאבען און ווען אפילו א ניט רעליגיעזער מענש וועט זי לייענען, וועט ער ניט קענען פערלייקענען איהר פאעטישע ווערטה, און זי וועט ערגרייפען זיין נשמה, כאטש ער גלויבט ניט אין דעם, וואס דער פאעט גלויבט.

מיט פרוג'ען איז דאָך אָבער עפּעס אַנדערש. פרוג גלויבט אַליין ניט אין דעם, וואָס ער שרייבט. פרוג רעדט זיך נאָר איין, אַז „תורה — די איינציגע מנורה" קען דערוועקען ביי מענשען גוטע געפיהלען. מיר ווילען ניט זאָגען, אַז פרוג טהוט דאָס מיט אַ כיון. אפשר איז דאָס נאָר אַזאַ צופּאַסען זיך צום לעזער, ווי אַ שטייגער אַ גוטער רעדנער פּאַסט זיך צו צו זיין אוידי־טאָריום, אַליין ניט טראַכטענדיג וועגען דעם. דאָס איז מעגליך, הגם דאָס איז וועניג וואהרשיינליך. יעדענפאַלס קענען אין אַזוינע ליעדער ניט ציטערען קיין ריינע, אויפריכטיגע געפיהלען. אין'ם בעסטען פאַל איז דאָס אַן אָבקלאַנג פון פרעמדע געפיהלען, וואָס דער דיכטער שטעלט זיך זיי פאָר.

דערפון איז שוין קלאָהר, אַז פרוג קען ניט זיין א י נ ד י־ ו ו י ד ו ע ל אין אַלע אַזוינע ליעדער, וואו זלידניוקע געווינט די אויבערהאַנד (און דאָס איז כמעט די גאַנצע ליריק זיינע, אַ חוץ ווינציגע אויסנאַהמען, וואָס מען קען זיי איבערצעהלען אויף די פינגער). איך בעט אייך, ווי זאָל ער זיין אינדיווידועל, אַז דאָס איז גאָר ניט זיינע מאָטיווען, אַז דורך איהם רעדט גאָר אַ פרעמדע סביבה און אַ פרעמדע קולטור־שטופע. אין'ם בעסטען פאַל זייַ־נען זיינע ליעדער ט י פּ י ש: דאָס הייסט, זיי דריקען אויס אין אַ מיטעלמעסיגער פאָרם די מיטעלמעסיגע עמפּפינדונגען, וואָס אַ מיטעלמעסיגער שטערטעלדיגער איד וואָלט געקענט האָבען.

דאָס אייגענע אין זיינע ציון־ליעדער. די בענקשאַפט צו דעם אַלטען היסטאָרישען לאַנד ק ע ן זיין אַ גוטער שטאָף פאר לי־ריק. מען דאַרף אָבער דאָס זאָל זיין א י י ג ע נ ע בענקשאַפט, א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע איבערלעבונגען, אַניט איז דאָס ניט קיין ליריק. אין פרוג'ס ציון־ליעדער, ווי אין פיעלע אַנדערע, איז פרוג ניטאָ, איז איבערהויפּט קיין פּערזאָן ניטאָ. עס רעדט עפּעס אַן אונבעשטימטער דורכשניט־מענש, דורכשניט־איד.

עס איז אינטערעסאַנט צו פערגלייכען פרוג'ס נאַטור־שטי־מונגען מיט פרוג'ס ציון־ליעדער. דאָרט — יעדעס וואָרט בע־זעלט, יעדע שורה דורכגעפיהלט, יעדעס בילד אַ לעבעדיגע איינ־הייט. דאָ — קאַזיאָנע פראַזען מיט קאַזיאָנע פערגלייכען, פאַ־נאַנדערגעלאָזען אין גאַנצע עמערס ווערטער. דעם דיכטער פעהלען

פשוט בילדער, און אז ער כאפט זיך שוין אַן אַן עפּעס אַ משל, וועט ער איהם אזוי גיך ניט אפּלאָזען.

אזוי איז געווען מיט דער אלעגאָריע „ציון־מאַמע" און „ציון־אלמנה". אין באנד 2, אויף זייטע 7, לייענט איהר: „וואָס הערט זיך, ברודער, אין דער היים, וואָס מאַכט די אַלטע מ א מ ע?" אויף זייטע 9, „דער מאַמע"ס קלאַג": „אויב דיר איז שווער, טאַ קום זשע אהיים, קום, ק י נ ד מ י י נ ס, אהיים, צו דיין מ א מ ע ן".

און אזוי ווייטער.

די דאָזיגע אַרימקייט אין פּאָעטישע פערגלייכען איז ניט קיין צופאַל: דאָרט וואו ס'איז ניטאָ קיין עכט געפיהל, דאָרט מוז אויך דער אויסדרוק הינקען.

די אַלע לידער וועגען ציון, דאָס רופען צוריק אהיים, דאָס אגיטירען: „שטעה אויף, שטעה אויף, הויב אויף דיין גרויסע אַלטע פאָהן, די פאָהן, די פאָהן פון ציון" — דאָס אַלעס בעקומט אַ בעזונדערע בעלייכטונג, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז פרוג איז אייגענטליך קיין ציוניסט אויך ניט: אין אַ רייהע לידער האָט ער אבגעלצ'ט און אבגע'חוזק'ט פון דער ציוניסטישער ארבייט, ווי פון יעדער אנדערער געזעלשאַפטליכער ארבייט. וואָס זשע הייסט דאָס „קום, קינד מיינס, אהיים"? וואָס בעדייט דאָס „שטעה אויף צו ארבייטען פאַר ציון"?

דאָס איז ניט מעהר ווי מ ל י צ ה. דעם זלידניוועקער אידען לעבט זיך שווער. דער זלידניוועקער איד קלאָגט זיך:

„אויסגעדאַרט, אויסגעקוואַרט, וואָהנען אין שכנות,
אין פרעמדע געדרונגענע דירות,
דאָרט וואו געטאָגט — ניט גענעכטיגט, ביי לייטען
און צאָהלען זיי איבעריגע שכירות".

דער זלידניקער איד פּאַסמאַקעוועט: „ווי גוט, ווי זיס, ווי שעהן עס זיינען אַן אייגען הויז, אַן אייגען לאַנד". דער זלידניוועקער איד פערטראַכט זיך אמאָל: ווי גוט עס איז אונז געווען אין ציון, אויף אייגענע ערד, אַ בעל־הבית פאַר זיך, ארץ זבת חלב ודבש...

נו, און אז אונזער איד פערטראכט זיך, קומט פרוג און לעגט איבער אויף גלאטע גראמען דאס, וואס יענער וואלט גערארפט פיהלען. גיסען זיך שורות און סטראפען, קלינגענדיג, הילכיג — און לעדיג.

V.

פרוג האט כסדר א וכוח מיט דעם פאלק ישראל — מיט ז י י ן פאלק ישראל. די אידען, זאגט ער, פערלאנגען פון א דיכטער נאר ער זאל לאכען.

אי, לאכען, אי, א חיות! שרייבט, הערר פרוג!
געגוג אייך זיפצען, כ'לעבען, עט, גענוג!
א חכמה'לע, א פשט'עלע, א וויצעל,
קאטאוועסלעך מיט גראמען אהן א שיעור,
אזוי, אז יעדער אות זאל טהאן א קיצעל".

פרוג ענטפערט דערויף, אז ער וויל דאס ניט און קען דאס ניט: די הארפע איז איהם געגעבען געווארען, „ער זאל אויף איהר שפיעלען דאס הייליגע ליעד פון האפנונג און ליעבע, ער זאל מיט זיין שפיעלען ערוועקען די גוטע און ריינע געפיהלען פון טרייהייט און עהרליכקייט, פריינדשאפט און פרייד". אז אנדער מאל רופט ער אוים מיט כעס:

„איך קען עס ניט, איך קען ניט, — וועה צו מיר!
איך קען קיין ווילדע, קרומע חנ'דלעך מאכען,
איך קען ניט לאכען, גוואלד—איך קען ניט לאכען!"

פרוג איז אומגערעכט אנטקעגען דעם פאלק ישראל: ערשטענס האט קיינער ניט ליעב אזוי צו וויינען און זיפצען און קרעכצען, ווי גראד דער איד פון א גאנץ יאהר, (און דאס האט פרוג דערמאנט אין א פאר ערטער). צווייטענס האט פרוג אליין אויך ניט פיינט „א חכמה'לע, א פשט'לע, א וויצעל", און אין זיינע

ליעדער האָט ער דוקא געמאַכט „ווילדע קרומע חנ'דלעך“ — און נאָך ווי געמאַכט!

פרוג'ס ליריק איז אין איהר גרעסטען טהייל פּובליציסטישע ליריק. פון איין זייט ווערט געשילדערט די שוואַכקייט, די נעבעכדיגקייט פון דעם אידישען גזעלשאַפטליכען לעבען, פון דער אַנדערער זייט ווערען די אידען גע'מוסר'ט פאַר זייערע שלעכטע פיהרערבצען. אַלעס צוזאַמען ווערט געשריבען אין אַ טאָן פון בדחנות, פון גראַמען־מאַכעריי, מיט קאַטאָוועסלעך און מיט העויה'לעך און מיט גרימאַסעלעך, אַזוי ווי דאָס האָט ליעב דער זלידניוועקער איד.

ווער זיינען די אידען? „אַ פאָלק פון אָבגעשלאָגענע הושענות“. וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס אידישע לעבען? „עס האָט אַ פּנים פון דריי שוואַרץ־יאָהר“. וואו וואוינט דער איד? אין בלאָטע, אין שמוץ, אין חושך, צווישען דער יאַטקע און דער קלויז און דער מקוה, וואו עס „טאַנצען אויף די טרעפּ אַ כשר־טאַנץ אַ מנין זשאַבעס“. מיט וואָס פערנעהמט זיך אַ איד? ער האַנדעלט: ביי איהם „בעקומט איהר מעהל און באָב, אַ לולב מיט אַ טשאַלענט־טאָפּ, אַ פאָהן אויף שמחת תורה... דער האַנדעל ברענט — מיט פעך, מיט בלעך, מיט האָלץ, מיט פויגעל־מילך, מיט יקנה"ז, מיט צוועקעס, מיט קמיעות“. ווער זיינען אידישע טהוער? „פרומע גאָט'ס סטראַפּטשעס“, „שפּיציגע יאַרמולקעס“, „פּופּקעס גראָבע, פעטע, געפּעסטעטע, געגלעטע“, „קהל'שע פּאָלאָניקעס (קאָכלעפעל), שתדלנים און זאַקאָניקעס“. וואו לערענט זיך אַ איד אויס אַלע שבע חכמות? נו, נאַטירליך, אין חדר, פון'ם חומש:

„פון „קטורת“ ווער איך אַ דראָגיסט,
אַ דאָקטאָר פון „מצורע“,
פון „פאה“ ווער איך זעמלעמער,
אַ גאָלד־שמיד פון „ויקהל“,
פון „שקלים“ אַ סטאַטיסטיקער
צו מאַכען דעם סך־הכל,
פון פּרשה „אמור“ — סאַניטאַר,
„משפּטים“ — אַ זאַקאָניק...“

ווער זיינען אידישע געבילדעטע? אט איז די „מאדאם" די ארי־סטאקראטקע, וואס קרימט זיך הערענדיג פון קוגעל, טשאָלענט, לאַטקע. אט איז די „מאמזעל", וואס אז איהר רעדט אידיש, קוקט זי אויף אייך ווי אויף א ווילדען חידוש. אט איז א „אינ־טעליגענט", וואס ווייסט ניט קיין צלם פאר קיין אלף און קריכט דאך ווערען א ראבינער.

נו, און ווייטער? ווייטער גאר ניט. קיין אנדערע טהוער, קיין אנדערע אידישע אינטעליגענטען, קיין אנדערע ערשיינונגען אין'ם אידישען לעבען האט פרוג ניט געזעהן. פארוואס? ווייל דער זלידניוועקער איד האט פון זיי ניט קיין השגה. ווייל דאס גע־פינט זיך אויף יענער זייט פון זלידניוועקער וועלטעל.

ווער זשע איז שולדיג אין דער גרויסער אידישער נעבעכ־דיגקייט? קודם כל, פערשטעהט זיך, דער גוי, דער גוי סתם.

„עס שטעכט אין מוח, הארצען...
עס שטעכט... אי, מאמע, אי!
זעהסט, מיט א גרויסער טארבע
קומט אן דער גרויסער גוי...

און שטיינער פליהען, פליהען
אין ווערטאג־בעט צו מיר".

קיין אונטערשיעד צווישען א גוטען גוי און א שלעכטען, צווישען א ראדיקאלען גוי און א רעאקציאנערען ווייסט ניט פרוג'ס פובליציסטיק. אלע זיינען פון איין מין און אלע זיינען שונאי־ישראל. „די קרוין פון דער יונ'ישער נאטור" בלייבט שטענדיג דער „דבר אחר". און דער דאזיגער אלמעכטיגער דבר־אחר טרעט מיט די פיס פראנק און פריי די אייניקלעך פון מתתיהו און שטויסט זיי מיט דער טריפה'נער מארדע אין די אויגען, און פריי ווי וואַ־סער טרינקט ער זייער בלוט.

שולדיג זיינען די גוים, אבער אויך אויף די אידען פאלט א טייל פון דער שולד, ווייל זיי אליין זיינען אויך ניט פיין און ניט ליטיש.

אין פיעלע צעהנדליגער ליעדער רעכענט פרוג אוים די איד־דישע חסרונות און מוסר'ט דעם עולם ער זאל זיין א מענש. די אידען האבען צו שטארק ליעב דאס גאלדענע קאלב:

„א טריט ניט צו טהאן אהן דעם גאלדענעם יחסן;
ער איז אייער האר, אייער פאלקס־בעל־הבית...
מען גלעט איהם דעם רוקען, מען קוקט אין די אויגען,
מען שטופט איהם דעם הדס גלייך אונטער'ן נאז,
מען גיט איהם אב כבוד פון אלע פיער זייטען".

די אידען האבען אויפגעהערט זיך גרויסען מיט יחוס; עס האט שוין ביי אונז קיין ווערטה ניט „דער ווארצעל, דער שטאם, די משפחה". די אידען (סתם אידען, אלע אידען!) האלטען אין איין זינגען „מה יפית". די אידען (אלע אידען) „קניהען, פויזען פאר די פים און קושען, לעקען יענע הענד, וואס שלאגען זיי, און קוקען מיט א זים חניפה־חנ'דעל אין יענעם מויל, וואס שפייט אין פנים זיי". די אידען האבען ליעב צו שרייבען „דא־נאסען" (מסירות) איינער אויפ'ן אנדערען. די אידען זיינען דאס גאנצע לעבען זייערס נאכטאנצער נאך יענעם. און דער עיקר, דער תוך כל התוחות: דער איד פערשטעהט גאר ניט, ער איז בלינד, ער איז עפעס א שטיק ליימענער גולם. און ווידער ניט נאר איינצעלנע מענשען, נאר דאס פאלק, דאס גאנצע פאלק!

„מיין פאלק! שווער זיינען דיינע זינד:
האסט אבגעלעבט אזוי פיעל יאהרען,
פערעלטערט, שוואך און גראה געווארען—
און ביזט נאך אלע א חדר־קינד!.."

וואס מען דארף טהאן, ווי מען דארף אנדערש לעבען — דאס זאגט אונז ניט דער פובליציסטישער דיכטער. דאס קען ער ניט זאגען, ווייל דערצו וואלט מען געדארפט האבען וועניגער בטלנות און מעהרווירקליכען געזעלשאפטליך־פאליטישען און סאציאלען חוש. און דאס איז דאך גראד דאס, וואס ס'פעהלט אונזער „אידען פון א גאנץ יאהר". קומט דעריבער פרוג'ען אוים

צו בענוגענען זיך מיט אַ ל ג ע מ י י נ ע שמועסען, מיט אונ־בעשטימטע פערשוואומענע פראַזען. זינגט ער נאָכאַנאַנד „שטעה אויף, שטעה אויף, מיין פאָלק“, רעדט ער וועגען דעם, אַז אונז פעהלען „העלדען“, דעקלאַמירט ער וועגען „פאָראויס, פאָראויס“, וועגען אַנהויבען „אַ מענשען־לעבען פון דאָס ניי“. אָבער ווייל הינטער אַט די ווערטער איז ניטאָ קיין בעשטימטער אינהאַלט, ווייל אין׳ם דיכטערס פאַנטאַזיע אַליין מאַלט זיך ניט קיין דייט־ליכער ציעל, זיינען די אַלע שמועסען ניט מעהר ווי מליצה — גלאַטע, קלינגענדיגע און פוסטע.

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דער ציוניזם איז פאַר פרוג׳ען אַ שטיקעל אַנהאַלט. רעדט ער דאָך אַזוי פיעל מאָל וועגען דער „מאַמע ציון“, רופט ער דאָך זיך אומקעהרען צוריק „אין דער אַל־טער היים“. ווען מען קוקט זיך אָבער צו נעהענטער, זעהט מען, אַז אויך ציון איז אַ נעבעלהאַפטע מליצה אָהן אַ קאָנקרעטען אינ־האַלט. ווארום דער ציוניזם אַ ל ס ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ע אַ ר ב י י ט דערוועקט פרוג׳ס לצנות ניט ווייניגער ווי יעדע אַנ־דערע געזעלשאַפטליכע און סאָציאַלע ארבייט ביי אידען. גענוג צו דערמאָנען כאַטשבי די „צוויי אסיפות“, וואו די ציוניסטען פאָהרען רייטענדיג אויף אַ שקל קיין ארץ־ישראל.

די גאַנצע פובליציסטיק אין פרוג׳ס ווערק (און זי פערנעהמט אפשר ניין־צעהנטעל פון זיינע שריפטען) איז ניט בעלויכטען דורך די שטראַהלען פון אַ בעשטימטען אַ י ד ע אַ ל, איז ניט דיק־טירט דורך אַ געוויסע געזעלשאַפטליכע ר י כ ט ו נ ג. דאָס איז איבערהויפט ניט קיין געזעלשאַפטליכע קריטיק, ניט קיין געזעל־שאַפטליכע סאַטירע. דאָ ציטערט ניט דאָס אויפגערעגטע, עמ־פערטע סאָציאַלע געפיהל, דאָ ברענט ניט קיין מענשען׳ס נשמה. דאָ קלינגט ניט דער אויפריכטיגער צאָרן, דער גאַליגער געלעכטער, די הייסע פעראַכטונג און די ניט ווייניגער הייסע ליעבע.

דאָס איז ניט קיין סאַטירע — דאָס איז חוזק. דאָס איז ניט קיין קריטיק — דאָס איז לצנות. דאָ רעדט ניט קיין געזעלשאַפט׳ס־מענש — דאָ רעדט אַ ברחן. און אַ ברחן וועהלט שטענדיג אויס דעם שטאָף, וואָס זאָל זיין בעקאַנט און נאָהענט זיין עולם. פרוג׳ס

עולם האט ליעב צו לאכען פון זיך אליין און צו בעגעגענען מיט א בטלן'ישען „עם" אלצדינג וואס מען פרופט אויפצוטהאן אויף דעם פאליטישען און סאציאלען געביט ביי אידען. פרוג בעפריעדיגט אט דעם געשמאק פון זיין עולם.

עס איז ניט אמת, אז „זיין" פאלק ישראל פערשטעהט איהם ניט. גראד אט דער וכוח מיט'ן „קורא נכבד" און דאס קלאגען זיך אויף דעם לעזער — דאס אליין איז א מאדע ביי די זלידניוועקער אידען. עס איז א מין גוטער טאן. זיי לייענען וועגען דעם שריי־בער אז

„ער שרייבט דאך, דאכט זיך, מיט א פען,
ער רעדט מיט אידען פשוט אידיש,
און אידען קוקען פארט אויף איהם
נאך אלץ ווי אויף א ווילדען חידוש".—

זיי לייענען דאס און פאסמאקעווען און קוועלען. ער שרייבט גוט, דער שייגעץ! ער טרעפט גלייך אין פינטעל.

נאך נעהענטער ווערט ער זיי, ווען ער הויבט זיך אן קלאגען, אז ער האט ניט קיין פרנסה. דאס איז דאך אזא וואוילע אידישע טעמע: דאגת פרנסה. קיין זאך מאכט ניט אזוי נאהענט איין אידען צום אנדערען, ווי די שמועסען וועגען שלעכטע צייטען. נו, טהוט דער דיכטער אויס זיין כהן־מאנטעל, נעהמט אראב דעם לארבער־קראנץ פון זיין קאפ, לעגט אוועק די לירע אן א זייט — און עס זיצט שוין פאר אייך א זלידניוועקער איד מיט א צעקנייטשט בערדעל און דערצעהלט א קאמפאניע זלידניוועקער בעל־הבית'לעך:

„מען לעקט פון מיר די פינגער,
עס קלינגט מיט מיר א וועלט;
חאטש וואס איז, דאכט זיך, גרינגער—
מאך ליעדלעך און נעהם געלד.
יא, איך מאג זיין צופריעדען,
ניט ערגער ביז'ן טויט.
איינם פעהלט נאר, ליעבע אידען,
נאר איינס—דאס שטיקעל ברויט".

ווער עס טהוט זיך אזוי אוים פאר'ן עולם ביז'ן העמד, דער טאָר זיך יעדענפאלס ניט קלאָגען, אז ער קען קיין חנ'דלעך ניט מאכען און אז דער עולם קען איהם ניט פערשטעהן.

VI.

געוועזן אמאָל א ראָמאַן ביי אונזער אידען, א ראָמאַן מיט טרוימען און האָפנונג און הארץ־קלאַפּען, ווי געוועהנליך ביי פערליעבטע. די דאַמע פון זיין הארצען איז געוועזן די רויטע פאָהן. עס האָט זיך איהם געדאכט: אָט קומען זיי, די פרייהייטס־קעמפּפער, און וועלען איהם אויסלעזען פון זיין ביטערער קנעכטשאַפט און ס'וועט איהם ווערען גרינגער צו לעבען.

האָט ער מיט שטאַרקען מיטגעפיהל זיך צוגעהערט און צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר אין די רעוואָלוציאָנערע רייהען. אַליין איז ער, נאַטירליך, געשטאַנען פון דער ווייטען. פערזענליך זיינען די קעמפּפער איהם געוועזן פרעמד און אונפערשטענדליך, אָפט אפילו אונסימפּאַטיש, אָפט האָט ער געפיהלט צו זיי א מורא, נאָך אָפטער — א האַס. אָבער אויף דעם ר ע ז ו ל־ ט אַ ט פון זייער ארבייט האָט ער ארויסגעקוקט מיט אומגעדולד, און די ר ע וו אָ ל ו צ י ע אלס אַזעלכע האָט געהאַט חן און לייטזעליגקייט אין זיינע אויגען.

עס פערשטעהט זיך, אז אויף פרוג האָט זיך אָבגערופען אויף אָט דעם ראָמאַן פון זיין זלידניוועקער צווילינג.

עס איז אזוי מערקווירדיג צו לייענען די פרייהייטס־ליעדער אינמיטען פרוג'ס אַנדערע זאַכען. עס איז אַזאַ דיסאָנאַנס, עס קלעפּט זיך אזוי ניט צו זיין אַלגעמיינעם נאָגענדיג־קלאָגעדיגען טאָן. נאָר איז דען ניט געוועזן א דיסאָנאַנס אין דער נשמה פון אונזערע קרעמער און הענדלער זייער גאַנצער מיטגעפיהל צו דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג? האָט דאָס דען געפּאַסט צו זייערע איבעריגע סימפּאַטיעס און צום גאַנצען טאָן פון זייער לעבען?

איהר לייענט אזעלכע הילכיג־רוישיגע סטראפען, ווי

„עס קלאפט דער פויק, די שופרות שאלען,
ער געהט נאך ערשט, ער הויבט זיך אן“,—
דער קאמפף דער שרעקליכער, דער גרויסער,
ער געהט נאך ערשט, ער הויבט זיך אן“.—

איהר לייענט און וואונדערט זיך: פון וואנען?
אבער טאקי אין דעם זעלביגען ליעד געפינט איהר דעם תירוץ:

„קרבנות הייליגע און ריינע
פאר אונזער פרייהייט, גליק און פרייד“.

דער איד ווייסט: עס איז ניט זיין קאמפף, עס איז זייער קאמפף. זיי פאלען קרבנות — און ער וועט געניסען גליק און פרייד. טא פאר וואס זשע זאל ער זיי ניט שענקען חאטש א הארציג לויב־ליעד?

און אינטערעסאנט איז צו בעמערקען, אז אין די עטליכע פרוג'ס פרייהייטס־ליעדער איז דא מעהר אויפריכטיגקייט, מעהר ווארימקייט, מעהר געפיהל, ווי אין א סך אנדערע. אפשר דערפאר, ווייל דא האט פארט דאס לעבעדיגע לעבען אריינגעאטהעמט היים און שטארק אין'ם דיכטער'ס נשמה. דא איז שוין ניט געווען קיין מליצה, דא איז געשטאנען פאר די אויגען א לעבעדיגער, קאנ־קרעטער, היים־געווינשטער און געהאפטער ציעל.

דא בעקומט אויך דעם דיכטער'ס שטימע מעהר קלאנג און זאפט.

איינס פון די שעהנסטע פרייהייטס־ליעדער ביי אידען (און אפשר אויך ביי אנדערע פעלקער) איז פרוג'ס „פאהן“.

„ניט פון גאלד־שטאף, ניט פון זיידענס
איז די פאהן געמאכט;
אין א שרעקליכען געוויטער
אין א שטורעם־נאכט

האָט גערווישט דאָס אַלטע שפּינאַרד,
און די בלייכע נויט,
אין אַ פּייכטען קעלער־ווינקעל,
ביי אַ חלב־קנויט,

האָט געוועבט די גראָהע פּאָדים
ריין און שטייף און גוט
און געפּארבט זיי מיט די לעצטע
טראָפּען אייגען בלוט״.

פרוג דערהויבט זיך דאָ אַפּט צו אַ שטאַרקען פּאַטאָס, צו אַ גליהענדען צאָרן. איהר קענט ניט פּערגעסען די סטראָפען, וואו ער רופט צו אַ הייליגער, גרויסער נקמה, וואו ער רופט אראָב־צורייסען די קייטען אפילו מיט דער אייגענער הויט, מיט דעם אייגענעם בלוט...

יאַ, געווען אַ ראָמאַן... אָבער גיך האָט ער זיך אויסגעוועפּט. די רעוואָלוציע האָט ניט געזיעגט. דער איד איז געוואָרען ענטוישט. איהם האָט זיך אַנגעהויבען דאַכטען, אַז די רעוואָלוציאָנערען האָ־בען ניט גוט געהאַנדעלט, אַז זיי אַליין זיינען שולדיג אין דער מפּלה. די רעוואָלוציע האָט אַנגעהויבען ארויסרופען ביי איהם אַ ביטערען, סאַרקאַסטישען שמייכעל.

און אויך פרוג האָט זיך געענדערט. איצט קלאָגט ער זיך שוין, אַז דער איד האָט געמאַכט די רעוואָלוציע פ א ר י ע נ ע ם. „מ י ט ' ן לעט פערוקען טשאַלענט אין ז י י ן אויווען; אתרוג בענשען מ י ט ' ן פּאַליאַק אין ז י י ן סוכה; דאָ מיט דעם און דאָרט מיט יענעם כלים כשר'ען אויף פּסח; מיט די הוילע הענד פון פייער קוילען שאַרען; זידען — קאָכען — מיט'ן שכן, מ י ט ' ן שכן; און אַליין?״ פאַר זיך אַליין ניט האָבען גאָר ניט. פרוג פערגעסט דערביי, אַז ערשט נעכטען זיינען דאָס געווען קעמפּפער „פאַר א ו נ ז ע ר פרייהייט, גליק און פרייד״. ער טיילט דאָ די שטימונג פון אַלע זלידניוועקער אידען.

עס קומט אַ צייט, ווען די „דגל מחנה השטרייקער״ בעשטעהט ביי איהם שוין נאָר פון די בערשאַדער טליתים־וועבער און די סלאָנימער סופרים.

„אנידערגעשטעלט זיך און סטאָפּ די מאשינע!
אַ ריהר ניט צו טהאָן זיך, ווי מתים;
און זאָל אקאָרשט פּרופען אַ גאנצע מדינה
בעגעהן זיך אָהן נייע טליתים“.

דער הוזק־מאַכער שטופּט ארויס דעם פּריוהייטס־דיכטער, און לצנות פּערנעהמט ווידער דעם אויבען־אָן. נאָר נאָך צוגעקו־מען נייער שטאָף פאר נייע בדחנות.

VII.

עס וואָלט ניט כדאי געווען צו ריידען אזוי פיעל וועגען פּרוג'ען, ווען הינטער דעם איד פון אַ גאַנץ יאָהר וואָלט ניט גע־שטעקט דער גאָט־געבענשטער דיכטער, ווען אינמיטען גאַנצע בערג פון בדחנ'ישען מיסט וואָלט ניט פון צייט צו צייט אַ שיין געטהאָן אַ שטיק ריינע גאָלד.

מיר האָבען געזעהן, אַז אין איין פּרט האָלט „שחינעווקע, יורה'דעה'ווקע“ מלחמה מיט'ן דיכטער. דאָס איז דאָרט, וואו די נאַטור הויבט אָן וועבען איהרע זאנפטע מעלאָדיען אין זיין האַר־צען. דאָרטען געהט דער דיכטער אויף אַ פּשרה: דעם ערשטען טייל פאר זיך, דעם צווייטען — פאר זלידניוקע; דער משל — פּאָעזיע, דער נמשל — אַ האַרטער און טרוקענער ארטיקעל פון אַ צייטונג. ביידע צדדים זיינען צופריעדען מיט דעם אויסגלייך; ניט צופריעדען איז נאָר דער אינטעליגענטער מאָדערנער לעזער, וועלכער האָט אָן אויער פאר יעדען מינדסטען דיסאָנאַנס און וועל־כער מוז דורכגעהן אין פּרוג'ס ליעדער אַ גאַנצען כף־הקלע: פון צאַרטער פערבענקטער מוזיק ביז צו דער בויך־רעדנעריי פון אַ קונצען־מאַכער אין באַלאַגאַן, פון דעם שטילסטען און עהרליכסטען ודוי פון אַ מענשליכער נשמה ביז צום ביליגען וויץ פון אַ פלאַסקע־דרייגע. דער מאָדערנער לעזער מוז שטאַרק צונויפדריקען די צייהן, ווען ער נעהמט זיך וואַנדערען איבער פּרוג'ס ליריק.

פאַראַן אַזוינע מאָטיווען, וואָס זלידניוווקע האָט זיי פון אָנ־הויב אָן ניט געלאָזט אויפקומען אין זיין אידישער פּאָעזיע. ווען איהר ווילט קענען דעם ריכטיגען פרוג'ען, מוזט איהר זיך דאַן ווענ־דען צו זיינע רוסישע לידער. אויב איהר האָט לכתחילה נאָר גע־קענט פרוג דעם אידען, וועט איהר ווערען ערשטוינט: איז דאָס דער אייגענער דיכטער?

„דו פערצוויבער מיך, דו פער'כשוף מיך
ברויז מיט שטורעם־קראַפט אין דער זעעל ביי מיר!
כ'וויל אַ ריעזיגען קאַמפף, כ'וויל אַ פייער־פלאַם,
לעבען... לעבען לאָז!... מיט דעם גאַנץ הארץ
זיך פערזינקען טיעף אין דעם זיסען שמערץ...
....
מאַך זשע שטאַרקער מיך און בעוואָפען מיך
און מיט לעבען גיס מיר דאָס הארץ אָן פול...*)

האָט איהר ווען געהערט אַזוינע טענער אין פרוג'ס א י־ד י ש ע ר ליריק? —

פרוג דער איד זאָגט זיך אָב פון אַ גאַנצער רייהע פּאָעטישע איינפאַלען, פון אַ גאַנצער וועלט מיט שעפּפערישע מאָטיווען. פרוג דער רוס איז אָפט פערליעבט אין ז אַ כ ע ן; ביי איהם אין דער רוסישער אויסגאַבע איז דאָ אַ גאַנצע אָבטיילונג: „סטאַטועז און בילדער“; ער האָט ליעב צו דערצעהלען וועגען די געפיהלען, וואָס ס'רופט ביי איהם ארויס אַ גוטער בוך, אַ אינטערעסאַנטע בעגעגעניש; ער שפּיעלט זיך אַמאָל, צו זיין אייגענעם פערגעני־גען, מיט פאַרבען און טענער. פרוג דער איד ווייסט נאָר איינס: ריידען ונעגען אידען, און ניט וועגען דעם פרט, נאָר וועגען כלל, און ניט גלאַט ריידען, נאָר אַריינלעגען אַ געוויסען „נוצליכען“ איינ־האַלט. אַזוי פערלאַנגט דאָס דער געשמאַק און די השגה פון זליד־ניוווקע. עס איז דאַך אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז אין אַלע פרוג'ס אידישע לידער איז ניטאָ קיין איין 'איינציגער ליעבעס־מאָטיוו!

*) רוסישע לידער באַנד 2, ז. 179.

פאראן אבער אויך געביטען, וואו עס איז גאר ניטא קיין גע־גענזאץ צווישען פרוג'ען און זיין שטרענגען „באס“. דאס איז דארט, וואו זייערע אויגען ווענדען זיך צום אידישען עבר, וואו עס ווערט אויפגעלעבט אין א ראמאנטישען שיין די פארצייטיגע אידישע וועלט. דא ווערט דאך דער געוועהנליכער איד אליין אויך יום־טוב'דיג; דא קומט אין איהם אריין די נשמה יתרה; דא איז זיין קודש קדשים, וואס די פאנטאזיע בעפעלקערט זי מיט די רייכסטע און פרעכטיגסטע געשטאלטען.

דא האבען מיר ווידער פאר זיך פרוג'ען דעם דיכטער, ווי ער אליין פיהלט און טרוימט. דא לייכטען פערעל, דא ווערען גע־פלאכטען קרענץ פון גאלדענע שטערען, דא ווערט דעם זינגער'ס שטימע אפט אנגעזאפט מיט מעטאל און בריהט אייער נשמה.

אפשר די שעהנסטע באלאדע אין דער אידישער ליטעראטור אין „חתן־תורה“. ווי מיט פייערדיגע צייכענס קריצט זיך איין אין אייער גייסט דאס בילד פון דעם אלטען שמש, וועלכער שטעהט אויף פון'ם קבר, נעהמט ארויס די שטיקער צוריסענע פארמעט, צעוויקעלט זיי

„און ער לייענט... ווי רובינען
צווישען שנורען שווארצע פערעל
גלאנצען טראפענס בלוט און גליהען,
ברענען דורך די שווארצע שורות...“

איינע פון די שעהנסטע לעגענדען איז דעם „שמש'ס טאכטער“. אבער נאך ווארימער, נאך ליעבליכער איז געשילדערט א פאר־צייטיגער איד אין „חמשה־עשר“ — דער הארציגער, טייערער אלטער, וואס רופט ארויס א טיעפען זיפץ פון'ם דיכטער'ס ברוסט:

„מיר האבען אלע אייך געקענט
און ניט פערשטאנען אייך ניט איינער...“

און וואס וועקט א בענקשאפט נאך דער לאנג פערשוואונדענער שעהנקייט:

„וואו נעהמט מען — ניט די קראפט, אך, ניין —
די ט י ע פ ע פ ר י י ד פון אייער גלויבען“.

דא איז דער דיכטער ניט צושפּאָלטען, ניט פערשטעלט הינטער א מאַסקע. דאַ איז ער — ער אליין ביז'ן טיעפסטען קנייטש פון זיין נשמה.

און זייענדיג מיט זיך אליין, הויבט ער אָפּט אָן ריידען מיט אַ שטאַרקער שפּראַך, מיט אַן אומגעריכטען ערנסט, ווי אַ זוהן פון נביאים. אין שטאָהלענע פערזען איז איינגעשמיעדט די לע־גענדע פון נבוזראדן, וועלכער האָט געוואָלט מיט בלוט פערלעשען דאָס זידענדיגע בלוט פון נביאים. מיט אַ טיעפען האַס איז דורכ־געגליהט די „שריפה“, וואו איהר הערט די איינפאַכע און שטאַרקע ווערטער:

„איך בין אַהן ברויט געוואָרען זאַט,
איך בין אַהן וויין געוואָרען שכור...“

איהר לייענט דאָס — און אייך טהוט באַנג, וואָס אַזאַ דיכטער־קוואַל איז פערצאַמט דורך אַ מויער פון פאַלשע פאַרשטעלונגען און בעגריפען. און איהר קענט ניט פערשטעהן, ווי אַזוי די איי־גענע פעדער, וועלכע איז אַקאָרשט געווען איינגעטונקט אין גאָלד און גיפט און פייער, וועט תיכף טאַקי נעהמען שרייבען די מבוזה'־דיגסטע גראַמען.

VIII.

פרוג'ס שפּראַך איז גלאַט. זי פליסט אָהן שטערונגען. דער פערז איז לייכט, שורות קייקלען זיך איינע נאָך דער אַנדערער. עס פערטשעפּעט זיך ניט אין ערגעץ.

אָבער אַז איהר לייענט אַ שטיק צייט, הויבט איהר אייך אָן פיהלען אונבעקוועם — און איהר הויבט אָן נאָך עפּעס בענקען. וואָס איז דאָס? איהר דערמאָנט זיך דעם אונטערשיעד צווישען מאַשינאַוועס מוזיק און דער מוזיק, וואָס איהר הערט פון אַ לעבעדיגען שפּיעלער. אין די אויטאָמאַטישע רעסטאָראַנען קענט איהר אַמאָל זעהן אַ פאָרטעפּיאַן, וואָס זיינע קלאַווישען ווערען בעוועגט דורך עלעקטרישע קראַפט. דאַכט זיך: גאָר ניט שלעכט, דער מאָטיוו

איז ריכטיג, ריטמיש, גלאַט, עס געהט ווי אַ פּוטער. וואָס פעהלט אָבער? אַ קליינינקייט: לעבען. אין צוויי מינוט ארום וועט איהר זיך שוין פערשטעלען די אויערען און וועט בעטען: כאָטש ערגערע מוזיק, נאָר לעבעדיגע, אייגענע.

ניין־צעהנטעל פון פרוג׳ס ליעדער זיינען אַזאַ מין אויטאָמאַ־טישע מוזיק. עס קאָסט איהם ניט קיין מיה, עס געהט ווי פון זיך. ווערטער שטעלען זיך צו ווערטער, שורות קייטלען זיך אָן שורות, גראַמען ענטפערען צו גראַמען — און אַ ליעד איז פאַרטיג. דער מאָסען־געשמאַק איז בעפריעדיגט. דער מאָסען־מענש וועט אפילו זיין ענטציקט.

וואָס פעהלט אָבער? די נשמה פון דער שפּראַך. ווארום ניט נאָר אַ ווערק אַ גאַנצעס דאַרף זיין בעזעעלט, אויך די שפּראַך האָט זיך איהר אייגען לעבען, איהר מיסטישע עקזיסטענץ ווי אזוי צו מאַכען, אַז די שפּראַך זאָל לעבען — דאָס קען קיינער ניט זאָגען, דאָס איז דער בעזונדערער סוד פון דער דיכטערישער שעפּפונג. אָבער פיהלען קען מען שטענדיג, וואו ס׳איז דאָ אין דער שפּראַך נשמה, און וואו זי איז נאָר אויטאָמאַטיש.

איינס קען מען נאָר בעמערקען (אי דאָס נעגאַטיוו): אהן ליעבע איז ניט מעגליך קיין לעבעדיגע שפּראַך. די שפּראַך איז פּונקט אזוי דעם דיכטער׳ס מאַטעריאַל, ווי די טענער — דער מאַ־טעריאַל פון דעם קאָמפּאָזיטאָר, ווי די פאַרבען דער מאַטעריאַל פון דעם מאַלער. אַ שלעכטער מוזיקער איז דער, וואָס איז ניט פערליעבט אין טענער, אַ שלעכטער מאַלער — דער וואָס איז גלייכ־גילטיג צו פאַרבען.

נו, און פרוג? ער האָט דאָך די אידישע שפּראַך; פאַר איהם שמעקט זי דאָך מיט „ווילנער מאַרק און דינאַבורגער יאַטקעס“. פאַר איהם איז דאָך „זשאַרגאָן“ אַ זידעל־וואָרט. ביי איהם אַליין קומט דאָך אויס, אַז ער האָט ניט געשריבען, נאָר „געביסען און געריסען דעם זשאַרגאָן“. און ביי דער מיינונג איז ער געבליבען ביז׳ן היינטיגען טאָג.

איך בעט אייך: ווי זשע זאָל זיין שפּראַך וויין אינטים? ווי זאָל אין איהר ציטערען דער אייגענאַרטיגער נשמה־טאָן? ווי

זאָל זיך אין איהר וועבען דאָס אייגענסטע, דאָס חדרי־חדרים׳דיגסטע פון דעם דיכטער׳ס „איך“?

איך שטעל מיר פאָר אַ מוזיקער, וואָס זיצט אַמאָל און נעהמט איין איינציגען טאָן אויף זיין פיערעל און הערט זיך אין איהם איין מיט אַ בעזונדערער צערטליכקייט: ז י י ן טאָן. און איך שטעל מיר פאָר אַ דיכטער, וואָס איז גליקליך, ווען ער האָט געפונען אַ בעזונדערען אַקאָרד פון ווערטער, אַ בעזונדערם געלונגענעם אויסדרוק.

פרוג ווייסט ניט פון אַזוינע זאכען. ווערטער איז ווערטער, סטראָפען איז סטראָפען. געהט ניט איין וואָרט — שטעלט מען אַריין אַ צווייטעס, וואולגאריזירט דאָס אַמאָל דאָס גאנצע ליעד — אַ ווינציגע דאגה. אַבי גלאַט. אַבגעקנאַקט און פארטיג.

אָט איז די בעשרייבונג פון גן־עדן — טיפּיש פאַר פרוג׳ען (און גראַד ניט פון די ערגסטע):

„וואָרים, פריש, עם פליהען פויגלען;
פליהען, שוועבען, זינגען שירה;
וואונדער־שעהנע בוימער וואַקסען,
וואונדער־שעהנע בלומען בליהען;
פון קריסטאַל, פון גאָלד און זילבער
שטעהען פּאַלאַצען און שלעסער —
אַבגעשפּיעגעלט אין די ריינע,
זילבער־קלאָרע קוואַלען, שטראָמען“.

גלאַט? אַ, געוויס. פּאַסיגע ווערטער? אודאי. וואונדער־שעהנע בוימער, וואונדער־שעהנע בלומען; פּאַלאַצען פון קריסטאַל; זילבער־קלאָרע קוואַלען. אַלצדינג ווי עס דאַרף צו זיין. ווען מען בעשרייבט אַ גן־עדן. אָבער ווי לעדיג די ווערטער זיינען! ווי קאַלט די שפּראַך! און ניט ווילענדיג טראַכט איהר זיך: זאָל זי שוין. בעסער הינקען, אָבער לאָז זיך אין איהר שלאָגען אַ לעבעדיגער אָדער.

פרוג האָט אַזוי לאַנג „געריסען און געביסען“ דעם זשאַרגאָן, ביז ער האָט זיך אויסגעאַרבייט אויף אַ שפּראַך־ווירטואָז,

א שפּראַך־קינסטלער. אויף יעדער זאַך, אויף יעדע צרה שלא תבוא וועט ער אייך אויסשיטען אַ גאַנצען שטראָם גלאַטע, קיילעכדיגע גראַמען. ווילט איהר, וועט ער אייך אַבמעסטען צעהן סטראָפען, ווילט איהר — צוואַנציג אָדער נאָך מעהר. איהם איז גרינג. דאָס וואָס דער רוסישער דיכטער האָט אַמאָל געזאָגט: „ניטאָ קיין פּיין קיין שווערערע ווי די פּיין פון וואָרט", דער שמערץ פון שאַפען אַן אַדעקוואַטען אויסדרוק פאַר דער עמפּפינדונג, — דאָס איז איהם אינגאַנצען פרעמד.

דעריבער קען ער זיין אַזאַ גוטער נאָכמאַכער, אימיטאַטאָר. ער וועט זיך אייך אָוועקזעצען און אָב'חוזק'ען פון אידישע גראַמען: „טאַטע, שמאַטע; ציגען, פליגען; איצע, פּיצע, פּיצע־ריצע; קעפּעל, קנעפּעל, טעפּעל, יויך; אַפּיקומן, קוימען, רויך". ער וועט אייך איבערקרימען די אידישע מאָדערניסטען, שרייבענדיג אַ ליעבעס־אידיליע מיט אַן אַקאָמפּאַנימענט: „די זשאַבעס טאַנצען, די זשאַבעס קוואַקען" — און איבערקרימען גאָר ניט שלעכט. ער וועט זיך אַראָבלאָזען ביז דער נידעריגסטער וואולגאַריטעט, ביז „פּרעס, זויף און הוליע, חזיר" — און טאַקע באַלד וועלען געהן סטראָפען פון גאָר אַ הויכען סטיל. איהם איז אַלץ איינס. איהם איז לייכט. קיין שפּראַך־צניעות, קיין שפּראַך־אַדעל זוכט ניט ביי איהם. צניעות פערלאַנגט מען פון אַ געליעבטער כלה, ניט פון אַ קעבס־ווייב.

און דאָך... צווישען אַ ים פון גלאַטע פערזען, אין אַ שטראָם פון לעדיגע „טראַ־טאַ־טאַ, טראַ־טאַ־טאַ, טראַ־טאַ־טאַ" — דערהערט איהר פּלוצים אַן אייגענעם טאָן, טהוט אַ בליץ־אויף אַן אינטימע מעלאָדיע. דערפרעהט דאָס דעם אויער.

אָט איז אַ בעשרייבונג פון דעם מדבר:

„דאָרטען, וואו די בלומען,
ווי פון שטאָהל און קופּער
אויסגעגאָסען, דרעמלען
אין דער מדבר־היץ".

פיער שורות — און עס אָטהעמט אויף אייך שוין מיט דער צוגליהטער מדבר־לופט.

אַט איז דער ווינטער שליט־וועג:

„אי, פערדעלעך־חיות! נו, זעצ זיך און פאָהר!—
מיט צאַצקעס געטאַקט איז דער שליטען,
צוויי פערד פון די זייטען—ווי הירשען אַ פּאָר,
אַ לעמפּערט, אַ לייב אין דער מיטען!"

אָבער אויך דאָ איז ניטאָ די ל ע צ ט ע אויפריכטיגקייט, די ט י ע פ ס ט ע אינטימקייט, וואָס מיר בעגעגענען ביי אַנדערע דיכטער.

פרוג'ען האַלט מען פאַר „פאָלקסטימליך". דאָס איז ניט ריכטיג. פרוג'ען פעהלט גראַד די תמימות, די נאַאיוויטעט, די חנ'עוודיגקייט פון דעם פאָלקס־שאַפען. פרוג האָט אפילו ניט גע־פּרובט שרייבען ליעדער אין'ם פאָלקס־טאָן. דאָס איז ניט פאַר איהם. אַזאַ ליעד ווי ביאַליק'ס „אונטער די גרינינקע בוימעלעך", אַזאַ עכט־אידישען הארציגען אויסגעשריי, ווי „מיר זאָל זיין, אי־דישע קינדערלעך, פאַר אייערע כשר'ע אויגעלעך" — וועט איהר ביי איהם ניט געפינען. זיין פאָלקסטימליכקייט בעשטעהט אין אַן אַנדער זאַך. ער איז אַ פאָלקס־דיכטער, ווייל איהם פערשטעהט די ברייטע מאַסע, ווייל ער לייענט זיך גלאַט און גרינג און ווייל מען דאַרף ניט פיעל נאָכדענקען, כדי צו פערשטעהן די בעוועגונגען פון זיין נשמה.

ס'וואָלט שוין אַמאָל צייט געווען, מען זאָל אָנהויבען צו פער־שטעהן, אַז אַזאַ „פאָלקסטימליכקייט" איז ניט די בעסטע רעקאָ־מענדאַציע פאַר אַ דיכטער.

(1915).

מאררים ראָזענפעלד.

I.

איהר לייענט מאָרים ראָזענפעלד'ס לידער, איהר וואַנדערט פון בוך צו בוך, פון מאָטיוו צו מאָטיוו — און עפּעס אַן אונאַנגענעהמע עמפּפינדונג פערשטאַרקט זיך אַלץ מעהר אין אייער נשמה. וואָס איז דאָס? עס שוועבען פאַר אייך בילדער, עס ווערען אויפגעפיהרט געשטאַלטען, עס ווערען אוועקגעשטעלט פּראָבלעמען, עס ווערט דערצעהלט אַ געשיכטע פון פרייד און פּיין און טרוים און האַס און גליק — און אייך ווערט אַלץ אונהיימליכער דאָס צו הערען. וואָס פעהלט? אָדער וואָס איז איבעריג? סוף כל סוף ווערען אייך די לידער אונערטרעגליך. איהר מוזט אָבכאַפּען דעם אָטהעם, איהר מוזט זיך בעפרייען פון עפּעס אַ דריקענדער משא.

וואָס איז געשעהן?

עס איז דאָ אַלצדינג, וואָס צו אַ דיכטער געהער: פערשיידענאַרטיגע בילדער; אינטערעסאַנטע שטימונגען; אַ געהאָרכזאַמע שפּראַך; אַ קאָנטאַקט מיט דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אַלצדינג. און פונדעסטוועגען...

עס איז אייך שווער צו אַנאַליזירען דאָס אונאַנגענעהמע געפיהל. עס איז פּונקט אַזוי ווי איהר האָט געזעהן אַ מענשען אַ שעהנעם, אַ קלוגען, אַ מעורב עם הבריות, און דאָך איז געבליבען ביי אייך אין זכרון אַ שלעכטער ביי־געשמאַק, אַן אונאַנגענעהמער נאָכקלאַנג. איהר ווייסט ניט פאַרוואָס, אָבער דער מענש געפעלט אייך ניט.

איהר פּרובט פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין אייער נשמה. וואָס מאַטערט אייך? איז דער דיכטער אפשר ניט אויפריכטיג? שווייבט ער דאָס, וואָס ער פיהלט ניט? זיינען זיינע ווערטער נאָר א לעדיגע מליצה? ניין, דאָס קענט איהר גראַד ניט זאָגען. העכּ־סטענס, וועט איהר בעמערקען, אַז ער פיהלט ניט טיעף, ער פיהלט ניט שטאַרק, ער ווערט ניט ערשיטערט; זיינע איבערלעבונגען זיינען נאָר קליינע, פוילע וועלען אויף דער אויבערפלאַך פון א רו־היגען וואַסער. אָבער ניט דאָס אַרט אייך. מען קען זיין א בע־גאַבטער דיכטער — און זיך נעהרען נאָר מיט שאָטענס פון גע־פיהלען. מען קען זיין אַז אויסגעצייכענטער וואָרט־קינסטלער — און ניט פּרופען אריינקוקען אין די טיעפע אַבגרונדען פון דעם מענשען'ס אינוועניגסטען „זיין". אויף אַזאַ דיכטער וועט איהר זאָגען: ער איז אויבערפלעכליך, ער איז אַ זומער־פויגעלע, וואָס וועט ניט דערלעבען דעם מאָרגענדיגען טאָג. אָבער דאָס פּריקרע, דריקענדע געפיהל וועט ער אין אייך ניט דערוועקען.

פון וואָס זשע נעהמט זיך דאָס פאַרט?

איהר קענט ניט זאָגען, אַז ראַזענפעלד האָט ניט קיין פאַנ־טאַזיע. פערקעהרט. ער בעשאַפט אפט אינטערעסאַנטע בילדער, פאַקענדע סיטואַציעס. ער פּרופט אריינטראָגען לעבען און בעווע־גונג אין אַלצדינג, צו וואָס ער ריהרט זיך צו. זיינע ביכער זיי־נען בעפעלקערט מיט אַ גאַנצע מחנה פערשיידענאַרטיגע בעשע־פענישען, קינדער פון זיין גייסט.

דערצו איז ראַזענפעלד אַ געזעלשאַפטס־מענש. ער לעבט מיט אונז אויף דער זינדיגער ערד און רופט זיך אָב אויף אַלצדינג, וואָס ס'ערשיטערט דאָס געזעלשאַפטליכע עמפּפינדען. ער וואָלט אונז דעריבער געדאַרפט זיין בעזונדערס נאָהענט.

אויב ער רופט פאַרט ארויס אונזער אונבעוואוסטען פראָ־טעסט, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס ס'פעהלען איהם די אָדער יענע עלעמענטען פון פאָעטישער שאַפונג. דאָס ליגט טיעפער.

**
*

יעדער דיכטער זוכט מיטגעפיהל. ער וויל דערוועקען אין אייך די זעלביגע עמפּפינדונגען, וואָס וועקען זיך אין זיין נשמה.

ער וויל איך איבערגעבען א טהייל פון זיין „איך“. פאראן דיכטער, וואס איהר זייט זיי דאנקבאר. איהר עפענט פאר זיי אייער הארץ, און זייערע ווערטער פאלען ווי טהוי אויף א פלאנצונג. פאראן דיכטער, וואס איהר פערהאלט זיך צו זיי גלייכגילטיג. אבער מיט ראזענפעלד'ען קעמפט איהר, ראזענפעלד'ען ווילט איהר ניט אריינלאזען צו זיך. און איהר זייט גערעכט. ווארים ראזענפעלד'ס ליעדער ניט נאר זיי מאכען ניט רייכער אייער נשמה, נאר זיי בערויבען זי פון דעם, וואס ס'האט אין איהר אורשפרינגליך געלעבט. איך קען זיי נאר פערגלייכען מיט א דאמפף פון געוויסע כעמישע שטאפען, וואס מאכען פאנאנדערפאלען קאמפליצירטע קערפער.

די עמפפינדונג פון דעם מאדערנעם מענשען איז אן אויסערארדענטליך קאמפליצירטע ערשיינונג. ווי אין מוזיק איז ניטא קיין איינפאכער, סימפלער טאן, נאר יעדער טאן איז בעגלייט פון א מאסע אויבער־טענער, וועלכע קלינגען מיט און גיבען דעם גרונד־טאן א בעזונדערע מוזיקאלישע בעפארבונג, אזוי איז ניטא אין דער היינטיגער אינטעליגענטער פסיחיק קיין איינפאכע, אבגעזונדערטע, סימפלע עמפפינדונגען. מיר קענען נאך גיהן ווייטער און זאגען, אז די אויבער־טענער, די בעגלייט־אקארדען פון דער עמפפינדונג זיינען פאר אונז פיעל וויכטיגער, איידער איהר גרונד־טאן. א נאקעטע, בלויזע עמפפינדונג איז די ארימקייט אליין. אן אבגעשונדענע עמפפינדונג איז אזוי עלעמענטאר, אז זי איז א בעליידיגונג פאר דעם מענשען. זי שטויסט אונז אב. וואס העכער עס איז ענטוויקעלט די פסיחיק, אלץ מעהר איז די עמפפינדונג איינגעהילט אין די מאנטלען פון מיט־עמפפינדונגען, אלץ מעהר סטרונעס ציטערען אין דער נשמה ביי יעדען ריהר. די עמפפינדונג ווערט דערפון ניט שוואכער. זי ווערט נאר ריינער, עדלער, מענשליכער, שעהנער. דעריבער דאנקען מיר דאך אזוי א גוטען דיכטער, ווייל ער דערוועקט אין אונז געפיהלס־אקארדען, וואס האבען פריהער אין אונז געדרעמעלט. דאס מאכט אונז רייכער.

אין ראזענפעלד'ס ליעדער זעהען מיר מעהרסטענס סימפלע, עלעמענטארע געפיהלען. זיי האבען ניט קיין אויבער־טענער, זיי האבען ניט קיין שאטירונגען זיי זיינען מורא'דיג נאקעט, און

אין זייער נאַקעטקייט זיינען זיי וואולגאר. מיט אַט דער נאַקעטקייט זייערער קענען מיר ניט איינשטימען. געגען זיי פּראָטעסטירט אונזער „איך" *).

הונגער אלס אַן עלעמענטאַרע עמפּפינדונג קען אפשר זיין אינטערעסאַנט פאַר אַ פּסיכיאַטער, אָבער ניט פאַר אַ קינסטלער. הונגער ווען ער איז די קראַפט, וואָס רודערט אויף אַלע פעדימער פון דער נשמה און מאַכט וויברירען יעדען נערוו — קען ער געבען שטאָף פאַר דער שעהנסט וואונדערבאַרסטער פּאָעמע (זעה דעם ביישפּיעל פון האַמסון). דער סימפּלער געשלעכטס-טריב, אָבגעשונדען פון יעדען פּאָעטישען מיט-עמפּפינדען, דערוועקט ניט אונזער סימפּאַטיע, איז אונז ניט אינטערעסאַנט. דער זעלביגער טריעב איינגעהילט אין דעם מאַנטעל פון ליעבעס-בענקשאַפט און ליעבעס-טרוימען, גיט אונז אַ גאַנצע סימפּאַניע, גיט אונז אַ שיר השירים.

דאָס אייגענע מיט פיזישער ארבייט. דאָס וואָס אַ מענשען איז שווער צו זיצען ביי דער מאשין און ס'ברעכט איהם יעדער אבר, איז אַ סימפּלע עמפּפינדונג און איז אַן און פאַר זיך פּונקט אזוי אינטערעסאַנט און פּאָעטיש-וויכטיג, ווי אַ שטייגער צאָהן-וועהטאָג. איהר בעדייטונג און איהר ווערטה בעקומט אַט די פיזישע מיעדיגקייט ערשט דורך די וועלטען פון געפיהלען, וואָס פלאַטערען און קלינגען און בליצען-אויף ארום איהר. ווארום ערשט דאָ דערזעהען מיר פאַר זיך דעם מענשען, גאָט'ס קינד, די קרוין פון דער שעפּפונג.

---

*) ניט צוזאַמענמישען אַט די נאַקעטקייט, אַט דעם סימפּליציזם מיט דער בעוואוסטזיניגער שטרעבונג פון איניגע מאָדערנע קינסטלער צו זיין פּרימיטיוו. יענער סימפּליציזם איז אַ ראַפינירטער, אַ פּראָדוקט פון צו פערעדעלטער, פערצערטעלטער גייסטיגער קולטור, אַ ר ע אַ ק צ י ע געגען אַזאַ קולטור. יענער פּרימיטיוויזם איז אַ געמיינטער און אַ געוואָלטער, און ער קען קיינמאָל ניט זיין וואולגאר, ווייל הינטער איהם פיהלט זיך שטענדיג אַ מאָדערנע פיעל-טעניגע און פיעלפארביגע נשמה. ראָזענפעלד, פערקעהרט, ו ו י ל זיין פערפיינערט און עדעל, און ער קען ניט. זיין סימפּליציזם איז ניט קיין סימן פון צו גרויסען גייסטיגען רייכטהום, נאָר פערקעהרט — די אָרימקייט זעלבסט.

ראַזענפעלד איז בעקאַנט מעהר פון אַלצדינג מיט זיינע אַר־בייטס־ליעדער. קוקט איהר זיך צו צו זיי נעהענטער, געפינט איהר איז זיי נאָר דעם אויסדרוק פון סימפּלע געפיהלען.

דער בלייכער אַפּערייטאָר, וועלכער זיצט ביי דער מאַשין, איז ניט מעהר ווי אַ מיעדער מענש. דער לויז־שקלאַף, וועלכער קלאָגט זיך, אַז ער האָט ניט קיין רוה, ער זעהט ניט קיין בוימער, ער ווייסט ניט פון באָדען זיך, ער האָט ניט קיין ווייסע העמד, ער קען זיך ניט אַבקיהלען אין שאָטען פון אַ וואַלד („פערצווייפלונג"), איז נאָך אויך ניט ארויסגעגאַנגען פון'ם גדר פון עלעמענטאַרע גע־פיהלען. און אַז דער זעלביגער אַפּערייטאָר נעהמט טראַכטען, וואָס וועלען טהאָן ווייב און קינד ווען ער וועט שטאַרבען („אין שאַפּ און אין דער היים"), און ווען ער געהט שפּאַציערען מיט'ן אינגעלע און ליידט, ווייל ער קען איהם ניט קויפען קיין פּרוכט און קיין שפּילכלעך („מיט מיין קינד"), און ווען ער ווערט קראַנק שפּעטער מיט יאָהרען און זיין טעכטערל ברענגט די ערשטע אַליין־פּערדיענטע ווייזשעס, — זיינען דאָס נאָך אַלץ די זעלביגע סימפּלע געפיהלען, וואו עס האָט נאָך ניט אַ שיין געטהאָן די לעבעדיגע, מענשליכע נשמה אין איהר גאַנצער פערשיעדענהייט, אין איהר גאַנצען רייכטהום.

מאָלט מען דאָס עלעמענטאַרע, איז שוין זעלבסטפערשטענדליך, אַז ס'קען ניט זיין קיין גרויסע אויסוואַהל אין שטאָף און אַז די זעלביגע זאַך קומט אוים איבערצו'חזר'ען עטליכע מאָל. געפינט איהר טאַקע, אַז דעם ארבייטער'ס נויט, מיעדקייט, אונמעגליכקייט צו געניסען דאָס לעבען ווערט ביי ראַזענפעלד'ען בעהאַנדעלט אין צעהנדליגע ליעדער — און דערביי קומען כמעט ניט צו קיין נייע שטריכען. עס ווערט נאָר איבערגעקייט דאָס זעלביגע מיט אַנ־דערע — אָפטמאָל מיט עהנליכע — ווערטער.

און אזוי איז אויך מיט די קאַמפּפס־מאָטיווען. עס איז אזוי פּשוט, אזוי אדם־נאַקעט די עמפּפינדונג פון האַס צום רייכען, וועלכער לעבט פון מיין פּראַצע. און עס איז אזוי עלעמענטאַר דער ענטשלוס צו פעראייניגען זיך מיט די איבעריגע ארבייטער, כדי אָנצולערנען דעם „באָס". פאַר יעדען ארבייטער בעזונדער איז אפשר געווען שווער צו דערטר[illegible]ען זיך צו אָט דעם איינ־

פאכען געדאנק. היסטאריש איז דאס אפשר געווען איינע פון די וויכטיגסטע ערוועררונגען אין'ם מענשען'ם פסיחיק. אבער מיר, די היינטיגע אינטעליגענטע לעזער, ו ו י י ס ע ן דאך שוין דאס אלעס! און אפילו דער מיטעלמעסיגער ארבייטער ווייס דא געפי־נען ווניגער, ווי ער אליין האט איבערגעלעבט.

די גאנצע רייכע פיעלפארביגע וועלט פון אינוועניגסטע און אויסוועניגסטע קאנפליקטען, די גרויסע שטורעמס, וואס טראגען זיך דורך אין דעם מענשען'ס נשמה, די שטילע געזאנגען, די שעה־מעוודיגע האפנונג, די פינסטערע פערצווייפלונג — דאס אלעס, וואס ס'שפיעלט זיך אב אין'ם ארבייטער מיט טויזענדער שאטי־רונגען בשעת ער קעמפפט פאר א בעסער לעבען — דאס אלעס פעהלט אין ראזענפעלד'ס ליעדער. דעריבער פעהלט אויך דער אינדיווידואום, דער ב ע ז ו נ ד ע ר ע ר מענש, דעריבער זיינען אלע זיינע שניידער און שוסטער עהנליך איינער צום צווייטען, און דעריבער בעהערשט אונז אזא אונאנגענעהמער געפיהל. ווען ער קומט צו אונז מיט זיינע געשטאלטען. מיר דארפען דאס ניט. עס איז אונז שוין לאנג בעקאנט. מיר ווייסען מ ע ה ר. דערמיט, וואס ער צווינגט אונז אויף א רגע אויסצוהערען, וואס ער זאגט, ציהט ער אונז אראב ניעדריגער, איידער די מדרגה, וואו מיר זיינען געשטאנען, ווערען מיר אויף א ווייל ארימער, איידער מיר זיי־נען פריהער געווען.

און דאס איינענע אויך אויף אלע אנדערע געביעטען.

ראזענפעלד איז ניט נאר א דיכטער פון ארבייט, נאר אויך פון נאציאנאלע געפיהלען. דאס איז ווידער א נייע וועלט, א טיעפער אוצר פון עמפפינדונגען. גאט אין הימעל! וואס האט דען ניט איבערגעלעבט דער מאדערנער איד, אין וועלכע גיהנם'ס האט ער ניט אריינגעקוקט, צו וועלכע הימלען האט ער זיך ניט דערהויבען. וואס קען אונז דא ניט דערצעהלען א מאדערנער דיכטער מיט א נשמה, וואס רופט זיך אב אויף אלצדינג!

און וואס זעהען מיר ביי ראזענפעלד'ען? דער זעלביגער סימפליציזם, די זעלביגע מגושם'דיגע ניט־אינדיווידואליזירטע עלע־מענטארע געפיהלען, וואס אלע ווייסען דאס שוין און קיינעם קען עס ניט ריהרען.

צוריק מיט א יאָהר עלף (אין דער זאמלונג פון 1904) האָט ער „געזונגען“ וועגען אידישען גלות:

„און יעדער וואָך
פערמעהרט מיין בראָך
אין בלוטיגע מדינות,
און יעדער טאָג
פערמעהרט מיין קלאָג
און ברענגט מיר נייע קינות“.

צוריק מיט א יאָהר צוויי (אין דער זאמלונג פון 1912) האָט ער געשריבען:

„אך! וואָס בלייבט אין טיפען גלות איבער
פאר א לעבען פון אלצדינג בערויבט?
בלאָנדזשען דורך דעם שיקזאָל'ס טיפע גריבער,
פון דעם שונא'ס שפאָט־געשריי פערטויבט!

אנגעפילט האָט זיך מיין גייסט מיט זאָרגען,
מיין נשמה איז געוואָרען מיעד.
הייסע גלות־טרערהרען האָבען מיך געוואָרגען,
און איך האָב געיאָמערט אויפ'ן איד“.

און ווי דעמאָלט, אזוי איצט, בלייבט איהם די איינציגע טרייסט „ציון“, די פשוט'ע ארץ זבת חלב ודבש:

„ווידער וועט דיין אתרוג שמעקען,
גלאַנצען וועט דיין אפעלציון;
ווידער וועט זיך גאָט ערוועקען
און וועט ברענגען דיך אהין...“

און א מערקווירדיגע זאך: איהר מעגט אייך זיין א געגנער פון'ם ציוניזם, איהר מעגט זיין ווי פיינדליך צו אזוינע שטי־מונגען, — ווען ראָזענפעלד זאָגט דאָס, אָרט דאָס אייך ניט. עס צופט אייך ניט ביי דער נשמה, איהר האָט ניט קיין חשק מיט

איהם צו פּאָלעמיזירען. עס איז אייך פּשוט ניט אינטערעסאַנט, עס דערגעהט ניט צו אייך, עס איז צו סימפּעל.

די טיעפסטע מדרגה פון סימפּליציזם דערגרייכט אָבער ראַזענפעלד אין זיינע ליעבעס־ליעדער. דאָ, וואו דיכטער וויקלען געוועהנליך פּאַנאַנדער זייער גאַנצע פאַרבען־פּראַכט, ערשיינט ער פאר אונז אין אַזאַ נאַקעטקייט, אַז ס'כאַפּט אונז אָן אַ שוידער. יעדעס פון די פערשיעדענאַרטיגע ליעבעס־געפיהלען האָט ער פערשטאַנען אַזוי אָבצושיילען, בעראַבעווען, אַרויסשטעלען אין זיין אורשפּרינגליכער גראָבקייט, אַז איהר שפּירט אייניגע פון זיינע ליעדער ווי אַ פּערזענליכע בעליידיגונג.

נו, ווי קען מען לייענען אַזאַ מין געדיכט:

„מיר טהוען, וואָס גאָט און לייט הייסען,
מיר טהוען, וואָס גאָט און לייט ווייסען,
מיר טהוען דאָס, וואָס אַלע לייט טהוען,
עס צווינגט אונז, מיר קענען ניט רוהען...
דאָס טהוט אויך דער רב און דער גלח,
ס'איז קיינער פון אונז ניט קיין מלאך.
ווי וואויל און ווי גוט איז אונז ביידען"...

אָדער ווי געפעלט אייך אַזאַ מין סטראָפע:

„דו נאַר! מיר פעהלט ניט קיין נשמה,
איך קען פערטראָג'ן אָבער מעהרער לייב,
אַזוי ווי דו ביזט איצטער מיינע,
געפין איך דאָס ביי דיר, טהייער ווייב!"

און אַזוי געהט דער דיכטער אויף אַלע וועגען און שטעגען פון ליעבע, און פערסימפּעלט, און שינדט אָב און פערשוועכט אַלצדינג, וואָס אַנדערע האָבען געמאַכט הייליג.

און דאָס טראַגישע דערביי איז, וואָס ער מיינט דאָך אַלעס ערנסט און וואָס ער פּ י ה ל ט טאַקע אַזוי. יאָ, ער פיהלט. דאָס שפּירט איהר פון צווישען די הינקענדיגע, אומגעלומפּערטע

שורות. אָבער אזא סאָרט פּיהלען איז דאָס, אז עס שאָקירט אייך אז איהר ווילט אַנטלויפען, אַז מיט יעדען נייעם ליעבעס־ליד וואקסט דער פּראָטעסט אין אייך.

דער דיכטער איז ניט שולדיג: אזא נשמה האָט ער. מיר זיינען אָבער אויך ניט שולדיג: מיר פערלאַנגען דעם מענשען אין זיין אייגענאַרט און דעם מענשען אין זיין גרויסען שעהנ־הייטס־רייכטהום.

אפשר זיינען נאָך דאָ מענשען, וואָס ראָזענפעלד'ס פּאָעזיע קען פאר זיי עפענען אַ וועלט. עס זיינען אויך דאָ מענשען, וואָס זיינען גליקליך, ווען זיי ווערען געוואָהר, אַז אַלע טייכען פליסען אין ים. יעדען זיינס. מיר ריידען אָבער וועגען דעם, וואָס אַ דיכטער קען געבען א ו נ ז — די מאָדערנע לעזער מיט אַ שטיקעל ליטע־ראַרישען חוש.

* * *

און דאָך זיינען די סימפּלע ליעדער נאָך די בעסטע אין ראָ־זענפעלד'ס שאַפען. דאָ איז ער נאָך אין זיין ספּערע, אין הסכם מיט זיך אליין. אייך קען ער זיין אונאַנגענעהם, ווי עס איז אייך, אַ שטייגער, אונאַנגענעהם, ווען איהר זעהט אַ וואוינונג אויסגע־פּוצט מיט ביליגע גראָשעדיגע בילדער. איהר קענט אָבער ניט לייקענען, אַז דער וואָס האָט אויפגעהאַנגען די בילדער האָט זיי געוויס געהאַלטען פאר אינטערעסאַנט. ווען ראָזענפעלד דערצעהלט אייך, אַ שטייגער, ווי ער האָט זיך פערקויפט צום זשורנאַליזם, און דערביי בעקלאָגט ער זיך:

פּעק מיט שורות מוז איך שמירען
און פערשווארצען מיינע יאָהרען,
און איך קען ניט מעהר שטאָלצירען
מיט מיין קונסט,—איך בין פערלאָרען,

מעג דאָס אייך זיין פּריקרע. איהר מעגט זיך פרעגען, צו וואָס דאַרפט איהר וויסען די פּערזענליכע קליינע זאָרגען פון אַ ברוך

אָדער אַ זרח, — אָבער יעדענפאַלס וועט איהר מוזען מודה זיין, אַז ווער עס פּיהלט אַזוי, האָט אַזוי געמוזט שרייבען.

און אַנדער זאַך איז, ווען ראָזענפעלד פּרופט זיך אויפהויבען אַ ביסעל העכער, פּרופט זיך אַ לאַז טהאָן אין אַ וועלט פון קאָמ־פּליצירטע געפיהלען. דאַ בעקומט זיך אַן אונערטרעגליכער דיס־סאָנאַנס, אַ שרעקליכער ריס צווישען אינהאַלט און פאָרם. איהר לייענט און עס מאַכט אויף אייך דעם זעלביגען איינדרוק, ווי אַי־מיצער וואָלט דערצעהלט אַ פרעהליכע זאַך מיט אַן אומעטיגען נגון אָדער ווי אַ בדחן וואָלט מיט אַלע בדחנ'שע קונצען געמאַכט אַ הספּד איבער אַ טויטען.

וואָס דאַרפט איהר מעהר: ראָזענפעלד שרייבט אַ ליעד „קדיש" — „ אַ געדענק־ליעד אויף זיין זעליגען בן־יחיד". ווי ער דריקט זיך אויס. ער דערצעהלט אונז, אַז פון זיין זוהן איז איהם געבליבען אַ גאָלדענער לאָק, אַ בילד און אַ בוך. איהר האָט קיין גרונד ניט צו צווייפלען, אַז דער פאָטער טרויערט ווירקליך נאָך זיין זוהן. אָבער זעהט, ווי ער דערצעהלט דאָס:

„דער לאָק דערמאָנט מיך אָן דעם שעהנעם קאָפּ,
דאָס בילד—אָן דער געבענשטער, זיסער צורה,
דער בוך—אָן גייסט פול יוגענד, היץ און גבורה,
דאָך ער איז, וועה, פון לעבענס־שוים אַראָב"—

טויטע שורות, פ אַ ל ש ע שורות, אָהן דעם מינדעסטען ציטער פון געפיהל, אָהן אַ שפּור פון האַרץ־וועה.

און אַזוי איז דאָס אומעטום. קומט דער גרויסער סטרייק פון קלאָוקמייקערס. דער דיכטער, אַליין אַ געוועזענער שניידער, איז געוויס בעגייסטערט. ער זעצט זיך שרייבען אַן אָדע, אַ זיעגעס־געזאַנג צו די „מאַנטעל־מאַכער. איהר לייענט איבער די ערשטע צוויי סטראָפען:

די באַטאַליאָנען מאַנטעל־מאַכער
בעמאַנטלען זיך מיט מוטה און שטרייט,
זיי האָבען גאַר אַ לאַנגע צייט
בעמאַנטעלט זייערע פערלאַכער,

בעמאנטעלט און געמאכט זיי שעהנער.
איצט מאנטלען זיי זיך זעלבסט אין שטאָלץ;
—איהר וועט ניט האקען אונז ווי האָלץ
און ניט צעווארפען אונז ווי שפענער.

איהר לייענט איבער און עס כאפט אייך אַן אַ שרעק פאר די איבעריגע 10 סטראָפען, וואָס זיינען נאָך געבליבען, און איהר פערמאכט וואָס גיכער דאָס בוך און נאָך אַ לאַנגער צייט שפּירט איהר זיך אַזוי, אַקוראט ווי איהר האָט אַ טרונק געגעבען ים־וואסער.

וואָס איז דאָס? פעהלט עמפּפינדונג? ניין. עס איז די ניט־צוגעפּאסטקייט צווישען אינהאַלט און פאָרם, צווישען וואָרט און איבערלעבונג.

פערבענקט זיך אַמאָל דעם דיכטער נאָך אַ גרויסען מאַן, אַ פיהרער, אַ נביא. שרייבט ער אַ ליעד: „וואו איז משה“. מיי־נען מיינט ער עס ביטער־ערנסט, אָבער לייענען לייענט זיך עס ווי אַ חוזק, ווי אַ קאָמעדיאַנטען־טריק:

„גיט מיר משה'ן, יענעם משה'ן,
וועלכער האָט אַמאָל בעפרייט
שקלאַפען פון דעם שווארצען גושן
און ערצויגען זיי פאר לייט!

יענעם משה'ן גיט מיר ווידער,
יענעם נביא, יענעם העלד.
אַך, מיר האָבען „משה'ס“, ברידער,
דאָך דער רעכטער משה פעהלט.
וואו איז משה?“

דאכט זיך ניט דעם לעזער, אַז דאָס איז אַ פּאַראָדיע? ניין. ראָזענפעלד מיינט עס טאקע אויפ'ן רעכטען אמת. ער איז ניט שול־דיג, וואָס ביי איהם האָט די פאָרם בעקומען אַ פּנים פון חוזק.

אַט זעצט ער זיך אַוועק קלאַגען אויף דעם טרייענגעל־פייער. ער איז ערשיטערט, ער וויל זיין שטאַרק און גליהענד און פער־כאַפען אייער נשמה. און וואָס קומט אַרויס? ווי איבערגעקרימט:

„שוועסטער מיינע! יונגע שוועסטער!
מיינע יונגע ברידער!...
טרויערט, מיינע ליעדער!
יאָמערט און טרויערט!...
זעהט, ווי עס לויערט
פון טונקעלע נעסטער
דעם אַרבייטער'ס טויט;
ווי ער האַלט זיין ברויט...
ווי ער גלאָצט ביי זיין טהיר,
ביי זיין אָרעם געצעלט —
וועה, וועה איז מיר!"

דער איינדרוק בעקומט זיך אַזאַ, אַז מיט די ווערטער ווערט פ ע ר ש ו ו ע כ ט דאָס אָנדענקען פון די אומגליקליכע קרבנות. ראָזענפעלד'ס ליעדער זעהען אַמאָל אויס ווי אַ טייוועלשער שפּאַס איבער דעם, וואָס ער האָט געוואָלט מיט זיי אויסדריקען.

עס פערשטעהט זיך, אַז וואו די פאָרם איז אַזוי אונאַבהענ־גיג פון'ם אינהאַלט, קימערט מען זיך שוין ווייניג וועגען אויסגע־האַלטענקייט, וועגען שפּראַך־האַרמאָניע. ראָזענפעלד'ס ליעדער זיינען אויף גיך צונויפגעקוועטשט, צונויפגעקלאַפּט פון ווערטער, וואָס פּאַסט אָפט ניט איינס צום צווייטען. פעהלט אַמאָל אויס אַ זילבע צום „משקל" — מאַכט מען ניט קיין שהיות: אַריינגע־האַקט אַז „אוי", אַז „אַ" אָדער אַ „יאָ" — און ס'געהט. (פערגלייך: „דאָס האָט געריסען מיר, יאָ, און געריסען" אויף זייטע 172 פון דעם „בוך פון ליעבע", אָדער: „און איך, יאָ, איך געה אויס נאָך דיר", אָדער: „אַ בוך, יאָ, אַ פערזיגעלטער", דאָרטען זייטע 132 און 133). פעהלט אַ גראַם — שרייבט מען צו צוויי אָדער דריי איבעריגע שורות, וואָס קלעפּען זיך ניט מיט'ן איבעריגען אינ־האַלט — און פאַרטיג. זעלטען ווערט איהר געפינען ביי ראָזענ־

פעלד'ען א ליעד, וואס איהר זאלט פיהלען, אז ער האט עס גע־שריבען מיט ליעבע, בעזונדערס אין די לעצטע יאהרען.

* * *

געווען א צייט ווען מאריס ראזענפעלד האט נאך עפעס פער־שפראכען, ווען ענטהוזיאסטען האבען אויף איהם געלעגט גרויסע האפנונגען. דאס איז געווען אין די ערשטע יאהרען פון זיין דיכטערישער ארבייט. אויך דעמאלט האט ער שוין געטראגען אין זיך די אלע אייגענשאפטען, וואס צייכענען אויס זיין פאעזיע. אויך דעמאלט האבען ארויסגעסטארטשעט פון זיינע ליעדער די נאקעטע, סימפלע געפיהלען, אויך דעמאלט האבען זיינע ווערטער ניט שטענדיג געפאסט צו דעם, וואס ער האט געוואלט זאגען, און וואולגאר און גראב האט ער אויך דעמאלט געקענט זיין ביז ניט צום איבערטראגען (פערגלייך „מקוה כשרה" אין דער ער־שטער זאמלונג, פון 1904). אבער געמערקט האט זיך, אז ער א ר ב י י ט, אז ער גיט זיך מיה צו זיין לייטען־גלייך, אז ער ווארימט אוים זיינע ליעדער אין דער נשמה. אפט פלעגט זיך דאן ביי איהם ארויסכאפען א גוט ליעד — ניט ווער ווייסט וואס, ניט קיין געניאלע זאך, אבער דאך א ליעד, וואס מ'האט עס געקענט לייענען מיט פערגעניגען. אמאל — זעהר זעלטען — פלעגט איהם דאן געלינגען צו דערהויבען זיך צו אמת'ען לירזים (ניט אהן היינע'ס ווירקונג), ווי, למשל, אין דעם פראכטפולען ליעד „איך ליעב דעם ווינד, איך ליעב דעם ים" און איבערהויפט אין דער גאנצער סעריע „הערבסט־בלעטלעך". אמאל פלעגט ער דאן האבען א שטארקען פאטאס, ווי אין דעם גוטען סאנעט: „מיין פאלק, וואס נאך קענסטו פון מיר פערלאנגען". דעמאלט האט זיך גע־פיהלט אין די ליעדער — אין א קליינער צאהל פון זיי — א געוויסע אכטונג צו דער אייגענער פען און א שטרעבונג צו ריהרען די נשמה פון'ם לעזער. אין דער ערשטער זאמלונג פון ראזענפעלד'ס ליע־דער קען מען געפינען אפשר א צעהנדליג, וואס האבען א בע־דייטענדען פאעטישען ווערטה, הגם אויך דארטען בעגעגענט איהר איינצעלנע שורות און ווערטער, וואס שטערען דעם גוטען איינ־דרוק.

יענע צייטען זיינען שוין אָבער לאַנג אַוועק. וואָס ווייטער בעגעגענט איהר ביי איהם אַלץ וועניגער ליעבע צו דער דיכטונג און אַלץ מעהר שטאַלץ מיט זיך אַלס דיכטער. אַט דאָס שטעלען זיך אַליין אויף אַ פּיעדעסטאַל ווירקט פּשוט אונערטרעגליך. (פּער־גלייך די בעהויפּטונג, אַז ער האָט פון אַלע זיינע ליעדער „אַ נאָמען אָבגעשפּאַרט״, אָדער די ערצעהלונג, ווי אַזוי הערענדיג אָדאָלף זאַנגענטהאַל׳ען פּאַרלייענען זיינע ליעדער, האָט ער „ערשט פּער־שטאַנען וואָס ער האָט געשאַפט״).

וואָס ווייטער, אַלץ וועניגער נשמה, אַלץ וועניגער אויפריכ־טיגקייט, אַלץ מעהר פּיוט. איהר קענט איצט איבערלייענען אַ גאַנצען באַנד פון זיינע ליעדער — און ס׳זאָל קיין איינציגען מאָל ניט אָנריהרען אייער נשמה, ניט אַ הויך טהאָן אויף אייך מיט אַן אמת׳ען געפיהל. ווער רעדט שוין פון נ י י ע וועגען, פון אָ ר י ג י נ ע ל ע מעלאָדיען.

איין מעלה האָט אָבער איצט אויך מאָרים ראָזענפעלד: ער נעהמט שטענדיג אַ געוויסע קאָנקרעטע ט ע מ ע צו בעהאַנדלען. ער האָט נישקשה׳דיגע א י נ פ א ל ע ן, ער האָט שטענדיג אַ קלאָרען פּ ל א ן. און די טעמע, דער פּלאַן, דער אינהאַלט פון דעם וואָס ער וויל זאָגען, איז פּערשטענדליך פאַר דעם מאַסען־מענשען. דערין ליגט דער סוד פון זיין ערפאָלג.

דער מאַסען־מענש קוקט שטענדיג נאָר אויף דעם אינהאַלט. איהם איז ניט וויכטיג, ו ו י דער אַקטיאָר שפּיעלט, ער הערט נאָר, ו ו אָ ס ער זאָגט, ו ו אָ ס ער שטעלט פאָר: צו אַן עהר־ליכען מענשען, צו אַן אויסוואורף. דעם עהרליכען מענשען וועט ער אַפּלאָדירען, אויף דעם אויסוואורף וועט ער אויסגיסען זיין צאָרן. דעם מאַסען־מענשען איז ניט וויכטיג, ו ו י דער דיכטער זינגט. די מאַסע האָט געוועהנליך אַ קנאַפּען חוש צו דער פאָרם. איז אָבער דאָ אַן אינהאַלט, וואָס מען קען איהם אָנטאַפּען מיט די הענד, דערצו נאָך אַ מאָראַלישער אינהאַלט (אַ סאָציאַלער אָדער נאַציאָנאַלער), וועט זי אַזאַ ליעד לייענען און הערען מיט מעהר פּערגעניגען, איידער אַן עכט־פּאָעטישע שעפּפונג. די מאַסע האָט, צום בעדויערען, ניט געהאַט די מעגליכקייט צו ענטוויקלען איהר חוש צו אמת׳ע, פּאָעטישע גערטהען.

(1915).

פּרץ דער ליריקער.

אין דער גאַנצער פּרץ׳עס ליריק איז ניטאָ קיין איינציגער חסיד׳ישער מאָטיוו און קיין איינציגע לעגענדע (אויב ניט רעכע־נען די תלמוד׳ישע „רבי חנינא בן דוסא״). זעהר וועניג פּלאַץ פערנעהמט דאָרט אויך די באַלאַדע: א חוץ „אין קבר״ איז דאָ נאָך איין „מאַניש״ — מעהר אַ סאַטירישע שטיפעריי, ווי א באַ־לאַדע. פון דעם גאַנצען געוועב פון פאָלק׳ס שאַפען, וואָס ציהט זיך דורך די איבעריגע פּרץ׳עס ווערק, געפינען מיר אין זיין ליריק אזוי גוט ווי גאָר ניט.

דערפון איז שוין קלאָר, אז אין דער ליריק איז ניטאָ דער גאַנצער פּרץ. וואָלט אימיצער געוואָלט אויסטהיילען די לירישע זאַכען און פון זיי אליין זיך בילדען אַ פאָרשטעלונג וועגען דיכ־טער, וואָלט דאָס בילד ארויסגעקומען פערשוואומען און מטושטש. פּרץ׳עס אייגענאַרטיגקייט ליעגט אויף אַן אנדער פעלד. גיכער שוין וואָלט מען געקענט אָנטאַפּען דעם דופק פון זיין שאַפען אין א „גאָלדענער קייט״ אָדער אין די איבעריגע מיסטישע דראַמען און דראַמאַטישע פראַגמענטען, איידער אין דער ליריק.

און פונדעסטוועגען איז פאָרט נויטיג אויסצוטיילען די לי־ריק און זי בעטראַכטען בעזונדער. דאָס איז דערפאַר, ווייל זי בילדעט געוויסערמאַסען אַ וועלט פאַר זיך. אין איהר זיינען איינציגע מאָטיווען אויסגעדריקט ענערגישער, פולער, פאָלקאָמע־נער, איידער אין די פּראָזאאישע ווערק. און ווידער געפינען מיר אין איהר אזוינע מאָטיוון, וואָס אין די איבעריגע ווערק זיינען זיי ניטאָ, און וואָס פּרץ ערשיינט אין זיי אין אַ אומגעריכטער בעלייכטונג.

* * *

עס וואָלט געווען אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע אויסצופאָרשען, אין וועלכע פאַלען און אויס וועלכע אינווענייגסטע דראַנג פלעגט פרץ פון צייט צו צייט איבערגעהן צו ליריק. דאָס וואָלט אפשר געגעבען אַ שליסעל צו פיעלע פּראָבלעמען פון זיין מערקווירדיגער קינסטלער־נאַטור. ליידער האָבען מיר נאָך צו וועניג מאַטעריאַלען וועגען זיין פּערזאָן און זיין אינווענייגסטען לעבען, אַז אַזאַ ארבייט זאָל זיין מעגליך. איינס קען מען אָבער אָנמערקען שוין איצט: צו דער ליריק האָט פרץ'ען געצויגען, בעזונדערס אין די לעצטע יאָהרען, דער וואונש צו זיין מיט זיך אַ ל י י ן, מיט זיך אין גאַנצען.

מיר ווילען דערמיט ניט זאָגען, אַז אין די איבעריגע צווייגען פון זיין שאַפען איז פרץ ניט געווען אויפריכטיג. דאָרטען איז איהם אָבער אויסגעקומען מעהרסטענסטהיילס צו ס ט י ל י־ז י ר ע ן, צו שרייבען אין'ם גייסט און אין דער געדאַנקען־ארט פון די פאַרצייטיגע אידען. אמת, אויך דאָרט בלייבט ער ניט אינגאַנצען בעהאַלטען הינטער זיינע „העלדען". יוחנן דער מלמד, למשל, איז ביי איהם צו אַ גרויסער פּקח. ער פערשטעהט צו פיעל, ער איז צו אַ ה י נ ט־ו ו ע ל ט י ג ע ר חקרן, אַז איהר זאָלט הינטער איהם ניט פיהלען פרץ דעם דענקער. אפילו דורך רב שלמה'ן אין דער „גאָלדענער קייט", מיט זיין פילאָזאָפיע פון „שבת'דיגע, יום־טוב'דיגע, נשמה יתרה'דיגע אידען", קוקט ארויס פרץ דער מאָדערניסט, וועלכער טרוימט וועגען אַ גאַנצען מענשען און אַ גאַנצער מענשהייט. דאָס איז דאָך אייגענטליך געווען דער צוועק, צוליעב וואָס פרץ האָט געשאַפען די אַלע זאַכען. אָבער דאָך איז איהם אויסגעקומען אין זיינע חסיד'ישע מעשה'לאָך און אין זיינע פאָלקסטהימליכע געשיכטען צו קוקען דורך די אויגען פון אַ פערגאַנגענער צייט, צו ריידען מיט דער שפּראַך פון אַ פערשוואונדענער עפּאָכע. ער האָט דערביי, פערשטעהט זיך, ניט גע־וואָלט זיין „נאַטור־געטריי" און האָט בשום אופן ניט אין זינען געהאַט צו פערקערפּערען די „היסטאָרישע ווירקליכקייט" ווי זי איז געווען. אָבער סטיליזאַציע בלייבט דאָך פאָרט אַזאַ ארט

שרייבען, וואו דער דיכטער מוז איינשרענקען זיך אליין, מוז זיך האלטען אין געוויסע ראמען.

איז אבער פרץ געווען צו רייך מיט בילדער, געדאנקען, שטי־מונגען, זוכענישען, זיין גייסט האט צו שטארק געפלאקערט אלע צייטען, אז ער זאל קענען בלייבען אין ראמען. פלעגט ער זיך אוועקלאזען זוכען אנדערע אויסדרוקס־פארמען. האט ער געשאפען אזוינע זאכען, וואס די ליטעראַרישע קלאסיפיקאציע וועט זיך לאנג ברעכען דעם קאפ, וואוהין זי זאל זיי צורעכענען: „קלאנ־געשיכטען“, „די רויז“, „וואס הייסט נשמה“ — האלב פעליעטאנען, האלב געדיכט אין פראזא, אלעס צוזאמען א שנירעל קאליידאסקא־פישע בילדער, א שפיעל פון בעטראכטונגען און וואונקען און גע־דאנקען.

האט אבער, קענטיג, אויך אט דאס שפיעל ניט אינגאנצען בעפריעדיגט פרץ'ען. פלעגט ער מאכען לירישע פראבען.

פון אנפאנג, אין די ערשטע צעהן־פופצעהן יאהר פון זיין שרייבען אידיש, האט פרץ, ווייזט אויס, זיך איבערהויפט געהאל־טען פאר א פראפעסיאנעלען ליריקער, פאר איינעם, וואס זיין אר־בייט ווערט נאטירליך אויסגעדריקט אין לידער (איז דאך דאס ערשטע אידישע ווערק זיינס געווען „מאניש“, א באלאדע אין גראמען). שפעטער האט דאס אויבערגעוויכט ביי איהם געוואר־נען די פראזא, און צו דער ליריק פלעגט ער זיך אומקעהרען נאר זעלטען. פאר די לעצטע יאהרען קען מען אנרעכענען נאר איינ־צעלנע פרץ'עס לירישע זאכען. און גראד אין זיי דערגרייכט ער צו אזא טיעפען פאטהאס און צו אזא ערגרייפענדער אויסדרוקס־פארם, וואס כאכט זיי פאר די פאלקאמענסטע פון זיינע ווערק.

און דאך מוז בעמערקט ווערען, אז פרץ איז ניט קיין ליעדער־שרייבער אין'ם אייגענטליכען זין פון'ם ווארט. ער איז ניט מסוגל צו זיין געבונדען צו דער פארם. ער האט אפשר גאר קיין צייט ניט געהאט צו טראכטען וועגען א וואויל־קלינגענדיגען אויס־דרוק. ער איז איבערהויפט ניט פעהיג געווען צו געהן אין שפאן פון א געוויסען ריטם. דעריבער איז אין זיינע ליעדער אזא שטענ־דיגער קאמפף צווישען ריטם און אריטמיע; דעריבער איז זיין שפראך אזוי אונגלייך, אזוי שפרינגענדיג, אקוראט ווי אויפ'ן

וועג ביי איהם ליגען כסדר בערגלעך און גריבער. ריכטיגער וואָלט געוועזן צו זאָגען, אַז זיין שפּראַך ב ר ע כ ט ז י ך, ווערט אי־בערגעריסען דורך אונבעשטימטע פּויזעס, כדי ווידער צו ער־שיינען פאַר אונז אין איהר אומרוהיגען פּולסירען. איהר וועט כמעט ניט געפינען ביי פּרץ'ען אַ ליעד, וואו דער טאָן און דער כאַראַקטער זאָל זיין אויסגעהאַלטען פון'ם ערשטען ביז'ן לעצטען וואָרט. און געפינט איהר דאָס שוין יאָ, מוזט איהר זיך זאָגען, אַז דאָס האָט ניט געהערט צו די בעסערע אין פּרץ'עס ליריק.

אזוי זיינען זיינע אייניגע ליעדער אין פּראָזא: „עס זיינען קיין וואנדער געשעהן“, „ליעבע“, „געה ניט מיט מיר“. די דאָזיגע ליעדער זיינען דוקא סטיליסטיש פּערענדיגט, געשלאָסען אין זיך. זיי זיינען אָבער ניט פּרץ! זיי דערמאָנען הירשביין'ען, זיי דער־מאָנען די רוסישע מאָדערניסטען. זיי זיינען מעלאָדיש, זייער ריטם פּליסט גלאַט, אָבער אין זיי איז דאָ אַ סך מעלאָדעקלאַמאַציע, און צו פּרץ'עס איבעריגע ווערק פּאַסען זיי זעהר ווייניג. מען פּיהלט, פּרץ האָט זיך דאָ צוגעפּאַסט צו דעם סטיל, ניט דעם סטיל צו זיך.

דאָרט, וואו פּרץ האָט געוואָלט ניט אַראָבלאָזען זיך און ניט סטיליזירען, איז איהם געוועזן שווער בייצוקומען די שפּראַך. ער האָט מיט איהר געהאַלטען אין איין קעמפּפען. ער האָט ניט גע־קענט אריינלעגען אין איהר אלעס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגען. עס איז איהם געוועזן ווייניג ווערטער, ווייניג רייכטהום פון פאָרמען. ער האָט אַלע מאָל צוריסען דעם מאַנטעל פון דער שפּראַך.

אפשר קען מען איהם אין דעם פּרט פערגלייכען מיט בעט־האָווענען, ווי עס האָט איהם געמאָלט אַ רוסישער שריפטשטעלער. בעטהאָווענען האָבען ניט צופריעדענגעשטעלט די מוזיקאַלישע אינ־סטרומענטען, וואָס האָבען עקזיסטירט אין זיין צייט. ער האָט אין זיי ניט געפונען גענוג מעגליכקייט אויסצודריקען דעם גאַנצען ברייטען מוזיקאַלישען שוואונג פון זיין פאַנטאַזיע. ער איז גע־וועזן פערביטערט אויף דעם „קנעכט“, דעם אינסטרומענטען־מייי־סטער, וואָס ס'איז איהם ניט איינגעפאַלען צוצומאַכען נאָך אַן איבעריגע סטרונע. ער האָט געפּיהרט אַ שטרייט געגען דער אונ־

געניגענדער מוזיקאַלישער „מאַטעריע“ איז׳ם נאָמען פון׳ם מוזיקאַ־לישען „גייסט“.

דער דאָזיגער קאַמפּף ערקלעהרט אונז אפשר, פאַר וואָס פּרץ האָט דאָך ניט געקענט בלייבען אַ לאַנגע צייט אויף׳ן פעלד פון ליעדער. איהם איז אויך דאָ געוועזען ענג. איהם האָט געדריקט די ראַהם פון ווערטער.

און אזוי האָט ער געהאַלטען אין איין זוכען און פערוואַרפען און ווידער אויפנעהמען און ווידער פערלאָזען. און עס וואונדערט אונז גאָר ניט וואָס אַלע מאָל, ווען פּרץ קומט צוריק צו די לי־ריק, זעהען מיר איהם אין אַ נייער פאָרם, מיט נייע מאָטיווען. „דער גרויסער פּראָבען־מייסטער“ האָט איהם אָנגערופען אַ אידישער קריטיקער.

* * *

די גרעסטע איינהייטליכקייט מערקט זיך נאָך אין זיינע סאַ־טירישע ליעדער, וואָס שטאַמען הויפּטזעכליך פון דער ערשטער צייט פון זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט. דאָ האָבען מיר פאַר אונז פּרץ דעם שטראָפער, פּרץ דעם פּראָטעסטאַנט געגען אונווי־סענהייט, אונטערטהעניגקייט, שוואַכקייט, דעם קעמפּפער געגען אונגערעכטיגקייט אין סאָציאַלען לעבען. ער לאַכט פון די „נאַכט־וועכטער“, די פרומע פאָלקס־פיהרער, וואָס ווילען האַלטען דאָס פאָלק אין דער פינסטער; ער שפּעט פון דער אמונה, וואָס האַלט אין איהרע הענד געבונדען די חכמה און וואָס איז גרייט צו פער־ברענען אויף׳ן שייטערהויפען דעם אמת, אויב ער וועט פּרופען אויפדעקען אַ פאַלשקייט; ער שיט ביטערע סאַרקאַזמען אויף די נעבעכדיגע קרבנות, וואָס פאָלגען דעם בעפעהל פון די שטאַרקע...

אַלטע מאָטיווען. זיי קען מען געפינען אין אַלע ווערק פון די משכילים. וועגען זיי האָבען „געזונגען“ אויך אַנדערע, נייערע, דיכטער. אָבער אין פּרץ׳עס ליעדער בעקומען זיי אַן אונערוואַר־טעטע פרישקייט, אַן אייגענאַרטיג לעבען. דער דיכטער אָפּע־רירט מיט אבסטראַקציעס. ער האָט אָבער די אבסטראַקציעס בע־פייכטעט מיט דעם זאַפט פון זיינע נערוועז — איז אין זיי אריינ־געקומען אַ ניי לעבען.

בעטראַכט נאָר „דעם לייב'ס לויה". דער לייב איז קראַנק. דער גרויסער טרעגער פון דער וואַלד־אידעע האַלט ביי דער גסיסה. דער וואַלד איז פערציטערט, די חיות זיינען אַלע טרויעריג: זייער הערשער, זייער שטרענגער מושל געהט פון זיי אוועק.

„ביי די חיות שטאַרבט דאָס בלוט,
און דער זאַפט — ביי בוימער,
אין בערלאָגע גיסט דער בער
טרעהרען גאַנצע איימער"...

דורך עטליכע ווערטער ווערט בעשאַפען אַ גאַנץ בילד. דער קאָמיזם פון דער לאַגע טרעט אַרויס דייטליך. און אָט נעהמט דער לייב זאָגען ודוי:

„גראָבע, פרומע טרעהרען פאַלען
אויף די אַלטע בעק,
אויפ'ן מעבר־יבוק ווערט
פון איטליכען אַ פלעק".

די בוימער שאָקלען מיט די קעפ און פרעגען זיך: ווער וועט האָבען דעם זכות, פון זיך אַן אַרון'דעל פאַר'ן צדיק צו גע־בען? די פעלזען קרעכצען: ווער פון זיי וועט צושטעלען די מצבה? טעפ פליהען אין דער לופטען, ברעכען זיך אויף שטיקלעך: ווילען דעם צדיק לעגען שערבלעך אויף די אויגען. דער פלאַקס אין די פעלדער האָט אַ טענה: פאַר וואָס איהם נישט נעהמען אויף תכריכים?

„בראָזעם זיפצען, דעמבעס קרעכצען,
אַז עס פלאַצט די קאָרע,
אין די ווינטען, דאַכט זיך, וואָיען
הינט אַ גאַנצע סוואָרע..."

דאָס בילד איז פאָלקאָמען. עס איז אַ בורלעסק, אַ שאַרזש. עס איז אָבער דורכגעפיהרט מיט אַ גרויסער מייסטערשאַפט. דאָס בילד שניידט זיך איין אין זכרון.

אין זיינע סאטירישע לידער דערגרייכט פרץ אפט צו אן אויסערגעוועהנליכער קראפט פון עקספרעסיע. די ליניען צייכענען זיך ביי איהם שארף, די קאנטורען אויסגעפיילט בולט.

מאי—נאר ער איז אין טאלעדא געוועזען,
און דארט איז ניט היימליך די נאכט...
עס ציטערט דער הימעל... לבנה און שטערען
שווימען דערשראקען, פערשמאכט...

מאי—נאר ער איז אין טאלעדא געוועזען,
וואו פרעכע מארמארנע ריזען
שטעכען מיט חוצפה דעם הימעל דעם בלאהען
מיט גאלדענע, קרייציגע שפיזען.

מאי—נאר עס סוד'ען זיך דא ניט קיין בלומען
די גלאקען—זיי מאכען זיי טויב!...
עס טראגט דער זעפיר נאר אש פון נשרפים,
פון אויטא־דא־פעען דעם שטויב!

די ווערטער גיבען דא מעהר, ווי עס איז ענטהאלטען אין זייער דירעקטען זין. די ווערטער גיבען דעם ריטם פון דער פריהלינגס־נאכט אין דער אינקוויזיציע־שטאדט טאלעדא. עפעס דורך א וואונדערבארען שאפונגס־סוד ווערט אריינגעטראגען אין די געוועהנליכע ווערטער א הויך פון אט דעם אלטען היסטארישען פלאץ, וואו צלם'ער שטעכען דעם הימעל ווי שפיזען.

די זעלביגע אונגעוועהנליכע אויסדרוקס־קראפט בעגעגענען מיר אויך אין פרץ'עס עטליכע ארבייטער־לידער. מ'האט פיעל געשריבען וועגען א נייטארין ביים ווארשטאט. אבער ס'ארא פרישקייט און אויפריכטיגקייט און אייגענארטיגקייט אין דעם געזאנג פון דער מיידעל:

„בלאס איז דאס זיידענצייג, פונקט ווי מיין פנים'על,
דורכזיכטיג־דין, ווי מיין הויט...
ריהרט מען עס, קרעכצט עס „אוי", פונקט מיינע
ביינדעלעך"...

אדער וויפיעל בילדליכקייט עס איז דאָ אין די ווערטער וועגען „ליפּען, וואָס שיילען זיך, ברענען פון אייביגע זאָרגען“. אין דעם ליעד וועגען די צוויי ברידער, פון וועלכע איינער האָט געצאַפּט ביים צווייטען בלוט, האָט פּרץ ניט מורא געהאַט צו דער־צעהלען, ווי דאָס ווערט געטהאָן:

„אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל—דו האָסט שוין אַ קרעל“.

די גאַנצע סעריע ליעדער „ביי אַ פרעמדען חופּה־קלייד“ — די גראַציעזע, קאַפּריזנע, דופטיגע מישונג פון ריטמען, קלאַנגען, מעלאָדיען, מאָטיוון געהערט צו די שעהנסטע פון ארבייטער־ליריק. פּרץ'ען איז דאָ אויפ'ן בעסטען אופן געלונגען צו פעראיי־ניגען דאָס אבסטראַקטע מיט דעם קאָנקרעטען, דאָס אלגעמיינע מיט דעם אינדיווידועלען.

דאָס איז דאָך אייגענטליך געווען די גאַנצע אויפגאַבע פון פּרץ'עס שאַפען.

* * *

שוואַכער זיינען זיינע ליעבעס־מאָטיוון און נאָך שוואַכער זיינע איבערזעצונגען פון די נביאים און פון נאַדסאָן. שוין אָט די קאָמבינאַציע: איבערזעצונגען פון ישעיה און יחזקאל און איבער־זעצונגען פון דעם סענטימענטאַל־ווייכען, באַנאַל־פּער'חלום'טען רוסישען דיכטער נאַדסאָן — זיינען אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרץ'עס אייביגען טאַפּען, זוכען און פּראָבירען. פּרץ איז אָבער ניט געווען קיין איבערזעצער. צו אַן איבערזעצונג דאַרף מען קודם כל האָבען אַ פאָלקאָמענע הערשאַפט איבער דער שפּראַך. די פאָרם דאַרף זיך געבען פון זיך אליין. דאָס איז ביי פּרץ'ען ניט געווען. דערצו האָט פּרץ איבערהויפּט ניט געקענט אריינלעבען זיך אין יענעם'ס גייסטיגער אַטמאָספערע. אפשר דערפאַר זיינען איהם אויך ניט געלונגען זיינע ליעבעס־ליעדער, וועלכע ער האָט גע־וויסערמאַסען נאַכגעדיכטעט נאָך היינע'ן. פאַראַן דיכטער, וואָס קענען זיך אזוי אָנשטעקען מיט יענעם'ס אַ שטימונג, אז זי זאָל ווע־רען זייער אייגענע און געפינען נאָך דעם אַן אויסגעצייכענטען אויסדרוק. פּרץ האָט ניט געהערט צו זייער סאָרט. פּרץ האָט זיך געפיהלט גוט אין דער גייסטיגער אַטמאָספערע פ ו ן אַ ג אַ נ־

צען פאלק, ווייל דא איז פאר איהם געווען א רחבות. אבער אריינלעבען זיך אין׳ם גייסט פון א יחיד, מעג דער יחיד זיין אפילו א ישעיה אדער א יחזקאל, דאס האט ער ניט געקענט.

זיינען טאקע זיינע איבערזעצונגען פון די נביאים אין אל־געמיין ניט אויסגעהאלטען. עס פעהלט זיי די וואונדערבארע איינפאכקייט און קארגקייט אין ווערטער. יחזקאל׳ס „הוי, רועי ישראל״ קומט ביי איהם אויס:

„איי די מערדער, איי די הירטען,
עס וועט זיין צו זיי א קלאג.
איי די מערדער, איי די הירטען,
עס וועט קומען אייער שטראף!
ווייל זיי האבען זיך געפאשעט
זיך געפאשעט, ניט די שאף!״

דערפאר ווען ער האט געפרובט ניט נאכדיכטען, ניט איבער־זעצען, נאר פריי שאפען אויף א טהעמע פון תנ״ך, האבען זיך בע־קומען ווערק, וואס קענען אפשר קאנקורירען מיט די נביאים אין זייער שטארקייט. אהער געהערט קודם כל דאס ליעד „פון יחזקאל״:

„עס שלייכט צו א שטאדט ביינאכט
די שווערד!
נאר אויפ׳ן טהורעם דער וועכטער וואכט —
ער הערט!
און בלאזט טראמפייט
און שמעטערט מיט מאכט,
עס ציטערט די נאכט,
דאס פאלק ערוואכט — — — —
דער שונא געהט, דער שונא געהט!
און ס׳פלאקערט אויף די שלאכט...״

שוואכער, אבער פול מיט אן איינגעפרעסטען אינווענינסטען פייער, איז דאס ליעד אויף דער טהעמע: „מי זה בא מבצרה, חמוץ בגדים מאדום״ (ישעיה ס״ג). דא איז פאראן א גרויסער,

בעשיידענער, ניט שרייענדיגער, נאָר טיעף אין די ביינער איינגעגעסענער פּאטאָס.

צו די שוואכערע זאכען וועט מען אויך מוזען צורעכענען די לעגענדע „רבי חנינא בן דוסא" און דעם לאנגען, צוצויגענעם מאָנאָלאָג „דער בעל עגלה". אין דיביידע זאכען האָט פּרץ געוואָלט זיין פאָלקסטהימליך. פאָלקסטהימליכקייט אין לּיריק איז אָבער פאר איהם געווען פונקט אזוי אונערגרייכבאַר, ווי אַ גוטע פּאָעטישע איבערזעצונג. אפילו אין די „פאָלקסטהימליכע געשיכטען" האָט דאָך פּרץ ניט געקענט אינגאנצען פערשטעלען זיין „איך". און לּיריק, אין לּיעדער איז דאָס איהם אודאי ניט געווען מעגליך. דער רוהיגער, קינדיש־נאַאיווער, פליסענדער טאָן פון דער פאָלקס־דיכטונג, וועלכע שטעלט זיך אָב אויף קלייניגקייטען און חזר'ט איבער דאָס זעלבע עטליכע מאָל, — ווי האָט דאָס געפּאסט צו פּרץ'ס האסטיגער, אייביג איילענדיגער, נערוועזער נאַטור?

„מאָניש" — דאָס איז אַן אנדער זאך. דאָ האָט פּרץ אפילו ניט געוואָלט זיין פאָלקסטהימליך. דאָ דערצעהלט אַ מאָדערנער אינטעליגענט אַ געשיכטע פון אַ „ער" און אַ „זי" אין אַ בעשטימטער סאָציאַלער סביבה. דאָ איז דאָס לעגענדארע מעהר אַ שפּאס, ווי אַן ערנסט. דער דיכטער וויל צוגעבען זיין ערצעהלונג אַ „לאָקאַלע בעפארבונג", קומט ביי איהם אוים אַ לילית מיט אַ בארג אררט, מיט אַ עסקאדראָן שדים מיט די אלע זיעבען זאכען. דערביי לאַכט ער אליין גוטמוטהיג און די הערער זיינען מיט זיין שפּאס צופריעדען. סוף כל סוף איז דאָך אין „מאָניש" בעארבייט די אייביגע טעמע פון אדם מיט חוה'ן, די זעלביגע, וואָס איז מיט אזוי פיעל קונסט בעהאנדעלט געוואָרען אין אַן אנדערער פּרץ'עם פּאעמע „ער און זי". און די טעמע בעגעגענט זיך אין דער אידישער לעגענדע זעהר זעלטען.

* * *

וויל מען בעטראַכטען פּרץ'ען דעם לּיריקער אין אלגעמיין, מוז מען זיך זאָגען, אַז ער האָט אין די ערשטע יאָהרען אלץ געזוכט זיין אייגען לּיריש פעלד און ניט געקענט געפינען. אָט איז דאָס

סאציאלע עמפערונג, אט איז דאס שטילע רחמנות. אט ווידער א הומאריסטישע טרוימעריי אויף היינע'ס מאניר, דאן ווידער א מאטיוו פון בענקשאפט, פון פערצווייפלונג, ווייטער אן אלע־גאריע וועגען דעם מענש און דער וועלט („א טהעאטער איז די וועלט, גאט איז רעזשיסער — ס'שטיק איז פיין, — ליידער איז דער טייוועל דער סופלער, די בודע איז דאס שוואכע הארץ") — און שפעטער א פערזוך אין'ם גייסט פון פאלקס־דיכטונג. אויף יעדען פון די געביטען בעשאפט פרץ איינינגע בעדייטענדע ליע־דער, א צוויי—דריי אמת גנעיאלע, דא און דארט גיט א שפריץ מיט פייער, א לייכט ווי א בליץ אין דער פינסטער, א שמעק מיט וואונדערבארער פאעטישער אימפרעסיאן. אבער ניט אלעס גע־לינגט איהם. אפט בעקומען זיך גאר שוואכע זאכען. איהר זעהט: דער דיכטער איז ניט צופריעדען. ער וועט דא ניט בלייבען. ער וועט דאס פעלד ניט קולטיווירען. און דער לעזער אליין איז אויך ניט צופריעדען: ער פיהלט, אז דאס איז ניט די אייגענטליכע פרץ'עס ארבייט.

און אזוי דערוויטערט זיך פרץ אלץ מעהר פון דער ליריק. מיר בעגעגענען ביי איהם איינינגע לירישע פראבען אין זיינע דרא־מען, בעזונדערס אין „ביינאכט אויפ'ן אלטען מארק", אבער דארט האבען זיי ניט קיין זעלבסטשטענדיגע בעדייטונג. פרץ ווערט אלץ מעהר ערצעהלער, סטיליזאטאר, ענטדעקער פון הויכע מארא־לישע ווערטהען אין דעם אוצר פון דעם פאלק'ס גלויבען און פאלק'ס פאעזיע.

אבער גראד אין דער צייט, ווען עס דאכט זיך: ער איז גאר ווייט אוועק, רייסען זיך ביי איהם ארויס איינצעלנע לירישע ווערק, וואס טראגען שוין גאר א נייעם כאראקטער. דאס איז א ודוי פון א נשמה, וואס האט געלעבט און געזוכט און האט דערפיהלט דעם נאהענטען סוף און האט מורא פאר דעם סוף און פרעגט זיך: צו וואס איז געווען דאס גאנצע?

דא האבען מיר פאר אונז שוין ניט דעם שפיעלענדען, נאר דעם ליידענדען פרץ'ן; ניט דעם יונגען מאן, נאר דעם רייפען מענשען; ניט די פראבע, נאר דעם אויסגוס פון א ערשיטערטער נשמה, —

„ווען דער טויט פּערשפּרייט
זיינע ווייסע פליגעל איבער באַרג און טהאַל...
די אויסגעבלייכטע נשמה, אָהן קלאַנג און פאַרב,
פריהרט ביז'ן טיעפסטען און ציטערט...
אָהן האָפנונג און פרייד,
און פערשנייטע הערצער קלאַפּען שטיל, שטיל,
שטערבליך מיעד און ווי פער'סם'ט...

און דאָס בלוט אין ד'אַדערן קיהלט;
און שווער ווי בליי פאַלען די ברעמען
איבער מיעדע, ווייס־אַנגעזאָפּטע אויגען,
און בלאַסע, ווייסע ליפּען ציטערן, פרעגען:
האָבען ווירקליך ב ל ו מ ע ן אַמאָל געבליהט?
האָבען ווירקליך ר ו י ז ע ן אַמאָל געשמעקט?“

פון דעם דיכטער'ס מיעדע אויגען קוקט אַרויס דער וועלט־שמערץ. עס דאַכט זיך: ער א נ ט ל ו י פ ט פון זיינע אי־בעריגע שאָפונגס־געביטען אָהער, כדי דאָ אונגעשטערט צו דער־צעהלען די געשיכטע פון זיין זעעלען־פּיין, פון דעם וועלט־פּיין. דאָ איז ער מיט זיך, פאַר זיך. ער קוקט זיך אַרום: מאין יבוא עזרי? ער האָפט נאָך אויף אימיצען: איז דאָס ליעבע? איז דאָס פריינדשאַפט?

„...קום צו מיר,
זאָל דיין אָטהעם אָן רויזען דערמאָנען...
און איך וועל פּיהלען און גלויבען,
און געה אַרויס צו דער וועלט מיט אַ בשורה:
פאַרהאַן! פאַרהאַן!

אָבער אָן אָבזאַג, אַ שטילער יאוש קלינגט אַרויס פון צווי־שען די שורות.
און ווידער טהוט עס אַ ברויז־אויף אין'ם דיכטער'ס האַרץ:
לעבען! געניסען! שלינגען די וועלט!

ציטער, זיסער פלאנצען־שוים!
פלאם און פלאטער, ווילדע רויז!
נאר אייל דיך, אייל!
עס שטעקט זיך שוין א האנד ארוים
דיך אבצופליקען!

און באלד טאקי ווערט ווידער פערשפרייט דער טונקעלער וואלקען. „נאכט. א הוילער בוים אין פעלד. איינזאם, שטום און בלינד". און שטום און בלינד ליגט דעם דיכטער'ס הארץ, ביז עס ווערט ניט בעלויכטען מיט א בלאס־מיעדען טאן פון עראי־נערונג, — א פאלש ליכט, וואס קען נאר גלאנצען, אבער ניט וואר־רימען. כאפט דער דיכטער זיך אן אן דעם שטראהל — רופט צו־ריק ארוים פון דער פערגאנגענהייט די אלטע צייט, די אלטע היים:

„אומשולדיג־שטיל־היימישע נאכט,
כ'וויל מיך וואשען ריין
אין דיינע שטיל־ציטעריגע וועלען;
אין דיין שטיל־ציטעריגער זילבער־נעץ
היל מיך איין...
כ'וויל צוריק זיין דיין אמאליג קינד,
דיין אמאליג ריין גלויביג קינד —
דערצעהל עפעס, דערצעהל..."

אבער קען די אלטע צייט אבווישען די קנייטשען פון'ם פנים, אריינגיסען יונג בלוט אין די אדערן? קען זי פערענטפערען די גרויסע פראגע: צו וואס?

אין נידעריגע, שטיל־וויברירענדע, אבער זעהר ברייטע אקאר־דען קלינגט פרץ'עס ליעד פון די לעצטע יאהרען. עס קלינגט זעל־טען, ווי יעדע הייליגקייט, וואס ענטפלעקט ניט איהר מיסטעריע־יעדען טאג. עס קלינגט ווי אן ארגעל־שפיעל אין א לעדיגער אלטער קירכע. די זון שיינט אריין דורך פארביגע שויבען, א מאטע דע־מערונג אין אויסגעשפרייט צווישען די זיילען, קלוגע אלטע ביל־דער מיט בערוהיגטע אויגען קוקען פון די טונקעלע ווענד, און א פייערליכע שטילקייט שפרייט זיך אין דעם הויכען רוים.

„זייט געזונט!
טרוימען רופט מען נישט צוריק...
און פערהילכט אַ טאָג,
קען ער נישט איבערקלינגען...
צוויי מאָל פליהט דערזעלבער שאָטען נישט אדורך!..."

האָט שוין דעמאָלט פריץ געפיהלט די פליגעל פון'ם טויט?
און מיר האָבען איהם אלע געהאַלטען פאַר אזוי יונג...

(1915).

א. ליעסין.

I.

מיר, אידען, זיינען אן ערנסטע אומה. מיר האבען ניט גע־וואוסט פון העלענישען לייכטזין, פון וואקכישער לוסט, פון געט־ליכער שטיפעריי, פון מיטעלאלטערליכע ליעבעס־זינגער. עפעס ווערט דערצעהלט אין הייליגע ספרים, אז אמאל אין ארץ־ישראל פלעגען אידישע טעכטער טאנצען יום־כפור אין די וויין־גערט־נער און זיך בעגעגענען מיט יונגע לייט און רופען: „בחור, שא נא עיניך", אבער דאס איז דאך געווען צוריק מיט טויזענדער יאה־רען, און דאס איז אזוי וויט, אז עס גלויבט זיך קוים.

מיר, אידען, האבען ליעב דעם תוך, דעם רעיון. דער חומר, די פארם, די שאלעכץ איז אונז ניט וויכטיג. מיר זיינען ניט קיין געצענדיענער. מיר האבען זיך ניט געמאכט קיין בילדער. מיר האבען זיך נאך, דאכט זיך, עד היום ניט אויסגעלערענט קוקען אויף א זאך און בעוואונדערען זי נאר דערפאר, וואס זי איז דא. דער „מאי קא משמע לן" האט זיך אונז איינגעגעסען אין בלוט און אין די ביינער. ניט אומזיסט האבען אידישע דיכטער אין א משך פון א טויזענד יאהר געדיכטעט אלץ אזוינע טיעף־ערנסטע זאכען, וואס מען קען זיי ארייננשטעלען — און מען האט זיי טאקע ארייננגעשטעלט — אין די תפלות.

און מיר אידען זיינען א מרה־שחורה'דיגע אומה. אין אונ־זערע נגונים איז דא אזוי פיעל אומעט. אפילו אין אונזער פרייד

איז בעהאלטען אזא לאנג־יאהריגער וועהטאג. אפילו אין דער נבואה פון דער צוקונפט הערט זיך א אידישער קרעכץ.

דאס אלץ איז ניט ניי. אבער דאס דערפיהלט איהר מיט א נייער קראפט, ווען איהר לייענט ליעסין׳ס ליעדער. ליעסין איז אין זיין פאעזיע א מערקווירדיג־טיפישער איד, א זוהן פון דורות למדנים. איהר הערט זיך איין אין זיינע דיכטונגען, און עפעס דורך א מערקווירדיגע אסאציאציע שווימען ארויף פאר אייערע אויגען אידען מיט ווייסע בערד, מיט שטרענגע אויגען, מיט אראפ־געהאנגענע ברעמען, אידען אין טליתים מיט שווערע עטרות, אנ־געבויגען איבער גרויסע ספרים, ברומענדיג אן אלטען נגון.

דאס וויל ניט זאגען, אז ליעסין גיט אונז בילדער פון פאר־צייטיגע אידען, אדער אז ער פרואווט שרייבען אין׳ם גייסט פון דעם אמאליגען למדן, ווי, א שטייגער, פרץ. דאס גראד ניט. פער־קעהרט, ליעסין איז א היינטיגער, זיינע ליעדער זיינען ליעדער פון אונזער צייט. די עהנליכקייט ליגט נאר אין דעם, ווי ליעסין בעציהט זיך צו זיין פאעזיע, וואס פאר אויפגאבען ער שטעלט זיך אליין, וואס ער דערצעהלט און וואס ער פערשווייגט אין זיינע ליעדער.

ביי ליעסין׳ען איז די פאעזיע — א געזעלשאפטליכע ארבייט, א געזעלשאפטליכע דיענסט פון א מענשען, וואס האט דערפיהלט, אז ער האט א כח צו וועקען אבקלאנגען אין מענשליכע הערצער. דער פאעט איז ביי איהם ניט קיין זינג־פויגעל, וואס ווערט פער׳שכור׳ט דורך דעם כשוף פון זיינע אייגענע טרעלען; ניט קיין זומער־פויגעלע, וואס באדט זיך אין ליכט און ווארימקייט און פלאטערט פון בלימעל צו בלימעל. דער פאעט איז אן אויסדערוועהלטער, א מענש מיט א פאהן אין האנד, א מאן וואס האט עפעס ערנסטעס און וויכטיגעס און נויטיגעס צו דערצעהלען זיין פאלק. ניט מיט א הארפע קומט דער דיכטער (דאס ווארט „הארפע" ווערט, אגב, קיין איינציג מאל ניט דער־מאנט אין ליעסין׳ס ליריק, — א זאך, וואס איהר וועט ניט גע־פינען ביי אידישע דיכטער); ער קומט מיט לוחות. אפשר ניט פון שטיין זיינען די לוחות געמאכט, אבער פון פארמעט — שווין געוויס. ער דארף רופען אהין.

„וואו גרוים און הייליג איז דאַס פיהלען,
און גליקליך איז דער שמערץ,
און ס'ווייסט פון גרענצען ניט דער ווילען,
און ס'ווייסט פון אומעט ניט דאַס הערץ".

אויב ניט רופען, איז כאָטש דערצעהלען אַזוינס, וואָס זאָל דער־וועקען אין'ם מענשען אַ בענקשאַפט נאָך אַ בעסערער וועלט; אויב ניט דאָס, איז כאָטש איבערגעבען אַ טיעף און בעדייטענד געפיהל, וואָס ס'איז כדאי, אַז אַנדערע זאָלען עס מיטפיהלען.

אַט אין דעם בעזונדערען כאַראַקטער פון ליעסין'ס פּאָעזיע ווייזט זיך אַזוי דייטליך אַרוים זיין „אידישקייט". ליעסין ווייסט ניט פון „שיחת חולין", פון „דברים בטלים"; ער ווייסט ניט פון שפּיעלען זיך מיט ווערטער, פון צערטלען זיך מיט קלאַנגען. ער איז אַ היפוך פון קינדיש. ער איז אַ איד, אַ אידישער פּאָעט.

דערמיט ווערט ערקלעהרט אַ גאַנצע רייהע פון זיינע אייגענ־שאַפטען.

ליעסין גיט זיך ניט אָפּ יעדער פאַרבייאיילענדער שטימונג, יעדען מאָמענטאַל־פערשווינדענדען לייכטען איינדרוק. אימפּרע־סיאָניזם איז איהם פרעמד. דאָס הייסט ניט, אַז עס שוועבען ניט דורך אין זיין נשמה טויזענדער שטימונגען־שאָטענס. א רמז אויף דעם קענט איהר זאָגאַר געפינען אין אייניגע פון זיינע ליעדער. ער גיט זיך אָבער ניט אָב דערמיט. ער איז דאָך אַ פּאָעט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַלע. וואָס ער דערצעהלט, איז קלאָהר, דייטליך, אויסגעקריסטאַליזירט, האָט בעשטימטע קאָנטורען, איז אָנגעטהאָן אין אַן אדעקוואַטע לויטערע שפּראַך. ליעסין מאַטערט זיך ניט צו כאַפּען און פערקערפּערען דאָס איררציאָנאַלע. אַלצדינג וואָס ער שרייבט איז פאַלקאָם בעוואוסט און פאַלקאָם קלאָהר. אין דעם פּרט דערנעהענטערט ער זיך צו די אידישע קלאַסיקער פון דעם שפּאַנישען פּעריאָד: רבי יהודה הלוי, רבי שלמה אבן גבירול, וועל־כע האָבען געווים אויף איהם געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג.

ליעסין איז ניט סוביעקטיוו. ער מאַכט ניט זיין אייגענע פּסיחיק פאַר אַ געזעץ. ער שטעלט ניט אַרוים אויפ'ן פאָדער־גרונד זיין „איך". ער האַלט ניט, אַז וואָס ער לעבט איבער, מוז

זיין וויכטיג פאַר אַלעמען. ער דערציילט אַזוינס, וואָס האָט אַן אַלגעמיין־גילטיגען ווערטה. ער גיט איבער אַזוינע שטימונגען, וואָס קענען איבערגעזעצט ווערען אין דער שפּראַך פון מאָראַל. אויב ער זאָגט „איך", מיינט ער ניט: „איך, דער איינציגער, וועלכער חזר'ט זיך ניט איבער". נאָר „איך — דער זוהן פון מיין פאָלק, דאָס גליעד פון דער קעמפּפענדער מענשהייט, די נשמה, וואָס איז צונויפגעבונדען מיט אַלע גרויסע און שעהנע אידעאַלען פון מיין צייט; איך — דער ענטפּלעקער, וואָס קומט אויפקלעהרען די מיט־מענשען וועגען דעם, וואָס ביי זיי אליין אין הארצען וועבט זיך".

„און זאָלען זיך טראָגען די ליעדער
אין מעכטיגע, שטורמישע טענער,
און אויפהויבען הויך די נשמה
אַלץ פרייער, אַלץ העכער, אַלץ שעהנער.

און זאָלען זיך פערלען די טרעהרען
אין הייסע, אין גליהענדע ריימען,
און דורכלויכטען זאָל דאָ די יוגענד
מיט גרויסע, מיט שטראַהלענדע טרוימען".

„איך" איז דאָ איינער פון פיעלע, ריכטיגער — איינער פון אַלע. אמת, אַ בעגאַבטערער, אַ רייכערער, אָבער דאָך זייער גלייכען, זייער בלוט און פלייש. אַזוי ווי „איך", דאַרפען פיהלען און קענען פיהלען אַלע בעסערע, יעדער פון מיין פאָלק, פון מיין צייט; איך בין ניט „מיינער", איך בין ז י י ע ר ע ר.

און אַז אַ מענש איז ניט „פאַר זיך", האָט ער אַ גרעסערן פעראַנטוואָרטונגס־געפיהל, האָט ער מעהר טאַקט, וועט ער מורא האָבען אַנצוריהרען אַזוינס, וואָס ס'איז ביי יעדען איינעם דאָס אינטימסטע, דאָס חדרי־חדרים'דיגסטע, מיט וואָס ער וועט זיך אָפט ניט טהיילען אפילו מיט אַ פריינד. בעשאַפט זיך אַ זעלטענע צניעות. אין ליעסין'ס ליריק, בעזונדערס אין די ליעבעס־מאָטיווען, איז דאָ אַזאַ צוריקגעהאַלטענקייט, אַזאַ, וואָלט איך זאָגען, שעהמעוודיגקייט, ווי מיר געפינען זי נאָר אין אַלטען אידישען

פאמיליען־לעבען. אויב איהר ווילט, איז קיין אייגענטליכע ליעבעס־ליריק ביי ליעסין׳ען גאר ניטא. ס׳איז דא נאר א שטילע בענקשאפט נאך דעם „פריינד״, דעם „וויטען פריינד״. מעהר, משמעות, וועט א איד ניט דערצעהלען עפענטליך פון זיין ליעבע צו א פרוי.

און די זעלביגע צנוע׳דיגקייט ווייזט זיך ארויס נאך אין אן אנדער פרט. ל י ע ס י ן א י ז נ י ט פ א ט ע ט י ש. ביי דעם שטארקסטען געפיהל־אויסברוך בלייבט ער איינגעהאלטען, געברויכט ער ניט קיין הילביגע ווערטער. עס מעג ביי איהם גליהען אינווענינ דער שטארקסטער פייער, אויסערליך וועט ער זיך ניט פאנאנדערשרייען, וועט ער ניט מאכען שטארק מיט די הענד און זיך ניט קלאפען אין דער ברוסט. ער ה י ט ז י ך מיט אווארט. ער קנאקט ניט. דעריבער ווארפט ער זיך ניט אין די אויגען. מען דארף זיך גוט איינהערען אין ליעסין׳ס ליעדער. מען דארף געהן צ ו א י ה ם. ער צו אייך וועט געוויס ניט קריכען.

און רעדט ער שוין צו אייך, האט ער אייך צו זאגען עפעס וויכטיגעס. מיט קלייניגקייטען, מיט שטיפערייען, מיט „ליעבע נוצלאזיגקייטען״ וויל ער ניט פערנעהמען אייער צייט און אייער אויפמערקזאמקייט. די וועלט איז אזוי גרויס און דאס לעבען האט אזוי פיעל מעכטיגע פראבלעמען! דער מענש איז געקומען אויף דער ערד מיט א הייליגער מיסיע, און נאר דאס איז ווערטה אונזער אינטערעס, וואס ס׳האט א שייכות צו דער דאזיגער מיסיע.

ביי ליעסין׳ען איז דאס ניט קיין פראגראם. ער קען ניט אנדערש. ער וואלט אפשר אליין געוואלט זיין פונקעלדיג, און שווימענדיג, און שטיפעריש־לייכטזיניג. עס געהט אבער נישט. ניט אומזיסט איז ער פון וואלאזשינער ישיבה גלייך אריבערגעגאנגען צום סאציאליזם און פון׳ם חושן־משפט צום „קאפיטאל״ פון מארקס. און ניט אומזיסט איז ער דער איינציגער פון אונזערע ליריקער, וואס האט אלע יאהרען געטהאן געזעלשאפטליכע ארבייט, — געטהאן מיט׳ן הארץ־בלוט און מיט אמת אידישער עקשנות.

II.

אַ גרויסען פּלאַץ פערנעהמט ביי ליעסין׳ען די נאַטור. מען וואָלט זיך געקענט וואונדערען, ווי קומט צו אַ א י ד י ש ע ן דיכטער אַ ליעבע צו דער נאַטור. מען וואָלט זיך אָבער מיט דעם זעלביגען רעכט געקענט וואונדערען, ווי קומען, אַ שטייגער, צו יהודה הלוי די מערקווירדיגע ים־ליעדער, וועלכע שיינען מיט אונ־שטערבליכער שעהנקייט. מען וואָלט געקענט געהן ווייטער און פרעגען, ווי קומט צו דוד המלך אַ „ברכי נפשי״ אָדער אַ קאַפּיטעל כ״ט אין תהלים. דער תירוץ איז, אַז אי ביים זינגער פון תהלים, אי ביי יהודה הלוי איז די נאַטור געווען אַ קוואַל פון ערהאבענע שטימונגען, אַ פערקערפּערונג און אַ בעוועגונגס־קראַפט פון הויכע הייליגע געפיהלען. אין די ים־ליעדער ציטערט די בענקשאַפט נאָך דעם הייליגען לאַנד, אין ברכי נפשי — די עהרפורכט פאַר דער וועלט־האַרמאָניע, אין תהלים קאַפּיטעל כ״ט ערשיינט פאַר אונז דער גאָט פון שטורעם אין זיין וואונדערבאַרער שעהנקייט און מאַכט. די נאַטור איז דאָ צונויפגעוועבט מיט דעם מענשען׳ס גייסט, מיט זיינע אידעאַלען.

דאָס איז דער א י ד י ש ע ר שטריך: זוכען אין דער נאַטור אַ סטימולוס פאַר הויכע געפיהלען, און גראָד דעם דאָזיגען שטריך געפינען מיר אויסגעדריקט בעזונדערס דייטליך ביים איד ליעסין.

די נאַטור איז ביי איהם ניט גלאַט אַ טויטע וועלט, וועלכע איז בעזעעלט מיט איהר אייגענער נשמה. ניין, זי איז אַ טהייל פון׳ם דיכטער׳ס איך; זי האָט גאַר ניט קיין אָביעקטיווען לע־בען, זי לעבט אין איהם, מיט איהם, דורך איהם. ווען ער זאָגט אייך, אַז אין אַ לבנה־נאַכט

„די שטראַהלען — זיי פאַלען
אויף בערג און אויף טהאָלען,
אויף פעלדער און וועלדער
און הילען זיי איין

אין צאַרטע פערקלערטקייט,
אין טהוי־לייכטען טרויער,
אין ווייכען, אין בלייכען,
אין בלאַהליכען שיין", —

איז דאָס ניט די נאַטור פאַר זיך, נאָר דער אקאָרד פון געפיהלען, וואָס קלינגען מיט איהר מיט אויף אַ געהיימניספּולען אופן. עס גיסט זיך אַ חלום פון די לופטיגע וועלען, פון טיעפען לאַזור־ים אין די פעבצאַגטע נשמות: „ער גיסט אין זיי זיסקייט פין זעל־טענע וועלטען, פון הימלישער מילדקייט און פריעדען און פרייד".

די נאַטור איז דאָ. זי איז רעאל, אָבער דאָס איז אַ מער־קווירדיגע רעאליטעט: זי איז נאָר אַ פערברייטערטע און בע־רייכערטע מענשליכע נשמה. זי איז אינגאַנצען איינגעשלאָסען אין'ם דיכטער'ס הארץ, און ציטערט אין איהר עפּעס אויף, זיינען דאָס גאָר די פערשיידענסטע סטרונעס פון אַט דעם הארצען.

אַט איז דאָס שעהנע ליעד „ערוואַכונג", מיט דעם וואונדער־בארען מאָטטאָ: „ברן יחד כוכבי בוקר". ס'איז אַ נאַכט, אַ שטילע נאַכט, אַ כשוף־נאַכט. „טויזענדער שטערען, בעגליקטע, ענטציקטע", זינגען הימלישע ליעדער. „שלאַנק און האַרמאָניש, אויף טויזענדער שטראַהלען, טראָגט זיך דער הימלישער כאָר". ווע־מען די שירה ערגרייפט, ריהרט ער זיך און וואַכט אויף. „צווי־שען די בוימער כאַפּט־אויף זיך דאָס ווינטעל, ליעבליך, פער־חלום'ט און ווייך; איבער די צווייגען געהט רוישענד אַ תפלה ציטריג ארויף אין דער הויך". עס כאַפּט זיך אויף דער פויגעל און שיט זיינע טרעלען; עס כאַפּט זיך אויף דאָס גרעזעל און גיסט זיין אראָמאַט; עס כאַפּט זיך ענדליך אויף דער דיכטער און וואַנדעלט אינמיטען דער נאַכט.

„זילבערנע שטראַהלען בעפאַלען די שאָטענס,
ציהען זיי איבער מיט שיין;
זילבערנע ריימען בעפאַלען דעם דיכטער,
קלינגען און שלינגען איהם איין".

און אלעס גיסט זיך צוזאמען: ריימען און דופטען און שטראהלען און טרעלען:

לבנה און שטערען, די ערד און די הימלען,
אלץ ביז דעם מינדעסטען שטויב
גיסט זיך צוזאמען אין הארצעןביים דיכטער
געטליך אין שירה און לויב".

נשמה און גאטהייט אומארמען זיך, פעראייניגען זיך, און דאס הארץ טריפט מיט ליעבע אהן א סוף:

„ליעבע צו אלץ, וואס דורכ'ן שטח פון וועלט־אלל
אין דער נאטור איז צושפרייט;
ליעבע צו אלץ, וואס האט אטהעם און לעבען,
ליעבע צו אלץ, וואס איז טויט"...

עס פערשטעהט זיך, אז ביי אזא נאטור־אויפפאסונג איז שווין דעם דיכטער ניט מעגליך צו מאלען איינצעלהייטען, צו זיין פערליעבט אין א בעזונדערע פארב, א בעזונדערע ליניע. ליעסין'ס נאטור איז געוויסערמאסען אן אבסטראקטע, א גענעראליזירטע: ניט איין בוים, נאר דער גאנצער וואלד; ניט א ט ד י בלום, נאר „בלומען" איבערהויפט; אפטמאל אפילו ניט בוימער און בלומען און ווינטען און פארבען, נאר די „נאטור" אין אלגעמיין. בשעת ליעסין רעדט וועגען נאטור, איז זיין אויג געווענדעט ניט אין דרויסען ארויס, נאר אינוועניג, אין זאך אריין. די פארבען נעהמט ער פון די ש ט י מ ו נ ג ע ן, וואס ער לעבט איבער, ניט פון דער אביעקטיווער וועלט.

אט איז אן אונרוהיגע פריהלינגס־נאכט:

„די בייזע, די ברומענדע נאכט,
די לאנגע, די שלאפלאזע נאכט,
די נאכט פון א דונקעלען פריהלינג א קאלטען,
זי קלאפט מיר אין פענסטער מיט קרעכצען און גוואלטען,

מיט שטורמישען רעגען און גרויסען געפּילדער,
אלץ ווילדער און ווילדער,
אזוי ווי אַ העלישע מאַכט
וואלט טיעף אין איהר חשך געלעגען בעהאלטען.
די בייזע, די שלאָפלאָזע נאַכט —
זי האָט מיך משוגע געמאַכט!"

דאָ זיינען דאָ עפּיטעטען: „בייזע", „ברומענדע", „לאנגע", „שלאָפלאָזע", „דונקעל", „קאַלט", „פינסטער", דאָ זיינען דאָ „קרעכצען", „געפּילדער", „אַ העלישע מאַכט", — אלץ סוביעקטיווע סמנים. און נאָר איין מאָל ווערט דערמאָנט דער „שטורמישער רעגען". קיין אנדערע סמנים, ווי אַ שטייגער, די לאָדען, ווי זיי קלאַפּען, אָדער אַ צווייג פון אַ בוים, ווי זי קוקט אריין אין פענ־סטער, אָדער די שויב, ווי זי ציטערט, אָדער אפשר גאָר דער בליץ, דער דונער און אנדערע אזוינע „מאַטעריעלע" זאכען, ווערען ניט געגעבען. ליעסין׳ס נאַטור קען ווערען געזעהן און געפיהלט מיט האַלב־געשלאָסענע אויגען. אָדער אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס ער איז אַ קינד פון אַ גרויסער שטאָדט?

און ווייל זי איז אַ טהייל פון דעם דיכטער׳ס „איך", און ווייל אָט דער „איך" איז שטענדיג אומרוהיג, שטענדיג זוכענדיג, שטענדיג בעגייסטערט פון אידעען און ערשיטערט פון איבערלע־בונגען, איז אויך די נאַטור פול מיט בעוועגונג, מיט קאַמפּף, מיט טראַגישע קאָנפליקטען. „אור וחושך" האלטען צווישען זיך מלחמה „און ס׳צאַפּעלאַ די זון זיך אין לאַפּע פון וואָלקען". דער אָווענד אויפ׳ן ים שפּרייט זיך ניט, ווי געוועהנליך, נאָר ער „פונקעלט און דונקעלט און שפּיעלט"; וואסער און זון האָבען צווישען זיך אַ שטאַרקען וכוח, און דאָס וואסער, ווען דאָס שיף פאָהרט דורך, הויבט זיך עס און פאַלט אראָב, „און קרעכצט און קלאָגט דורך פונקען און דורך רויך". און אז עס קומט דער הערבסט, איז דאָ אזוי פיעל שמערץ און אומ־רוה ארום און ארום:

„און דער אבענד איז ווילד און פעראומערט,
און דאָס הארץ איז מיט אנגסט איבערפילט,

און די וואָלקענס — זיי יאָגען דערשראָקען,
אין געהיימנים און חשך פערהילט;
און דער הימעל איז פול מיט בעוועגונג,
פול בהלה און פינסטערע מאכט"...

און אנדערש קען דאָס ניט זיין: אַט די הערבסט־נאַטור, פול מיט בהלה און סוד, טראָגט דאָך אין זיך אַ וויכטיגען גדאַנק, אַ קוק אויף די פערענדערונגען אין דער מענשליכער געשיכטע:

„אזוי פליהען די טעג און די יאָהרען
דורך די טהאָלען פון יאָמער און פיין;
אזוי טראָגען זיך דורות נאָך דורות
אין דעם אייביגען גאָרנישט אריין".

די נאַטור איז אַ גרויסע מיסטעריע, וואו יעדע סצענע איז פול מיט בעדייטונג. און דער דיכטער איז אַ כהן־גדול, וואָס ווייזט דעם זין און די כונה פון דער גרויסער מיסטעריע אין אלע איהרע טהיילען.

III.

פון דער נאַטור ביז צו די מענשען איז ביי ליעסין'ען איין שפּאַן, אפילו קיין שפּאַן אויך ניט. ס'איז דאָך איינס און דאָס זעלביגע. דאָרט דער מענש איז דער נאַטור. דאָ — דער איי־גענער מענש, נאָר פאר זיך.

מענשען! — דאָס הייסט אָבער אזוינע, וואָס ס'איז כדאי וועגען זיי צו ריידען. פאַראַן גאַנצע מיליאָנען, וואָס זיינען ניט אינטערעסאַנט. איבערהויפּט די גאַנצע מאַטעריעלע סביבה זייערע איז ניט אזוי וויכטיג. דאָס הייסט, וויכטיג איז זי יא, מען מוז זאָגאר קעמפּפען פאר אַ בעסערען מאַטעריעלען לעבען, אָבער דער דיכטער האָט דאָ ניט אויף וואָס אָבצושטעלען זיך. נו, געהאָרע־

וועט, נו, אַרים, הונגעריג, עס טהועז וועה די ביינער — ווער ווייסט דאָס ניט?

זעהט איהר, אַז אנדערע זאַך איז שוין נשמה. אָבער אויך אַ נשמה צו אַ נשמה איז ניט גלייך. פאַראַן טוצען־נשמות, גלאַטע, אָבגעהובעלטע; וועגען זיי איז ניטאָ וואָס צו ריידען. פאַראַן אָבער דימענטען, זעלטענע שטיינער; מעג זיין אונגעשליפענע, מעג זיין פערדרונקעלטע, אָבער דאָך אַן אבן־טוב!

אַט זיצט זיך אַ איד אַ קרעמער, אַן עני, אַ דלפון, אין אַ ווייסט אידיש געסעל, און ווארט אויף אַ קונה. אין דרויסען איז פינסטער און נאַס. דעם קרעמער איז קאַלט און אומעטיג. אָבער טהוט אַ קוק, וואָס פאַר אַ חלומות ער חלום'ט! וועגען אַ אידישען קעניגרייך, „אַ מלוכה פון גאונים, אַ מלוכה פון מלכים אליין"; וועגען גרויסע, ריעזיגע מעשים, וועגען אַ געוואַלדיגען שטרייט פון אַ אידישען חיל געגען שונא, אַ שטרייט פון לייבען, פון העלדען, פון גבורים. אהאַ! אַט דער קרעמער איז גאַר ניט אַזאַ קבצן, ווי אייך דאַכט זיך!

און אַז אין „שמחת בית השואבה" לאָזען זיך אידען אוועק טאַנצען — אַט די „כשל ברך'ס", „גאַט'ס קאַזאַקען", מיט די צו־טרייסעלטע פאות, מיט די לאַנגע טלית קטן'ס, מיט די פאַטשיילעס אין די הינטערשטע קעשענעס, און זיי שטעלען פאַלקעס

...און מען קנאַקט
מיט די פינגער, מיט די צינגער,
און מען האַפּקעט אויס צום טאַקט:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה", —

איז דאָס ניט פשוט טאַנץ: אידען זייגען דאָך שכור ניט פון וויין!

„יאַהרען טויזענט בענקען, גארען
הילכען אב דאָ אין דעם שאַלען;
נשמות רייסען זיך און שפּאַרען,
קייטען ברעכען, תפיסות פאַלען.

ווייסטע אידישע נשמות,
אַנגעזעטיגט דורך מיט צרות,
אַנגעליטען אין מלחמות
מיט די אַלע יצר הרע׳ס,

רייסען זיך אַרויס מיט שטורעם,
פריי פון ערד און פון יסורים,
פריי פון חומר און פון מורא,
באַמבאַרדירען הײם דעם בורא:

„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה“.

דעם דיכטער ציהט צום העלדישען, צו די אמת־גרויסע קעמפּ־פער, וואָס האָבען אין זייערע מעשים פערווירקליכט דאָס ציעל פון׳ם לעבען, די כונה פון דער שעפּפונג. עס איז אַלץ איינס, פאַר וואָס מען קעמפּפט, אַבי דאָס זאָל זיין אַ גרויסע אידעע. רב עקיבא, וואָס שטאַרבט פאַר זיין „אחד“, איז ניט ווייניגער שעהן און ער־האַבען, ווי דער שמיעד, וואָס טראָגט זיין לעבען אַוועק אין דער רוסישער רעוואָלוציע. איןביידע האָט די מענשהייט דערגרייכט איהרע העכסטע שפּיצען.

דאָס לעבען מוז ווערען דורכגעלעבט, אויסגעלעבט ביז׳ן לעצ־טען טראָפּפען. ניט דערויף איז דאָס געגעבען געוואָרען, כדי ס׳זאָל זיין רוהיג און גליקליך און רייך. דער דיכטער ליעבט „דעם לע־בען דעם שלעכטען, ווי ביטער עס דריקט איהם זיין לאַסט, אַזוי ווי מען ליעבט אַ געליעבטע אויף דאָן, ווען זי פּייניגט אַזן האַסט“. דאָס ציעל פון׳ם לעבען איז, משמעות, אין עפּעס העכערעס, ווי מאַטעריעלע גליק. דאָס ציעל פון׳ם לעבען איז קאַמפּף.

אין דער אידישער פערגאַנגענהייט, אין דער טויזענד־יאָה־ריגער אידישער געשיכטע האָט דער דיכטער געזעהן אַזאַ מין קאַמפּף, אַזאַ מין העלדישקייט. ווידער און ווידער קעהרט ער זיך אום צום אידישען עבר. מיט ווערטער, שטאַרקע און איינ־פאַכע, וואָס דרינגען טיעף אַריין אין דער נשמה, דערצעהלט ער אונז וועגען זיין צובונד צום פאָלק.

„און טראכט איך, מיין פאָלק, פון דיין פינסטערען עבר,
דאן פאנגט אזוי מעכטיג דאָס הערץ
די פראכט פון דיין דאָרען־קראנץ צווישען די פעלקער,
דיין טויזענד־יאָהריגער שמערץ

און טראכט איך, מיין פאָלק, פון דער ליכטיגער צוקונפט,
דאן ווערט אָזוי שווער, אזוי באנג —
צו ווערסטו פערשוואונדען אין גליק? טאָ צו וואָס זשע
די ליידען יאָהרטויזענטע לאנג?

אין דער אידישער געשיכטע געפינט ער דעם גרויסען פאטאָס, דעם ריעזיגען אָפּטימיזם, וואָס איז אין זיינע אויגען די גרעסטע מאָראלישע גבורה. אין ערגעץ איז ער ניט אזוי קראפט־פול, אזוי איבערצייגענד, אזוי ער אליין, ווי אין די ליעדער, וואו ער דערצעהלט וועגען מענשען, וואָס געהען צום טויט, „מיט א מילד־ענטציקטער, הימליש־העלער מינע, געלייטערט אין דעם טויט־שמערץ, לויכטענד ווי די שכינה“. קיין ליעד ווירקט ניט אזוי אנשטעקענד מיט זיין איינפאכקייט און טיעפען גלויבען, ווי די ליכטיגע נבואה פון „צום נייעם יאָהר“, — א מין מאָדערנער, סאָציאַליסטישער „והיה באחרית הימים“, ווען

„דער מענשליכער זוהן וועט ארויסגעהן בעפרייט
פון ערביטערטען מאנגעל און פינסטערען שטרייט,
און דערפיהלען אין ווייסטער, פערפייניגטער ברוסט
גאנצע אוצרות מיט לעבען און ליעבע און לוסט...
און דערוואַרעמט, ערמונטערט, ענטציקט און בעהארצט
וועט ער צופאלען הייס צו דער מוטער—דער ערד...“

מ'האָט א סך מאָל גערעדט און געשריבען די ווערטער, אָבער אין ערגעץ אָטהעמען זיי ניט מיט אזאַ פרישקייט און יונגענד און איבערצייגונג, ווי אין דעם ליעד, וואָס איז געשריבען געוואָרען צוריק מיט 19 יאָהר.

און די זעלביגע אונענדליכע, צערטליכע, שעהמעוודיגע און ענטציקטע ליעבע קלינגט אין דעם פראגמענט „מיין ריטער“ —

דעם אנהויב פון א פּאָעמע ווענען א שמיעד, וואָס שטעהט אין דער קוזשנע און שמיעדט קינזשאלען פאר די רעוואָלוציאָנערען און קומט דערנאָך אליין אום אין שטרייט. וויפיעל מונטערקייט און יוגענדליכע האָפנונג און שטראַהלענדער יובעל-געזאַנג קלינגט אין אזוינע שורות, וואו איהר הערט, דאכט זיך, דאָס קלאַפּען פון האמערס איבער א קאָוואדלע:

„עס האָבען די אייזענס געגליהט,
געגליהט און געגליהט;
ער האָט די קינזשאלען געשמיעדט,
געשמיעדט און געשמיעדט.

עס האָט אין די אייזענס געגליהט די נקמה,
די הייליגע, רויט;
געקלאַפּט האָט דער האמער צום טאַקט דער נשמה:
פערדארבען און טויט!
פערדארבען און טויט די גזלנים!
פערדארבען און טויט די תלינים!

אין דער אידישער ליטעראַטור זיינען דאָ ווייניג אזוינע לע-בענס-פולע ליעדער. מען קען זיי איבערצעהלען אויף די פינגער.

IV.

ליעסין האָט אנגעהויבען דרוקען זיך צוריק מיט א יאָהר 22 און די גרעסטע צאָהל ליעדער — אפשר ניין-צעהנטעל פון זיי — געהערען צו די ערשטע פינף יאָהר פון זיין שאַפען. אין די לעצ'טע 10—8 יאָהר האָט ער אנגעשריבען אפשר 4—5 ליעדער. ער האָט אָב-געגעבען אלע זיינע קרעפטען דער פובליציסטיק. צו דאָס האָט ג ע-ד א ר פ ט זיין אזוי, פרעגען מיר ניט. יעדענפאלס האָט ער כמעט אלע ליעדער אנגעשריבען ביז 1897—1898. דאָס פיהלט זיך אין זייער שפּראַך.

ער איז גאָר קיין שום ספק ניט, אַז ער האָט אַ שפּראַך־גע־פיהל און אַ גוט־ענטוויקעלטען אויער. זיין שפּראַך איז צייטענ־ווייז צאַרט, מילד, ווייך, צייטענווייז שטאַרק און קרעפטיג. עס איז דאָ די ריכטיגע בעציהונג צווישען ריטם און אינהאַלט. עס בעגעגענען זיך אָפט שורות, וואָס גיבען איבער די קלאַנגען פון דער אויסען־וועלט (פערגלייך דאָס קלאַפּען פון׳ם האַמער אין דער לעצטער ציטאַטע).

אָבער דאָך קען מען ניט זאָגען, אַז די שפּראַך איז אומע־טום גוט. ליעסין קימערט זיך ווייניג וועגען וואָרט, וועגען אויס־דרוק. געפינט ער אויפ׳ן שטעל אַ געלונגענעם וואָרט, איז גוט. ניט — בענוגענט ער זיך מיט אַ ווייניגער פּאַסענדען. וועגען בע־אַרבייטען די ליעדער איז גאָר קיין רייד ניט.

מיר מיינען דאָ ניט ראַטהען אימיצען, מען זאָל שוויצען איבער ליעדער. מיר ווייסען: ביי אַ גוטען פּאָעט גיסט דאָס ליעד זיך אויס פון זיך. אָבער ו ו ע ן ס׳האָט זיך שוין אויסגעגאָסען, דאַרף מען עס ערשט בעאַרבייטען, אַרומפּיילען, אַרומרייניגען, אַז ס׳זאָל האָבען אַ פּנים. דאָס האָבען געטהאָן די גרעסטע דיכטער. ליעסין טהוט דאָס ניט.

און דער עיקר: ער האָט ניט דורכגעמאַכט מיט דעם יונגען דור שרייבער די ענטוויקלונג פון אידיש אין די לעצטע יאָהרען. עס איז דאָך צוגעקומען אַזאַ וועלט מיט פאָרמען, אויסדריקע, ריי־מען, ריטמען. ליעסין האָט אָבער די לעצטע צייט אַזוי ווייניג געשריבען... זיין ליעדער־שפּראַך איז כמעט געבליבען די פון צוריק מיט 15 יאָהר. און דאָס איז אַ שאָד.

מיר רעכענען, אַז ס׳איז איצט אויך ניט שפּעט. ווען איהר ליענט איינגע פון זיינע זאַכען אָדער זיינע איבערזעצונגען (פון וואָלט וויטמאַן, פון נעקראַסאָוו, פון טיוטשעוו) האָט איהר די עמפּפינדונג, אַז ער וואָלט ג ע ק ע נ ט זיין אַ שפּראַך־קינסטלער. ער דאַרף נאָר וועלען...

.(1915)

חיים נחמן ביאליק.

I.

ביאליק האט וועניג געשריבען אידישע לידער. זיין הויפט־פעלד איז העברעאיש, וואו ער איז געקרוינט אלס דער מעכטיג־סטער דיכטער און גרעסטער שפראך־מייסטער פון די לעצטע עט־ליכע יאהר־הונדערטע. אין דער אידישער ליטעראטור קומט ער זעלטען, און נאר ווי א גאסט, אויף א ווייל. סך הכל א פאר צעהנדליג לידער האט ער אנגעשריבען לכתחילה אויף אידיש אדער אליין איבערגעארבייט פון העברעאיש. דאס זיינען אבער ווערק פון אזא ריעזיגער פאעטישער בעדייטונג און זיי האבען אזא שטאר־קען רוק געטהאן אונזער אידישע ליריק אויפ'ן וועג פון איהר ענט־וויקלונג, אז וועגען זיי איז נויטיג א בעזונדערע אונטערזוכונג.

א פארשטעלונג וועגען דעם גאנצען ביאליק'ען קענען די געצעהלטע אידישע לידער ניט געבען. אונטערזוכען אלע ביאליק'ס ווערק, כדי צו בעקומען א גענויע כאראקטעריסטיק פון זיין גאנצער שעפפערישער פערזענליכקייט, קען ניט זיין די אויפ־גאבע פון דער איצטיגער אבהאנדלונג. איינס מוז מען אבער גע־דענקען: דאס איז דעם דיכטער'ס פעהיגקייט צו בייטען אלע מאל זיינע שטימונגען און אבצוגעבען זיך יעדער שטימונג אין גאנצען, ביז'ן סוף, ביז'ן גרונד, אזוי אז פון אלע איבעריגע שטי־מונגען זאל קיין אבקלאנג ניט בלייבען.

קוקט איהר אויף ביאליק'ען אין אלגעמיין, קענט איהר זיך ניט בעפרייען פון'ם געדאנק, אז איהר האט צו טהאן מיט אן איבער־מענש. ניט קיין „בלאנדע בעסטיע", אויך ניט קיין אינטעלעקטועלער ריעז, נאר א מענש, וואס איז רייכער אין

געפיהלען איידער יעדער אנדערער. און איבער־מענש פון געפיהלען, און אונגעוועהנליך צארטער און אונגע־וועהנליך שטארקער געפיהלס־אפאראט. דארט וואו מיר, פשוט'ע מענשען, זיינען צופריעדען, איז ביאליק גליקליך; דארט וואו מיר זיינען גליקליך — איז ער אין עקסטאז פון פרייד; דארט וואו מיר זיינען בעטריעבט — איז ער אין א תהום פון פערצווייפלונג. און דאס וואס ביי אונז ערוועקט עקעל — רופט ביי איהם ארויס א שרעקליכע שטורעמדיגע קללה צו אלעס, וואס ס'איז איהם ליעב און טהייער.

עס דארף ניט זיין גרינג צו לעבען, ווען מען רעאגירט אזוי אויף די ערשיינונגען פון דער וועלט. דער דיכטער דארף פיהלען וועט איהר איהם הערען זינגענדיג אזא פערצווייפעלט ליעד, אז זיין דיכטער־מתנה ווי א שווערען יאך. פון דער אנדערער זייט דארף דאס געבען אזא גליק, וואס נאר אויסדערוועהלטע זיינען דערמיט געבענשט.

ביאליק בלייבט ניט שטעהן לאנג אויף איין שטימונג. אט כאפט ער זיך אויף אן אינדערפריה און איז ענטציקט פון ליכט, פער'שכור'ט פון זונען־שיין, איבערפילט, פערפלייצט פון לעבענס־פרייד. ער איז ווי א קינד. ער איז ווי א פויגעל אין דער לופט. ער האט אפילו פערגעסען, אז ס'איז דא ערגעץ טרויער, אומעט, וועהטאג. ער געהט ניט צום ליכט, כדי צו בעפרייען זיך פון'ם חושך, ווי דאס טהוען אנדערע. ניין, ער איז אליין אינ־גאנצען ליכט, אינגאנצען שטראהלען־מוזיק. אין א ווײלע ארום ס'וועט אייך אנכאפען ביים הארצען:

אבי — גלות מרה, אמי — דלות שחורה, —
לא! לא מקלי אפחד, לא התרמיל נורא!
כי מהם אכזרים, מרים שבעתים
חיים בלי תוחלת ובלי אור עינים. *)

---

*) מיין פאטער — דער ביטערער גלות, מיין מוטער — דער פינסטערער דלות; — ניין! ניט פאר'ן וואנדערשטעקען האב איך מורא, ניט די טארבע איז שרעקליך! שרעקליכער פון זיי, ביטערער זיעבען מאל איז לעבען אהן האפנונג, אהן ליכט.

אַט זינגט ער אייך ליעדער פון ווינטער. פול מיט קראַפט. פול מיט שטורעמדיגער גבורה איז דער זינגער. גאַט האַט אַ גאַנצע נאַכט געשמיעדט דעם הימעל מיט זיינע גרויסע האַמערס; קומט אינדערפריה — איז ער בלאַנק, פעסט קלינגענדיג. און דער פראָסט!

אוי, צושפּיעל זיך, פראָסט, מיט וואוט
סמאַליע, שטעך און ברען אין גלות!
גים דייז שטאָהל אין האַרץ ביי מיר,
אויף מיין וואַנס דעם הויך פערפריהר!

און בעשמיעד מיין ברוסט מיט אייזען,
טאָמער וועט זי זיך צורייסען
פון פיעל גבורה און פיעל וואוטה.
הוליע, פראָסט, און ברען אין גלות! *)

שפּעטער אַביסעל דערמאַנט ער זיך וועגען דעם זיידען׳ס שטוב, שטעלט ער זיך פאַר דעם דלות, די וויסטקייט, דעם חשך, דעם אייביגען עלענד. איז ער אינגאַנצען אין דער איינזאַמער שטוב; איז ער אַ חבר צו די צובראָכענע מעבעל, צו די איינגע־בויגענע ווענד, צום מיסט. שרייט ער פּלוצלונג אויס:

לא שניתם מקדמתכם,
ישן נושן, איז חדשה;
קחני, אחי, אל חברתכם!
יחדו נרקב עד נבאשה!**)

ס׳וועט ניט לאַנג דויערען, וועט ער אַרומלויפען מיט אַ יונג מיידעל אין גאָרטען, אין דעם פלאַנטער פון צווייגען, וועט בייסען מיט איהר פון איין עפּעל און ווערען פער׳שכור׳ט פון איהר ריח. און איהר וועט לייענען און וועט גלויבען, אַז קיין שום וואַלקענדעל

*) פון העברעאישען איבערזעצט דורך שניאור און שווארץ.
**) איהר׳ט זיך ניט געענדערט פון אמאָליגע יאָהרען, אלעס אַלט, ניטאָ קיין נייעס; נעהמט מיך, ברידער, פאַר אַ חבר! וועלען מיר צו־זאַמען פוילען, ביז מיר׳ן ווערען פערדאָרבען.

האָט קיינמאָל ניט בעטריבט דעם שטערען פון אָט דעם לוסטיגען זוהן פון די גריכישע געטער.

און אזוי איז ער אויך מיט דער בעציהונג צום אידישען פאָלק. אַלס אַ איד און אַלס מאָדערנער אינטעליגענט, איז ער אויפ'ן ענגסטען אופן פערבונדען מיט'ן גורל פון זיין פאָלק. ער פיהלט מיט איהם, ער ליידט מיט איהם. אָבער ער פיהלט **שטארקער** ווי אנדערע, ליידט **מעהר** ווי אנדערע. קומט אַ צייט: איהם דאכט זיך, דאָס פאָלק האָט געדאַרפט **שטאַרקער** קעמפפען, **מעכטיגער** ארויסווייזען זיין ווילען, ווערט ער פול מיט יאוש. רופט ער אויס אין זיין ביטערען צער:

אכן חציר העם, יבש היה כעץ,
אכן חלל העם, חלל כבד אין קץ,
הוא לא ייקץ אם לא יעירנו השוט,
הוא לא יקום אם לא יקימנו חשוד...

עלה נובל מעץ, אזוב עולה בגל,
גפן בוקק, ציץ מק—היחינו הטל?
גם בתקוע השופר ובהנשא הנס—
היתעורר המת? היזדעזע המת? *)

נאָך אין דעם זעלביגען טאָג אפשר, וועט ער אייך זינגען אַ ליעד פול מיט מוט און גלויבען און האָפנונג. און ער וועט רופען צו זיינע ברידער:

„תלו שמש על ראשכם, תלו שמש“
(„הענגט די זון איבער אייערע קעפּ, הענגט די זון!“)

---

*) ווירקליך, גראָז איז דאָס פאָלק, טרוקען איז דאָס ווי האָלץ; ווירקליך, טויט איז דאָס פאָלק, אַ מת אַ שווערער אָהן אַן עק... ער וועט ניט ערוואכען, אויב ס'וועט איהם ניט וועקען די רוט, ער וועט ניט אויפשטעהן, אויב ס'וועט איהם ניט אויפשטעלען די רויב... אַ פערוועלקטער בלאַט פון אַ בוים, אַ גרעזעל אויף אַ בערגעל מיסט, אַן אויסגעלעדיגטער ווייִנשטאָק, אַ צעדריקטע שפּראָצונג — צו וועט די טוי איהם לעבעדיג מאַכען? ווען מ'וועט אפילו בלאָזען טרומייט און ס'וועט אויפגעהויבען ווערען די פאָהן — צו וועט ערוואכען דער מת? צו וועט אַ ציטער טהאָן דער מת?

נאָך שפּעטער וועט ער בעטען ביי די הימלען, זיי זאָלען מתפלל זיין פאַר איהם ביי גאָט (אויב ס'איז דאָ אַ גאָט אויפ'ן הימעל), ווארים ער אליין — זיין הארץ איז שוין טויט, און ניטאָ שוין קיין תפלה אויף די ליפּען, און אראָבגעלאָזט האָבען זיך די הענד און ניטאָ מעהר קיין האָפנונג — און ביז וואנען נאָך, ביז וואנען וועט דויערען די לייד פון דער אומה! („על השחיטה").

אזוי איז דער דאָזיגער איינציגארטיגער אידישער דיכטער — דער טיעפסטער און פערשיידענארטיגסטער געפיהלס־מענש צווי־שען אלע איבעריגע אידישע ליריקער. און די דאָזיגע פערשיי־דענארטיגקייט, — הגם אין אַ קלענערער מאָס, — צייכענט אויס אויך זיינע אידישע ליעדער.

II.

דאָס גרעסטע און בעדייטענדסטע צווישען זיי איז אָהן אַ צווייפעל „אין שחיטה־שטאָדט" (איבערגעארבייט דורך ביאליק פון'ם העברעאישען אָריגינאל „בעיר ההריגה"). די מענשהייט האָט איבערהויפּט בעשאַפען ווייניג ווערק פון דעם סאָרט ווי די „שחיטה־שטאָדט". די אידישע ליטעראטור האָט ניט נאָך איינעם, וואָס זאָל קענען זאָגען אַזאַ וואָרט.

וואָס איז אזוינס „אין שחיטה־שטאָדט"? עס איז אַ בע־שרייבונג פון קישינעוו נאָך דעם פּאָגראָם פון 1903. עס איז אַ בעשרייבונג פון די געפיהלען, וואָס די פּאָגראָם־בילדער רופען ארויס ביי אַ אידען. איהר קענט, דאכט זיך, די בילדער; איהר האָט אפשר אליין זיי געזעהן. איהר האָט איבערגעלעבט צוזאמען מיט אייער פאָלק דעם צער און צאָרן פון יענע און אנדערע שרעקליכע טעג. אָבער אלע מאָל, ווען איהר עפענט אויף די בלעטער פון „אין שחיטה־שטאָדט", — ווערט אייער זעעל ארומגעכאפּט אויף דאָס ניי ווי מיט אַ פייערדיגען רייף, און עס עפענט זיך פאַר אייך אַ גיהנם.

עס וואָלט כמעט אונמעגליך געווען צו לייענען דאָס ווערק — אזוי נאקעט איז דאָרט די העסליכקייט פון דער הריגה, אזוי דייטליך

איז דארט אנגערופען געווארען ביים נאמען יעדע ווילדע, אונ־מענשליכע טהאט. איהר פיהלט, אקוראט ווי עפעס א שטארקע האנד וואלט אייך אנגענומען ביים קארק און וואלט ארייגעשטעקט אייער פנים אין יעדען ווינקעלע, וואו איהר ווילט ניט קוקען. אייער נשמה רייסט זיך און קארטשעט זיך אין עקעל. איהר מוזט אבער קוקען. די אומדערבארעמדיגע האנד האלט אייך ביים קארק און צווינגט אייך צו זעהן איין טייוועלש בילד נאך דעם צווייטען.

עס וואלט אונמעגליך געווען צו לייענען „אין שחיטה־שטאדט", ווען ניט דאס שטארקע, איבער־מענשליכע געפיהל פון צארן, וואס האט ארומגעכאפט דעם דיכטער און וואס גיט זיך איבער צום לעזער אויף א געהיימניספולען אופן. דאס דאזיגע געפיהל איז שטארקער פון אייער עקעל, שטארקער פון אייער ווידערווילען, שטארקער אפילו פון אייער שמערץ.

„פון שטאהל און אייזען, קאלט און הארט און שטום,
שמיד אויס א הארץ פאר זיך, דו מענש,—און קום,

אזוי זאגט צו אייך דער דיכטער, און ער נעהמט אייך אן ביי דער האנד און ער פיהרט אייך ארויס אויף יענער זייט פון יעדער עסטעטיק, אויף יענער זייט אפילו פון וועהטאג, פון רחמנות. עס בלייבט דער גרויסער צארען, די אונגעוועהנליכע עמפערונג, וועלכע איז אזוי גרויס, אז זי פעראכט שוין ניט דעם הענקער, נאר דעם מארטירער, צוזאמען מיט דעם גאט זיינעם, צוזאמען מיט אלעס, וואס ס'איז איהם הייליג.

די פאעמע פון צארן דערגרייכט איהר העכסטע שטופע, ווען גאט אליין, דער אידישער גאט, ערקלעהרט זיך פאר באנקראט.

א יורד בין איך, גלייך מיט אייך פעראָרימט...
און וועה, און ווינד און וועה אין אלע וועלטען!

ער קען שוין ניט העלפען, דער אלטער גאט, ער קען ניט מאַ־כען גארניט מיט טויטע ביינער. ער קען נאר טרויערען.

אין וואלקען איינגעהילט איהר קאפ — וועט אייביג
מיין אלטע שכינה וויינען שטיל פאר בושה,
און נאכט אויף נאכט וועל איך אראב פון הימעל,
בעווייזען זיך אויף אייער קבר.

אָבער דאָס פּערענטפּערט דאָך ניט די מענשען. זייער גאָט איז שוואַך, ווייל זיי אַליין זיינען לעבעדיגע מתים. זייער גאָט וואָלט געווען אַן „אלהי צבאות", ווען אין זיי וואָלט אַ קראַפט געשטורעמט און איבערגעקעהרט וועלטען.

א פּויסט וואו איז? וואו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָברעכענען פאַר אַלע דורות,
און איינלעגען די וועלט, צורייסען הימלען,
מיין שטוהל, מיין כסא־כבוד, איבערקעהרען!...

זינט די טעג פון די נביאים, זינט יחזקאל האָט גערעדט ווערטער פון צאָרן און עמפּערונג, זינט ירמיה איז געשטאַנען אויף די חורבות פון ירושלים און געזונגען דאָס ליעד פון אונטערגאַנג, זיינען ניט געזאָגט געוואָרען אַזוינע ווערטער, ווי די, מיט וועלכע עס ענדיגט זיך „אין שחיטה־שטאָדט". דער האַס, די פּיין, דער עקעל, די פערצווייפלונג און — ערגעץ טיעף בעהאַלטען — דער אויבער־מענשליכער רחמנות דערהויבען זיך צו אַזאַ אַקאָרד, וועלכער מאַכט ציטערען די ערד און וועט קלינגען פון דור צו דורות:

און איצט גענוג, אַנטלויף, דו מענש, אַנטלויף אויף אייביג!
אין וויסטען מדבר לויף — און ווער משוגע!
צוריים אויף טויזענד שטיקער דיין נשמה
און וואַרף אַרוים דיין האַרץ פאַר ווילדע הינט;
און זאָל דיין טרעהר אַראָבפאַלען אויף הייסע שטיינער,
און דיין געשריי זאָל איינשלינגען דער שטורעם...

„אין שחיטה־שטאָדט" איז דאָס העכסטע און אייביגסטע, מיט וואָס ס'האָט אונז בעשענקט די צייט פון בלוטיגען קאַמפּף און ליידען אין רוסלאַנד... „אין שחיטה־שטאָדט" איז אַ קינד פון דער רעוואָלוציאָן, אָבוואָהל ביאַליק איז קיינמאָל קיין רעוואָלוציאָנער ניט געווען.

שוואַכער ווי „אין שחיטה־שטאָדט", אָבער אויך אַ קאָלאָסאַלער דענקמאָל פון לירישען שאַפען, איז „דאָס לעצטע וואָרט".

דאָס איז אַ טהעמע, וואָס האָט שטענדיג צוגעצויגען דעם אינ־טערעס פון דיכטער: דער נביא איז געשיקט געוואָרען פון גאָט, ער וויל גען היילען וואונדען, בלוטען אין איינעם מיט די ליי־דענדע; ער האָט אַ האַרץ פול ליעבע, ער טראָגט אַ בשורה פון נחמה; ער וויל טרייסטען, בעטען, וויינען, וועקען. ער קומט צום פאָלק — און וואָס געפינט ער?

און אבגעשטויסען איז גאָט'ס האנד,
מיך האָט בעגעגענט שפאָט און שאנד,
איהר האָט פאר מיר די טהיר פערמאכט —
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאכט.

און דאָס ליעד פון'ם נביא פערוואנדעלט זיך אין אַ גליהענדען האַס, און דאָס וואָרט פון טרייסט אין אַ ביטערע, פערניכטענדע קללה.

די טעמע איז ניט ניי, אָבער ביי אונז האָט ביאַליק דער ער־שטער זי אריינגעטראָגען אין דער ליריק, און דער ערשטער האָט ער געפונען פאר איהר אַ פאסענדע פאָרם. עס איז דאָך מער־קווירדיג, וואָס מיר, אידען, אזוי אָנגעזאָפּט מיט די נביאים, ער־צויגען פון קינדוויַיז אויף ישעיה און ירמיה און יחזקאל און עמוס, האָבען אזוי וועניג געפּרופט שרייבען אין זייער טאָן און זייער גייסט. זאָל דאָס זיין דערפאר, וואָס מיר זיינען געוועזען צו נאָ־הענט און צו שטאַרק געפיהלט די שעהנקייט און די גרוים־קייט פון די אַלטע?

אין אזוינע ווערק, ווי „אין שחיטה־שטאָדט“ און „דאָס לעצ־טע וואָרט“ שטעהט ביאַליק אינגאנצען אָבגעזונדערט פון די אי־בעריגע אידישע דיכטער. ער רעדט גאָר מיט אַן אנדער שפּראַך, ווי זיי, האָט אַנדערע זעהונגען, פיהלט אַנדערע געפיהלען. אין די איבעריגע ליעדער איז ער שוין נעהענטער צו דעם, וואָס מיר פער־שטעהען געוועהנליך אונטער'ן וואָרט „דיכטער“. ער ווערט גע־ריהרט פון די זעלביגע עמפּפינדונגען, אינטערעסירט זיך מיט די זעלביגע זאכען פון דער אויסען־וועלט. אָבער אויך דאָ פיהלט איהר, ווי פערשיידען ער איז פון זיי אַלע.

פאַראַן ביי איהם אַ „פרעהליכס“, אַ טאַנץ פון פערצווייפעלטע, אַ טאַנץ צו פערגעסען די אייביגע צרות. עפּעס ווי אַ מין ווירבעל־ווינד נעהמט אַרום דעם עולם. עפּעס פערוואַנדעלט זיך זייער וועהטאָג אין אַ ווילדע וואַקראַאַליע.

וואו אַ טראָפּען גאַל פערבאָרגען,
וואו אַ וועה און וואו אַ וואונד—
אויסגעטאַנצט מוז דאָס היינט ווערען
ביז צום סוף און ביז צום גרונד!

שנעלער, ראַשער דרעהט זיך דאָס רעדעל. האַסטיגער, אומרוהיגער די בעוועגונגען. און עפּעס ווי אַ ביטערער חוזק קלינגט שוין צווישען די טענצער, אַ חוזק איבער זיך, איבער דער וועלט, איבער דעם אייגענעם טאַנץ. און ווידער קעהרט זיך אום די אַלטע פערצווייפלונג. אַבער ניין! מען טאָר זי ניט דערלאָזען. מען דאַרף זיין שטאַרק.

נישט איין טראָפּען צום ערקוויקען,
אויסגעטריקענט ווי אַ קוואַל —
וואָס זשע שמאַכט איהר? נעהמט דעם בעכער,
גיסט איהם אָן מיט גרינגער גאַל.

אויסגעזופּט—און נישט פערקרימט זיך,
נישט קיין ציטער אין די הענט!
זאָל אַ קרענק דער שונא וויסען,
וואָס אין האַרצען בראָט און ברענט.

און עס איז אַ בעזונדערע פרייד אַריבערצוטראָגען פון אַזאַ ליעד צו „אונטער די גרינינקע בוימעלעך“, מיט'ן ליעבען, האַרציגען אויסגעשריי: „אוי, מיר זאָל זיין, אידישע קינדערלעך, פאַר אייערע כשר'ע אויגעלעך“. איהר רוהט זיך אָב. איהר דערפיהלט, אַז דער דיכטער איז אַזאַ מענש ווי איהר. ער קען זיין גליקליך פון די זעלבע איינפאַכע זאַכען, וואָס איהר. און ערשט ווען איהר פערגלייכט אָט די יונגע, מונטערע ליעדער מיט דעם גיהנם, וואָס איהר זייט דורכגעגאַנגען „אין דער שחיטה־שטאָדט“ אָדער אין

„לעצטען ווארט“, האט איהר א פארשטעלונג וועגען דעם שוואונג פון דעם דיכטער׳ס נשמה.

איהר קעהרט איבער א בלעטעל און געפינט „מיין גארטען“— און איהר זעהט פאר זיך א מענש, וואס טראכט שוין קיין זאך ניט, פיהלט קיין זאך ניט, וויל פון גאר ניט וויסען, א חוץ די פרוכט פון זיין גארטען: ווייכשעל, בארען, עפעל, פלוימען. הייגט פער־שקעס!

איינמאל פערשקעס!
פוכלע, העריג, פריש און איידעל,
פונקט ווי קיילעכדיגע בעקלעך
פון א פופצעהן־יעהריג מיידעל...

ער האט ליעב צו ליגען אין גארטען, אונטער׳ן ברייטען באַ־רענבוים, הערען דאס געזאנג פון די פויגלען, זיך אבגעבען דער ר י י ן ־ פ י ז י ש ע ר תאוה פון ליכט און ווארימקייט און גע־דאנקענלאזיגקייט.

טהוט זיך נאר דער בוים א טרייסעל —
באלד צולויפט זיך אויף דעם שאטען,
גיך ווי מייזלעך, פלעקען גאלד —
און איך ווער מיט זיי בעשאטען...

און זיי פלאנטען זיך אין בארד,
און זיי קריכען אין די אויגען,
קיצלען, ראנגלען זיך — פרעגט וואס?
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען.

אט די פעהיגקייט צו פערוואנדלען זיך יעדעס מאל אין אן אנדער מענשען און צו אויסלעבען אינגאנצען, ביז׳ן לעצטען טראפען, יעדע עמפפינדונג — צייכענט אוים ביאליק׳ען צווישען אלע אידישע דיכטער.

III.

ביאַליק׳ס אידישע לידער זיינען אי שוואַכער, אי שטאַר־קער פון זיינע העברעאישע. שוואַכער זיינען זיי צוליעב דעם, וואָס אין אידיש פעהלט ביאַליק׳ען דער בעזונדערער גלאַנץ, די אויסגעאיידעלטקייט, די בעה׳חנ׳טקייט פון דער שפּראַך, וואָס ער האָט אין זיין העברעאיש. די העברעאישע שפּראַך איז אפשר איבערהויפּט מעהר צוגעפּאַסט פאַר פּאָעזיע, איידער אידיש. זי פערמאָגט אַ פּאָעטישע קולטור פון טויזענדער יאָהרען. דעריבער אַז עס קומט אַ גרויסער דיכטער און ריהרט זיך צו צו איהר מיט זיין מייסטער־האַנד, קען זי זינגען פיעל שעהנער, איידער איהר אינגערע שוועסטער. ווידער האָט ביאַליק איבערהויפּט זיך פערנומען מיט העברעאישער דיכטונג מעהר ווי מיט אידישער. אויף אידיש וועט איהר ביי איהם ניט בעגעגענען אַזוינע שמעקעדיגע פּאָעטישע שורות, ווי אַ שטייגער זיין „פעמי אָביב“:

עוד לא פרצו הנגינות, אין עוד צלצלי תרועה,
מאליה תתפשט שירה זכה וצנועה,
אורות רבים כמו בוקעים ועולים...

פון דער אנדערער זייט אָבער איז אין העברעאיש גרעסער די געפאהר פון מליצה, פון נוצען ווערטער ניט צוליעב זייער אינהאַלט, נאָר צוליעב זייער שעהנעם קלאַנג. זעהען מיר טאַקע, אַז אפילו ביאַליק, מיט זיין גרויסען חוש צו דער שפּראַך, האָט זיך אויך ניט פערהיט פאַר מליצה, פאַר בראַקען „פסוקים וחצאי פסוקים“, פאַר „כפל הדבר במלים שונות“, ווי דאָס איז נאָר מעגליך אין העברעאיש (פערגלייך: „הוי, גמולי מחשך עתיקי מאמש“ אין דעם ליעד „עם שמש“, אָדער די אויבענגעבראַכטע ווידערהאָלונג פון איין בעגריף אויף פיער פערשיעדענע אופנים: „עלה נובל מעץ, אזוב עולה בגל, גפן בוקק, ציץ מק“ אין דעם פראַכטפאָלען ליעד „אָכן חציר העם“).

אין אידיש בעגעגענט זיך דאָס ביי ביאַליק׳ען זעלטענער, אי־בערהויפּט זיינען זיינע אידישע לידער לויט זייער גאַנצען טאָן

נאטירליכער, ווי זיינע העברעאישע. דעריז איז זייער שטארקייט. ווי שעהן עס זאל ניט זיין די העברעאישע פאעזיע, פיהלט איהר דאך, אז ס'איז געקינסטעלט, ניט נאטירליך, ווייל דאס פאלק רעדט דאך ניט אויף דער שפראך. דאס ארט וועניג, ווען איהר האט פאר זיך ליעדער אויף די מאטיווען פון נביאות, ווייל העברעאיש איז דאך די אורשפרינגליכע שפראך פון די נביאים. דאס שטערט אבער דעם איינדרוק, ווען ביאליק וויל, א שטייגער, שרייבען פאלקס-ליעדער אויף העברעאיש. קומט ביי אייך אוים, אז דענקען דענקט ער טאקע אויף אידיש, נאר ער איבערזעצט דאס אויף העברעאיש. דענקט איהר זיך: צוליעב וואס?

אין אידיש זיינען אזוינע אוננאטירליכקייטען ניט מעגליך. אמת, דא טרעפט שוין אמאל דער היפך: איהר מערקט אן איבערזעצונג פון העברעאיש. אזוי איז צ. ב. די סטראפע צום שלום פון „לעצטען ווארט":

איצט געה ארוים
צום טעפער'ס הויז און קויף א טאפ
און טהו א ווארף"...

פאר דעם, וואס קען ירמיהו קאפיטעל י"ט, איז דאס א שטארקע בילד, פאר דעם וואס קען ניט — איז דאס בילד און די האנדלונג אונפערשטענדליך.

אבער אזוינע פעהלערען בעגעגענען זיך ביי ביאליק'ען זעלטען. זיין אידישע שפראך איז קלאר, שטארק, נאטירליך, און דערביי פאלקסטימליך דורך און דורך.

דאס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען איז ביאליק'ס שאפען. דאכט זיך, ער האט געטהאן מיט דער אידישער שפראך אזוינס, וואס קיין אנדער דיכטער האט נישט געטהאן. ער האט זי איינגעשמיעדט אין שטאהל און אייזען; ער האט זי געלאזט קלינגען מיט א מעכטיגער קראפט, מיט א לייךדענשאפטליכען פאטאס; ער האט אין איהר געפונען אזוינע ווירדיגע, ערהאבענע אויסדריקען, וואס מ'האט זיך גאר ניט געגלויבט, אז אידיש זאל דאס בעזיצען. ער האט געלאזט הערען אין אידיש

אַ שטימע פון נביאים. און אין דער זעלביגער צייט פערלירט ניט זיין שפּראַך איהר נאָהענטקייט צום פאָלק, איהר פ אָ ל ק ס־ ט אָ ן.

אין מיטען דער העכסטער פערצווייפלונג, אין דער טראַגיש־סטער סצענע פון דער „שחיטה־שטאָדט", שרייט גאָט אויס „און וועה; און ווינד און וועה אין אַלע וועלטען" — און טאַקע ווייל די ווערטער זיינען אַרויסגענומען פון'ם פאָלק'ס מויל, און ווייל זיי זיינען אַזוי איינפאַך און אַזוי נאַטירליך, ערשיטערען זיי מיט אַ בעזונדערער קראַפט. און דאָס אייגענע מיט די צוויי פשוט'ע שורות אין „לעצטען וואָרט":

„און איהר וועט חלש'ען דעם טויט
און בענקען וועט איהר נאָכ'ן לעבען", —

וועלכע מאַכען אַ טיעפערען איינדרוק, איידער אַלע איבעריגע קללות (איבערהויפּט איז „דאָס לעצטע וואָרט" צו לאַנג, צופיעל מאָל ווערט דער אייגענער געדאַנק איבערגע'חזר'ט אויף פערשיעדע־נערליי אופנים; ווען דאָס ווערק וואָלט געווען קירצער, וואָלט עס געווען פאָלקאָמענער).

ביאַליק בעזיצט די פעהיגקייט צו ריידען פאָלקסטימליך — אָהן אַ שפּור פון בדחנות; צו ריידען ערנסט — און דערביי אויף אַ ריינעם פאָלקס־אידיש, מיט דער גאַנצער לעבעדיגקייט און זאַפ־טיגקייט פון דער שפּראַך.

אָט איז אַ סטראָפע פון זיינעם אַ ליעד: „גלוסט זיך מיר וויינען". זאָגט ער דאָרט צו די אידען:

דורכשלאָגען זאָלען זיך אייערע טרעהרען,
גרינגער זאָל ווערען און פרייער זאָל ווערען —
אפשר, ווער ווייסט, וועט נאָך גאָט אַמאָל געבען!
איבערגעהן וועלען די פינסטערע צייטען,
אויף אונז וועט אפשר געראַטען, ווי לייטען,
בעסערס און שעהנערס דערלעבען.

ביאַליק האָט זיך ניט געשטעלט קיין ציעל: בעאַרבייטען, קולטיווירען אידיש. ער האָט איבערהויפּט ניט גערן געשריבען אויף אידיש. די שפּראַך איז ביי איהם געווען ניט מעהר ווי אַ

מיטעל צו זאָגען, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען. אָבער ווייל די שפּראַך האָט זיך גענויזט צופּאַסען אונטער זיינע הענד צו זיין גייסט און זיין שוואונג, דעריבער האָט ער ניט ווילענדיג זי אויפגעהויבען אויף אַ העכערער מדרגה, איהר געהאָלפען אויפ׳ן וועג פון איהר ענטוויקלונג. וואָרים ווי זאָגט בעל־מחשבות: „ביי דעם פּאָעט איז די שפּראַך, ווי לייהם ביי דעם סקולפּטאָר: ריהרט ער זיך נאָר צו איהר צו, מוז זי שוין ווערען עפּעס אַנ־דערש, מוז זי שוין בעקומען אַ פאָרם. ביאַליק האָט אויך דער אידישער שפּראַך געגעבען זיין פאָרם, האָט אויך אין איהר אַריינגעלעגט אַ שטיק פון זיין גבורה“...

.(1915)

יהואש.

I.

דארף א דיכטער פיהלען?

עס קען זיך אויסדאכטען, אז די פראגע איז איבעריג. א דיכטער — דאס איז דאך, לויט דער אלגעמיינער פארשטעלונג, א מענש פון געפיהלען. א דיכטער, רעכענט מען, האט אן ערע־לערע, צארטערע, עמפפינדליכערע נשמה, איידער א דורכשניטס־מענש. דערצו איז ער בעגאבט מיט דער פעהיגקייט אויסצודריקען די בעוועגונגען פון זיין נשמה אין הארמאנישע ווערטער, וואס זאלען געפינען אן אבקלאנג ביי אנדערע מענשען. הכלל — א דיכטער: דאס איז א פערקערפערטעס געפיהל, א פערסאניפי־צירטע עמפפינדונג.

צו איז דאס טאקע אזוי?

געווים איז דאס ריכטיג בנוגע צו ל י ר י ש ע דיכטער. א ליריקער הויבט דאך געוועהנליך אן זיין ליעד מיט „איך" און „מיין" און „מיר". ווען א ליריקער בעשרייבט אפילו אן אביעקטיווע ערשיינונג, זעהט ער זי אויך נאר דורך דער פריזמע פון זיין גע־פיהל. ווען ער דערצעהלט אן אויסוועניגסטע געשעהעניש, איז איהם ניט אזוי וויכטיג דער פאקט אליין, ווי דער געפיהלס־נאכ־קלאנג, וואס ער רופט ארויס. „נשמות דאזלין ערטילאין" — הוילע, ציטערדיגע, קלאנגען־רייכע און קלאנגען דורשטיגע מענשען־זעע־לען וואלט מען געדארפט אנרופען די לירישע דיכטער.

אבער אויך דא דארף מען געדענקען, אז ס'איז דא אן אונ־טערשיעד צווישען דעם ג ע ד י כ ט ע ט ע ן געפיהל און דעם

געפיהלטען געפיהל. ווען א דיכטער דערצעהלט, ווי ער שטעהט ביים בעט פון זיין שטארבענדען קינד, איז דא ניטא דאס אורשפרינגליכע געפיהל וויעס איז (ווארים דער דיכטער וועט זיך דאך ניט אוועקזעצען דערצעהלען זיינע געפיהלען פונקט אין דעם מאמענט, ווען זיין קינד ליגט ווירקליך אויפ'ן טויטען בעט), נאר מיר האבען דא א פארגעשטעלטעס (אימא־גינירטעס) געפיהל, העכסטענס די עראינערונג פון א געפיהל. ווען לערמאנטאוו דערצעהלט אין „מצירי" די עמפפינ־דונגען פון א פרייהייטס־דורשטיגען מאנאך, וועלכער האט זיך ארויסגעריסען פון זיין קאמער אויף דער פרייער ווילדער וועלט, — איז דאך קלאר, אז ער, לערמאנטאוו, שטעלט זיך נאר פאר די געפיהלען און שטימונגען פון אזא מענשען, און ווען אברהם רייזען — אום צו נעהמען א נעהענטערען ביישפיעל — שרייבט דאס ליעד פון דעם ישיבה־בחור: „מאי קא משמע לן דער רעגען", פערשטעהען מיר, אז ער פאנטאזירט זיך נאר דעם ישיבה־בחור מיט זיין צואוועהטאגטער הארץ, אז ער פרואווט זיך נאר אריינלעבען אין יענעמ'ס געפיהלען.

מען קען זאגאר געהן נאך ווייטער און זאגען, אז אין דעם גרעסטען טהייל לירישע ליעדער האבען מיר נאכגעפיהלטע געפיהלען, נאכעמפפונדענע זעעלען־בעוועגונגען. א געפיהל, אין דעם מאמענט, ווען עס בעהערשט א מענשען מיט פול־לער קראפט, איז דאך שטום. ווען דער דיכטער נעהמט זיך שוין צו דער טעכניק פון ווערטער און ריימען און ריטמען און סטראפען, האט ער שוין נאר א פארשטעלונג אדער אן עראי־נערונג פון דעם געפיהל. אפילו ביאליק, ווען ער האט גע־שריבען זיין „בעיר ההרגה" („אין דער שחיטה־שטאדט"), האט ער שוין ניט געהאט דעם אורשפרינגליכען צער און צארן, וואס ס'האבען אין איהם דערוועקט קישענעווער גאסען. ס'איז געווען מעהר נאכעמפפינדונג.

אבער די דאזיגע אונטערשיידונג צווישען געדיכטעטען און געפיהלטען געפיהל איז פאר אונז דא ניט פון גרויסער בעדיי־טונג. צוליעב איינפאכקייט קענען מיר אננעהמען, אז דער לירי־שער דיכטער פערקערפערט אין ווערטער זיינע אייגענע

געפיהלען. אין אמת'ען האָט דאָך לערמאָנטאָוו געמוזט האָבען אַ גרויסע קרובה'שאַפט מיט דעם אַנטלאָפענעם מאָנאָך, און רייזען מיט דעם פערטראַכטען ישיבה־בחור, כדי זיי זאָלען קענען אַנשרייבען אַזוינע ליעדער. אין אמת'ען האָט ביי ביאַליק'ען איבערהויפּט געמוזט ברויזען און זידען אַ קוואַל פון צאָרן און וועה, כדי ער זאָל קענען אַנשרייבען „בעיר ההרגה". אויב אַזוי קענען מיר דורכלאָזען די ווייטערדיגע פאַנאַנדערטהיילונגען און זאָגען איינפאַך, אַז אַ ליריקער אָביעקטיווירט זיין אייגענע נשמה.

אָבער צו דאַרף יעדער דיכטער זיין אַ ליריקער?

אויב מיר וועלען דערויף ענטפערען „יאָ", דאַן מעגען מיר פערמאַכען יהואש'ס ביכער, דאַן האָבען מיר מיט איהם ניט וואָס צו טהאָן. מיר וועלען איהם פּשוט ניט קענען אַריינרעכענען אין צעטעל פון די דיכטער. וואָרים ניט קוקענדיג אויף די פיעלע בענד און די פיעלע הונדערטער פערשיידענאַרטיגסטע ליעדער, וואָס יהואש האָט אָנגעשריבען, בלייבט דאָך זיין אייגענע נשמה פאַר אונז אַ פער'חתמ'עטער בוך. יהואש די אינדיווידואַליטעט דריקט זיך כמעט קיינמאָל ניט אויס אין זיינע ליעדער.

זאָל מען מיך ניט פאַלש פערשטעהן. יהואש דערצעהלט דוקא ניט זעלטען וועגען געפיהלען. ס'איז דאָ אין יהואש'ס ווערק אַ גאַנצע גאַמע פון רייכע אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען, — פון לייכטער בעפליגעלטער פרייד, ווען דער דיכטער זיצט מיט דער געליעבטער אין שליטען און די פערד טראָגען זיך „אין לאַנד פון די טרוימען", ביז טיעפען שמערץ, וואָס האָט זיך איינגעגעסען אין זיין הארץ „און איינגעפלאַנצט דאָרט קרייטער ביטערע"; פון ענטציקטער ליעבע צום קראַנקען שלאָפענדען קינד, ווען דער פאָטער האָט „צום ערשטען מאָל אין יאָהרען פיעל געמורמעלט אַ געבעט", ביז געזעלשאַפטליכער עמפּערונג איבער די ליידען פון אַ גאַנצען פאָלק און ביז די אַלגעמיינע פראַגען פון „וועלט" און „לעבען" און „גאָט". יהואש דערצעהלט פיעל וועגען מענשליכע איבערלעבונגען, און צייטענווייז געברויכט ער אויך דאָס וואָרט „איך". אָבער אַלע מאָל האָט איהר די עמפּפינדונג, אַז דאָס איז ניט דער ריכטיגער, דער ענדגילטיגער יהואש. עס פעהלט אייך דער לעצטער

צוטריט צום דיכטער'ס נשמה. עס פעהלט דאס, וואס איז ביי איהם ניט געמיינזאם מיט אנדערע מענשען. עס פעהלט דעם דיכטער'ס איינציגעס און אייגענארטיגעס, וואס קען זיך ניט ווי־דערהאלען און וואס גיט דער ליריק א בעזונדערען אראמאט און א בעזונדערען קלאנג.

אין וואס בעשטעהט אט דאס „איינציגע"? עס איז דער־רויף פונקט אזוי שווער צו ענטפערען, ווי אויף דער פראגע: אין וואס בעשטעהט די אייגענארט פון אייער פריינד'ס שטים. פאר אייך איז די דאזיגע שטים אן אונפעהלבארע רעאליטעט, אן איינ־ציגארטיגע ערשיינונג, וואס איהר וועט אונטערשיידען צווישען טויזענדער, הגם איהר קענט זי ניט דעפינירען מיט ווערטער. פאר אייך איז דעם ליריקער'ס איינציגער קלאנג פונקט אזא מין זיכערע רעאליטעט, כאטש צוגליעדערען און אנאליזירען זי איז פאר אייך ניט מעגליך. איהר פיהלט דאס פשוט, איהר ווייסט דאס, איהר דערקענט דאס — אט דאס איז לערמאנטאוו, אט דאס איז ביאליק, אט דאס איז וואלט וויטמאן, אט דאס איז טאגאר. אט דאס איז זייער בעזונדערער אטהעם און זייער בעזונדערער טאן.

און דאס פעהלט ביי יהואש'ען.

דאס וויל ניט זאגען, אז איהר וועט איהם ניט אונטערשיידען פון אנדערע. יהואש'ס שפראך און יהואש'ס מאניר זיינען זיינע אייגענע. אפטמאל זיינען אויך די טהעמען אזוינע, וואס בעגע־גענען זיך ניט ביי אנדערע דיכטער. יהואש'ען וועט איהר דוקא דערקענען, ווי איהר דערקענט א פובליציסט לויט זיין אייגענעם סטיל און ריטם און שפראך. אבער דאס וועט אייך נאך אלץ ניט זיין קיין בעווייז, אז יהואש ערשיינט אין זיינע ליעדער מיט זיין אייגענער, איינציגארטיגער נשמה.

אונז דאכט זיך, אז ס'איז דא צוויי יהואש'ס: איינער אן אייגענער, זיינער, דער אנדערער אן אפיציעלער. דער ער־שטער איז טיעף בעהאלטען און איינזאם. ער היט זיך צו דער־צעהלען דאס אינטימע, וואס איהם מאטערט יעדע מינוט. ער איז א שווייגער. דער צווייטער ווייסט זעהר פיעל פון מענשען און לעבענס איבערלעבונגען און דערצעהלט וועגען דעם דוקא

זעהר גערן, דערצעהלט מיט זיין אייגענער שפּראַך און אויף זיין אייגענעם שטייגער. דער ערשטער ליגט דערביי טיעף הינטען און הערט און שווייגט. ער אליין קלינגט זעלטען דורך דורך דעם צווייטענ׳ס טענער.

II.

וואָס זשע: איז יהואש, הייסט עס, ניט קיין דיכטער?

ניין. אזא אויספיהר וואָלט געווען לחלוטין פאַלש. יהואש איז נאָר ניט קיין ליריקער אין׳ם אויבען־דערמאָנטען זין. יהואש ענטפּלעקט ניט זיך אליין. יהואש׳ס דיכטונגען זיינען ניט אַ פּראָצעס פון זעלבסט־ענטוויקלונג פון זיין אייגענער פּערזאָן.

אָבער דאָס איז אויך ניט נויטיג, כדי מיר זאָלען האָבען אַ ריכטיגען דיכטער. שטעלט אייך פאָר אַ מענשען מיט אַ גוט־ענטוויקעלטען אינטעלעקט, מיט אַ לעבעדיגער בעאָבאַכטונגס־קראַפט, מיט אַ פעהיגקייט צו פערשטעהן די בעוועגונגען פון מענש־ליכע נשמות. שטעלט אייך פאָר, אַז דער מענש בעזיצט אַ שעהנע בעגאַבונג צו דערצעהלען, וואָס ער האָט אויסגעפונען אין דער וועלט, און אז ער קלייבט אויס דאָס וויכטיגע, דאָס אינטערעסאַנטע, דאָס ווערטהפולע פון׳ם לעבען און דריקט אויס אין קלאַנגפולע ליעדער.

וואָס זשע? וועט דער מענש ניט זיין קיין דיכטער? וועט ער ניט ווירקען אויף אייער פאַנטאַזיע, אויף אייער איינבילדונגס־קראַפט, אויף אייערע געפיהלען? וועט איהר ניט לייענען מיט אינטערעס און אָפט מיט דאנקבאַרקייט אלצדינג וואָס ער דער־צעהלט אייך?

אזוינער איז יהואש. איהם פעהלט נאָר די צויבער־קראַפט צו ריידען פ ו ן ה א ר ץ צ ו ה א ר ץ. איהם פעהלט דער שליסעל, וואָס עפענט ווי דורך אַ געהיימען כח די מענשליכע נשמות. ער מוז פריהער אריינגעהן א י ן א י י ע ר מ ח, אין אייער פאַנטאַזיע, אין אייער פאָרשטעלונג — און ערשט פ ו ן ד אָ ר ט ע ן אין אייער הארצען.

אבער דאס פערקלענערט ניט זיין ווערטה און בעדייטונג אלס דיכטער.

יהואש זאגט ניט „א י ך פיהל", נאר „מ ע ן פיהלט". יהואש מעג אפילו שרייבען: „א י ך האב איבערגעלעבט", פערשטעהן וועט איהר עס שטענדיג אזוי, אז „ע ס טרעפען ביי מענשען אזוינע איבערלעבונגען". יהואש וויל אפילו ניט אי־בערצייגען אייך, אז דאס זיינען זיינע אייגענע לעבענס־מאמענטען.

ביי ערצעהלער, ביי נאוועלען־שרייבער זיינען מיר געוואוינט צו אזא ארט שאפען. מיר רופען דאן די שרייבער א ב י ע ק ט י ו ע ערצעהלער. מיר אונטערשיידען זיי פון ל י ר י ש ע ערצעהלער. ביי דיכטער־קלאסיקער געפינען מיר אויך אפט אזא אביעקטיוויטעט. דאנטע אין זיין „געטליכער קא־מעדיע" איז א דיכטער־ערצעהלער. ער האט בעשאפען א פאנ־טאסטישע וועלט לויט דעם גלויבען און די פארשטעלונגען פון זיין צייט — און ער וויקעלט זי פאנאנדער פאר אונזערע אויגען. ער בלייבט דערביי ריינער מייסטער, ריינער אביעקטיווער שעפפער.

דאס אייגענע ביז א געוויסען גראד — אין געטהע'ס ליריק.

מיר, מאדערנע מענשען מיט צוריטעלטע נשמות, זוכען אב־קלאנגען, נאכקלאנגען, אקארדען. אונז איז וויכטיג די סטרונע, וואס ציטערט איין סעקונדע אויף איהר בעזונדערען אופן און פער־קלינגט. מיר ווילען כאפען די נשמה פון יעדער פערבייאיילענ־דיגער ערשיינונג; מיר געהען צו צו א דיכטער און ווילען אויס־זויגען איהם אליין, דאס בלוט פון זיינע אינטימסטע געפעסען.

יהואש לאזט אונז ניט צו. יהואש איז אביעקטיוו. יהואש איז קלאסיש־אויסגעהאלטען און קלאסיש־קלאר. יהואש ווייזט אונז א וועלט און צווינגט אונז אויפצונעהמען א וועלט. אבער די וועלט איז אן אביעקטיווע, אונזערע פונקט אזוי ווי זיינע.

יהואש איז דער אינטעליגענטער אינ־טערפרעטאטאר פון דעם מאדערנעם גע־פיהל־פולען מענשען.

ער האט אין זיך אלצדינג, וואס אן אויפגעקלעהרטער אינטע־ליגענט פון היינטיגער צייט פערמאגט. ער האט א פראגרעסיווע וועלט־ און לעבענס־אויפפאסונג און א בעזונדערען אינטערעס צו

די פּראָבלעמען פון׳ם מענשליכען דענקען; ער האָט אַ חוש צו געזעלשאַפטליכע פראַגען און אַ מיטגעפיהל צו די קעמפּפען און שטרעבונגען פון די פאַרטגעשריטענע סאָציאַלע קרעפטען. ער אינטערעסירט זיך מיט דראַמאַטישע קאָנפליקטען און איבערלע־בונגען אין דער נשמה פון׳ם יחיד און ווייסט צו שעצען די טיעפע פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען. ער האָט ליעב צו בעאָבאַכטען די נאַטור און געפינט אין איהר אַ קוואַל פון פערגעניגען. ער ווענדט זיך אָפּט צו דער געשיכטע און זוכט דאָרט אויס אינטערעסאַנטע, אָפטמאָל פּאַקענדע מאָטיווען. און וואָס ער זעהט און הערט און פערשטעהט, פערקערפּערט ער אין לידער. די לידער זיינען לויט זייער אינהאַלט רייכער און פערשיעדנאַרטיגער און בעלעהּ־רענדער, איידער די ווערק פון אנדערע אידישע דיכטער. די פאָרם איז אַן אויסגעהאַלטענע, די ריטמען — פערשיעדנאַרטיג.

די לידער זיינען נאָר ניט קיין נר־תמיד צום אנדענקען פון א י י ג ע נ ע ליידען און זוכענישען און וועהען.

מיר האָבען אויבען געברויכט דאָס וואָרט „פּובליציסט“. דאָס איז ניט געווען צופעליג. שטעלט אייך פאָר אַ צייטונגס־שרייבער, וואָס איז פערפליכטעט צו שרייבען יעדען טאָג אַ לייט־אַרטיקעל פאַר זיין צייטונג. זאָל דער מענש זיין אַ ז אַ מ ת ׳ ע ר פּובליציסט, דאָס הייסט אַ מענש מיט אַ ו ו י ר ק ל י כ ע ן אינטערעס צו געזעלשאַפטליכע פראַגען און מיט אַ פעהיגקייט צו ווערען בעריהרט פון יעדער געזעלשאַפטליכער פּאַסירונג, איז וואָס ער וועט שרייבען, וועט עס זיין אויפריכטיג, וועט זיין זיין טיעפע איבערצייגונג. אָבער דאָך וועט איהר זאָגען, אַז ער איז אַ פ ר אָ־פ ע ס י אָ נ ע ל ע ר ש ר י י ב ע ר. ער איז מ ח ו י ב זיך אָב־צורופען אויף אַלצדינג, צו ער וויל, צו ער וויל ניט.

יהואש איז אַזאַ פּראָפעסיאָנעלער דיכטער. ער פערצייכענט אַלצדינג, וואָס עס בעגעגענט זיך איהם אין לעבען. זיינע טהעמען זיינען אזוי רייך, ווי זיין לעבענס־ערפאַהרונג. אַלעס צוזאַמען בילדעט די טיפּישע אינוועניגסטע וועלט פון אַ היינטיגען אינ־טעליגענט.

III.

ס'איז דא ביי יהואש'ען א ליעד „שטערען־שימער". דארט דערצעהלט ער, ווי יעדע נאכט, איידער ער לעגט זיך, טרינקט ער זיך אן מיט דער שטילקייט פון די שטערען, ווי מיט א זיסען שלאף־געטרענק. ער זאגט נאכדעם:

ס'אויג מיינס שעפט גערדאנקען נייע
פון דעם גאלד־בעשפריצטען תהום,
און די זעעל זיך קלעהרט און רייניגט,
טובל'ט זיך אין בלאהען שטראם...

פריהער „נייע געדאנקען" דורך דעם אויג'ס קוקען; נאכ־דעם ערשט די נשמה. דאס איז העכסט כאראקטעריסטיש פאר יהואש'ען. דאס איז יהואש.

די גאנצע וועלט — מאטעריאל פאר בעטראכטונג, פאר רע־פלעקסיע.

ווען יהואש רעדט וועגען א דיכטער, וואס האט ניט קיין טאלאנט („וואו גלויבען העלפט ניט"), זאגט ער, אז ס'פעהלט איהם „א זאמד טאלאנט — א טריף פון מח־זאפט" (ניט א טריף פון הארצענס־בלוט, נאר א טריף פון „מח־זאפט"). ווען דער דיכטער דערפיהלט איינמאל די נשמה פון'ם אלטען בוים און שפירט א מערקווירדיגע נאהענטקייט צו דעם דאזיגען נייעם פריינד, דערצעהלט ער:

און דאן האב איך צום ערשטען מאל
דערהערט, ווי ס'רעדט דער בוים...
דערהערט, ווי ס'פרעגט דער בוים
ביי מיר די סודות פון דער מענשען־וועלט...
דערהערט, ווי ס'זוכט דער בוים
א פריינדליך ווארט צו זאגען מיר...

בעמערקט: פריהער פאר אלץ וויל דער בוים וויסען „ד י סודות פון דער מענשען־וועלט". נאכדעם ערשט זאגט ער דעם דיכטער א פריינדליךווארט.

עס איז דעריבער פערשטענדליך, וואס די גרעסטע קללה אין יהואש'ס אויגען איז — זעהן די וועלט קאפויר, ניט קענען זי אויפ־נעהמען ריכטיג.

ער האט אמאל, דערצעהלט ער, שמערץ געזוכט, נאך א טראַ־פען קומער־טהוי געבענקט. זיין בעגעהר איז ערפילט געווארען. געקומען דער שמערץ, אבער ניט סאמעט־ווייך, נאר „אבגעצעהרט און ביינערדיג און בלייך".

געקומען איז דער שמערץ אכזריות'דיג
און האט מיך ווי זיין קרבן אנגעבליקט,
זיין אטהעם איז געוועזען מתים־הויך,
און באלד מיר האט זיין האנד די ברוסט צופליקט...

און איינגעפלאנצט דארט קרייטער ביטערע,
וואס האבען מיך פערגיפטעט און אלץ ארום
און אנגעשטעלט דארט שפיגלען טייוועלשע,
וואו ערד און הימלען שפיגלען זיך אב קרום.

(„דעם לעבען'ס בשמים").

פאר יהואש'ען איז באמת ניטא קיין גרעסערע שטראף, ווי אנהויבען זעהן די וועלט דורך א קרומען שפיגעל. ער איז דאך ניט אזוי ווי אנדערע דיכטער. אנדערע קוקען דורכ'ן געפיהל. ער פיהלט דורכ'ן קוק. אנדערע געהען ארום מיט אפענע הערצער. ער געהט ארום מיט אפענע אויגען.

און עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ביי אזא געמיטהס־צושטאנד דארף זיך יהואש ספעציעל אינטערעסירען מיט די פראַ־בלעמען פון דענקען, פון אויפפאסונג, מיט דער בעציהונג צווישען דענקען און „זיין", מיט דעם געגענזאץ צווישען סוביעקט און אב־יעקט. זעהען מיר טאקע, ווי ער קעהרט זיך אום אלץ פון דאס ניי צו די דאזיגע פראגען. דא ווערט זיין ערנסטע שפראך נאך ערנ־

סטער, זיינע אויסדריקען שטארק און פול מיט בעזונדערער ווירדע. אט ערקלעהרט ער:

מעגסט טויזענט לאנגע טעג און נעכט
זיך גראבען און זיך גריבלען אין דיין זינען,
די האנד וואס טרייבט דיך, ווי א בלינדען קנעכט—
זי וועסטו מיט דיין פארשען ניט געפינען.

אט לאכט ער פון די, וואס ווילען „דורכברעכען די שאלעכץ", זעהן דעם אמת „ניט ווי ער שיינט און שלאגט זיך אב אין קרומען מענשען־זינען", נאר אריינדרינגען אין זיין קדשי־קדשים, דער־קענען די וועלט אן זיך. ער פערגלייכט אזא פארשער צו יענעם האהן,

וואס שטעהענדיג אנטקעגען גלאטען שפיגעל
דערזעהט זיין אייגען בילד מיט קאם און פליגעל
און בויגט זיך הינטער'ן שפיגעל־גלאז דעם קאלטען,
צו זעהן דעם האהן דעם אמת'ען בעהאלטען.

(„דער גבול").

אט פערטראכט ער זיך, צו קען מען אויפבויען א פאלקאמע וועלט־אנשויאונג אהן א גאט, און קומט צום אויספיהר, אז דאס איז אונמעגליך. („שכל במקום גאט"). אט אונטערזוכט ער דעם כאראקטער פון דעם רעליגיעזען גלויבען און געפינט, אז דער ט ר י ע ב צו דערקענען גאט — דאס איז גאט אליין.

דיין האנד, וואס טאפט אין פינסטערניש,
דאס איז ז י י ן האנד;
דער פאקעל, וואס דו זוכסט מיט איהם,
דאס איז ז י י ן בראנד...
און מיט ז י י ן שטים
בלויז רופסטו איהם...

(„גאט־זוכעניש").

אַט בעטראַכט ער דעם ענדערונגס־קרייז פון דער מאַטעריע אין דע וועלט־אַלל און געפינט, אַז עס איז דאָך דאַ א ש ט ע נ־ ד י ג ע ס אין דער אונענדליכער בעוועגונג:

דאָס גאַנצע איז פון תמיד גאַנץ,
און גלייך איז אייביג דער בילאַנץ
אין רוהלאָזען חלקים־טאַנץ,
וואָס פלעכט און בינדט זיך טויזענד־אַרטיג,
און ס׳בליהט און ס׳שטאַרבט, ווערט ניי און אַלט—
וואָס תמיד איז פאַלקאָם און פאַרטיג.

(„ביים טויער פון לעבען").

אַט וואַרפט ער נאַר א בליק אויף דעם לעבען אין אַלגעמיין און געפינט, אַז דאָס איז

א וואונק
פון דער אייביגקייט׳ס אויגען...
א פונק
צו דעם פייער געצויגען...

א שפריץ,
וועלכער לעכצט צו דעם ברונען...
א בליץ
פון פערגעהענדע זונען...
וואָס תמיד ו ו ע ט זיין ווי ג ע ו ו ע ן.
(„ליבען"...)

און אַזוי געהט ער אַרום און טראַכט און איבערלעגט און צווייפעלט און פערענטפערט און פרעגט ווידער, און די אַלע זר־ בענישען זיינע בעקליידט ער אין קלינגענדע פערזען, און טראַגט דערמיט אריין א נייעם טאָן אין אונזער פּאָעזיע, א טאָן פון ער־ קענטניס־רעפלעקסיע און מעדיטאַציאָן, וועלכע איהר געפינט אַזוי אָפט אין דער פּאָעזיע פון א נ ד ע ר ע פעלקער און וועלכע מיר האָבען ביז יהואש׳ען ניט בעגעגענט ביי אידישע דיכטער.

נאָך אַ מאָל: יהואש איז אַ מאָדערנער מענש און שרייבט פאַר דעם מאָדערנעם אינטעליגענט, און ווייסט, וואָס דעם דאָזיגען אינטעליגענט טהוט וועה, און רעדט מיט דער שפּראַך פון דעם דאָזיגען אינטעליגענט.

עס פערשטעהט זיך, אז וואו רעפלעקסיע פערנעהמט דעם אויבען־אָן, וואו בעטראכטונג הערשט, וואו די ווירקונג איז אויסגערעכענט אין ערשטער ליניע אויף דעם אינטעלעקט, דאָרט דאַרף אַלעגאָריע פערנעהמען אַ בכבוד׳יגען פּלאַץ, אלס אַ מיטעל צו ערקלעהרען און איבערצייגען.

יהואש איז דעריבער טאקע איינער פון אונזערע בעסטע אַלע־גאָריסטען. אויבען האָבען מיר געזעהן די געלונגענע אַלעגאָריע מיט׳ן האָהן פאַר׳ן שפּיגעל. אין זעהר פּיעל אנדערע ליעדער ווענדט ער זיך צו דעם זעלביגען מיטעל. ער וויל דערצעהלען, ווי אַ מענש האָט אין לעבען בּיסלעכוויז אנגעוואָרען זיין גלויבען, זיין שטאָלץ, זיין „איך", דערצעהלט ער ווי אַ שיפעלע איז ארויס אויף דעם ים (אַ לעבענס־שיפעל איז ארויס אין ים־אוקינוס פון דער וועלט"), פול מיט האָפנונג און מוטה, און ווי דער ים האָט אנגעהויבען ווארפען דאָס שיפעלע, פליקען זיינע זעגלען און פערלאנגען אַלץ מעהר און מעהר פון זיינע אוצרות; דאָס שיפעלע האָט געגעבען,

און ווען עס האָט ניט מעהר געהאָט —
אָהן מאַסט, אָהן זעגעל, אָרעם, לעער,
צושמעטערט האָט דער שטורעם עס,
און איינגעשלונגען האָט דאָס מעער.

(„אַ לעבענס־שיפעל")

אָפט זיינען די אַלעגאָריעס אויסגעצייכענט. אַ פּראַכטפולען איינדרוק מאַכט אַזאַ ליעד, ווי „שפּעטע בלומען": געפּוילט האָבען אין הארצען די בלומען פון דער יוגענד, די שפּראָצונגען פון גליק; געפּוילט און פערשפּרייט אַ גיפט־גערוך,

דאָך בלומען־קערנער זיינען
געוועזען טיעף בעגראָבען,
און נייע שטענגעלעך איצטער
גענומען שפּראָצען האָבען...

ווי גיב איך זיי אַ נאָמען —
די שפּעטע ווינטער־זאַנגען ?
זיי רייצען ס'אויג, דאָך וועקען
אין ברוסט ניט קיין פערלאַנגען...

אפּט זיינען אָבער די אַלעגאָריעס שוין צו טרוקען, צו פּראָזאַיש, ווי אַ שטיינער, דער פערגלייך צווישען אַ צובראָכענעם זייגער און אַ מענשען, „וועלכער האָט זיין אמונה אָדער זיין ליעבע בעגראָבען" (פּראָלאָג צום צווייטען באַנד „נייע שריפטען"), אָדער ווי די אַלעגאָריע „לויטער הכנות" מיט איהר ערקלעהרונג, אַז

„דער מענשליכער גייסט צו אַ פּיערעל איז גלייך,
דאָס לעבען איז גלייך צו אַ נגון,
ניט אַלעמען אָבער געלינגט אין דער צייט
די ריכטיגע טענער צו קריגען".

דאָס איז שוין גאָר ניט קיין בילד, נאָר אַ פּשוט'ער משל מיט אַ נמשל.

IV.

יהואש איז אָבער ניט נאָר אַ בעאָבאַכטער און מעדיטאַטאָר. יהואש רופט זיך אָב אויף אַלצדינג. יהואש נעהמט זיינע טהעמען פון די פערשיידענסטע געביטען. נאָר איין זאַך וועט איהר ניט געפינען: בענקשאַפט. אמת, אין זיין לעצטער זאַמלונג „אין זון און נעבעל" זיינען דאָ צוויי ליעדער, וועלכע טראָגען זאָגאָר דעם נאָמען „בענקעניש". אָבער גראָד זיי זיינען אַ בעווייז, אַז ס'איז ניטאָ ביי איהם דער אונבעשטימטער ציטער, דער זיסער נאָגענדער שמערץ, דער צאַרטער זיינגענדיגער האַרץ־וועה, וועלכער קען זיך ניט אויסדריקען אין ווערטער און וועלכער זוכט זיין פּער־

קערפערונג אין מוזיק און אין מוזיק־עהנליכע לירישע ליעדער. ביי יהואש'ען איז אלצדינג בעשטימט, קלאר בעוואוסט, און אלעס קען ער אויסדריקען אין לאגישע זאצען. אויב ער בענקט — איז דאס נאך דער געליעבטער, וועלכע איז פאר־א־יאהרען געוועז און איז היינט ניטא. ער געהט ארום איבער'ן פעלד:

„דאס זעלביגע פעלד און דער זעלביגער שטעג,
מיר גלוסט זיך א קארן־בלום נעהמען...
זי פאסט אזוי שעהן צו א וויסען געוואנד...
איך פליק זי אראב, און איך האלט זי אין האנד,
און... געבען זי האב איך ניט וועמען...

די בענקשאפט איז אן אלגעמיינע, אן אלגעמיין־מענשליכע, ניט עקסטרא יהואש'ס. עס איז ניט לערמאנטאוו'ס: „א וויסער זעגעל טראגט זיך איינזאם אין בלאהען נעבעל־טהוי פון מעער"; עס איז ניט פרץ'ס „צוריק אין דער אלטער היים", וואו פון יעדער שורה רעדט און קלאגט זיך און שלוכצט דער „איינציגער" פרץ, איינער אן א ו נ ג ל י י כ ע ר צו מיליארדען געוועזענע און פערהאנענע און צוקונפטיגע מענשען; דאס איז ניט איינהארן'ס „בעריאזקעלע" — מיט איהר אייגענער, בעזונדערער תפלה. דאס איז אלגעמיינע, ניט־פערזענליכע ליריק. דאס איז, קען מען זא־גען, א ב י ע ק ט י ו ו ע ליריק. „אט אזוי פיהלען מענשען"...

און מיט דער זעלביגער אביעקטיוויטעט געהט יהואש צו צו דער נאטור — איינער פון זיינע בעליעבטעסטע טהעמען. ער מיט דער נאטור האט נאר דאס פערהעלטניש פון א בעאבאכטער צו אן אביעקט. זי עקזיסטירט פאר זיך, דער דיכטער — פאר זיך. זי עפענט איהרע וואונדער — ער בעטראכט זי און דערצעהלט, וואס ער האט געזעהן.

עס פערשטעהט זיך, אז ער בלייבט ניט גלייכגילטיג צו דער שעהנקייט פון דער נאטור. דער ים דערוועקט אין איהם געפיהלען פון קראפט און מוטה; דער הערבסט רופט אין איהם ארויס א טרויער, א יתום־געפיהל; דער זומער־טהוי בענשט איהם מיט לע־בען און געזונטקייט. אבער ער גיסט זיך מיט דער נאטור ניט

צונויף. ער ווערט ניט אויפגעלעזט אין איהר און לעזט זי ניט אויף אין זיך. איהר זעהט איהם קיינמאל ניט ליגענדיג צוגעפאלען מיט דער ברוסט צו דער מוטער־ערד אין עקסטאטישער הינגעבונג.

יהואש אינמיטען דער נאטור פיהלט זיך ווי א צושויער אין טהעאטער. ער בעמערקט יעדע קלייניגקייט. ער האט הנאה פון דעם פארבען־שפיעל, פון דעם פארמען־רייכטהום, פון יעדער נייער ענדערונג אין די דעקאראציעס. ער דערצעהלט, וואס ער בעמערקט, און זיינע בילדער זיינען פריש, לעבעדיג, פול מיט ניואנסען. ער האט א בעזונדער אויג פאר די מיסטעריען, וואס שפיעלען זיך אב צווישען הימעל און ערד (זעה זיין וואונדערבארע אידיליע „ליל שמורים“, אדער דאס שעהנע ערשטע ליעד פון דער סעריע „וואסער־שפיגעל“). אבער אלע מאל האט איהר די עמפפינדונג, אז ער איז געקומען אהער קוקען. עס איז פאר איהם א פערגעניגען. עס קומט איהם. ער זוכט ניט. ער האט אלעס. ער איז דער בעהערשער, דער בעזיצער.

זיינע נאטור־בילדער, אלס מאהלערייען, אלס בעשרייבונגען, זיינען אפט רייצענד. אזוינע שעהנע ליעדער ווי „די ביהן“ (אין זיין ערשטער זאמלונג) אדער ווי „דאס טייכעל“, אדער ווי „בארג און אקעאן“ זיינען אמת'ע מייסטערווערק.

א בעזונדערע ליעבע האט יהואש צו טיטאנישע בילדער, צו סצענעס פול מיט שטורעם און בעוועגונג: בערג־געוויטער, וואולקאן, ים, דאס יאגען פון כמארעס איבער'ן הימעל, די שנעע־זאווערוכע — דאס אלעס געפינט ביי איהם א שטארקען, קראפט־פולען אויסדרוק, ווי איהר וועט דאס ניט טרעפען ביי אנדערע דיכטער.

אזא ליעד, ווי דער „טהורעם־מאן“, בלייבט איינגעקריצט אין זכרון. דארט האט איהר אזא בעשרייבונג פון'ם ים ארום טהורעם:

ארום איהם רוישט א קריעגס־געזאנג
דער ים מיט שווארער וואוטה;
ארום איהם בייטשט דער וועלט־געדראנג
דעם נאכט־שד'ס שטורעם־רוט.

אדער אין דעם „ניט געזונגענעם ליעד“ די שילדערונג פון׳ם שטור־רעם.

„ווען ס׳רייסט די שווארצע קודלעס פון דער נאכט
דעם שטורעם־וועכטער׳ס לויז־געלאזטע מאכט;
ווען ס׳ברעכט זיך אב פון קייט דער אוראגאן
און בייטשט מיט לאנגע בליצען זיין געשפאן,

און ווארפט זיך אויף די הויכע פעלזען־ווענד
און וויעגט די בערג אויף זייער פונדאמענט,
און ווירבעלט צווישען ערד און הימעל,
בעגלייט פון דונער׳ס קראך־געטימעל...

און אזוינע בילדער בעגעגענען זיך ביי יהואש׳ען ניט זעלטען.

אבער דער בעאבאכטער און מעדיטאטאר פערלאזט איהם אויך דא קיינמאל ניט. אלס אזעלכער בענוצט ער אויך דא ניט זעלטען אלעגאריעס אנשטאט סימבאלען. קענט איהר ביי איהם בעגעגענען אז אויסדרוק: „אויף דעם הימעל׳ס באקען ברענט דער ערשטער פרישער מארגען־קוס“ (פראלאג צו דער סעריע „פון בארג און טהאל“); קען ער זיך אויסרעדען וועגען די רעגען־וואלקענס, אז זיי זיינען אנגעלאדען פול מיט גנבות פון די טייכען און די ימים“. אפט זיינען אבער די אלעגאריעס פון דער נאטור געלונגען. אזוי איז בעזונדערס דאס זיעבעטע פון דער סעריע „זומער־נעכט“: די שטערען גלאנצען פון׳ם הימעל; דער וואלד טראכט: זיי מיינען איהם; דער טייך טראכט: זיי ווינקען צו איהם;

נאר די הויכע בערג אין מערב
שטעהען פינסטערע און שטום,
ס׳ווינקלען בלויז צו זיי די שטערען,
דאך זיי קוקען זיך ניט אום...

קענען ניט די זון פערגעסען,
גרויס און פייעריג און שעהן,
און די בלאסע שטערען זעהען
אזוי ארים אויס און קליין...

און אויך אין די נאטור־שילדערונגען פלעגט יהואש אריין אלגעמיינע בעטראכטונגען וועגן לעבען, וועגען ווערען און פער־געהן, וועגען שיקזאל פון מענשען און פון דעם וועלטאל.

אַט איז „ראש השנה לאילנות“, אַ יום־טוב ביי די בוימער. דער וואלד איז אָנגעטהאָן אין ווייסע ראש־השנה־קליידער, דער הימעל האט זיך פרעהליך אויסגעלייטערט. דעם דיכטער קומט אויפ׳ן געדאנק יענע שיכות,

וואָס פערבינדט דעם קלוגען מענשען
מיט די פלאַנצען און די בוימען,
מיט די גראָזען און די בלומען,
וואו עם פליסט דאָס זעלבע לעבען,
ווי אין איהם, נאָר אהן אַ לשון...
אַהן אַ לשון און אַהן ווערטער,
אין אַן אייביגער בעוועגונג,
וואָס אַמאָל אַ שטאַפּעל העכער
אויף דעם לייטער פון ענטוויקלונג.

יהואש דער בעטראַכטער בלייבט געטריי זיך אַליין.

V.

צווישען יהואש׳ס ליעבעס־ליעדער איז פאראן איינס מיט׳ן נאָמען: „רענדלעך פאר פרוטות“. דער דיכטער דערצעהלט זיין בעציהונג צו אַ פרוי, וועלכע האט ניט געקענט אָבשאַצען די אוצרות פון זיין נשמה. ער האט געצאָהלט דאָס טייערסטע — און גע־קלעקט וואָלט דאָס ביליגסטע; ער האָט געצאָהלט לויטער גאָלד דאָרט וואו זילבער וואָלט אויך געווען צו פיעל. ס׳איז געווען אַ שפּיעל פון גראָשענס — און ער האָט איינגעשטעלט גאַנצע דור־קאַטען. און ער ווענדט זיך צו „איהר“ מיט אַזוינע ווערטער:

און דו, צו פּרוטות בלויז געוואוינט,
האָסט רענדלעך ניט געקענט דערזעהן,
און ס׳איז מיין בעסטער דימענשטיין
ביי דיר אַ גלאָז־קאָרעל געווען.

דו האָסט פערברויכט ניט וויסענדיג
אַלס קופּער־קלײנגעלט מײן דוקאַט.
געוואונען דו האָסט גאָרניט, איך —
פערלאָרען אַלץ, וואָס כ'האָב געהאַט...

איהר לײענט איבער דאָס ליעד — און איהר זײט ניט בע־פריעדיגט. וואָס פעהלט? ס'איז דאָ אין די פיער סטראָפען אי אַ אינטערעסאַנטער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, אי, אויב איהר ווילט, אַ געוויסע ערנסטע שטימונג; די אויסדרוקס־פאָרם איז ניט שלעכט. די קורצע ווערטער זאָגען אפילו מעהר, ווי עס איז ענט־האַלטען אין זײער דירעקטען זין, — און דאָס איז דאָך כאַראַק־טעריסטיש פאַר לירישע ליעדער.

דאַכט זיך, גוט? און פונדעסטוועגען פעהלט עפּעס פאַרט. עס זינגט ניט. עס ריהרט אײך ניט. עס געהט ניט אַרײן אין אײער נשמה. עס איז ניט מעהר, ווי אַ ב ע ר י כ ט וועגען אַ פּסיכאָלאָגישען פאַקט.

איהר לײענט דאָס נאָך אַמאָל: יאָ, ריכטיג. אַזוינס פּאַ־סירט אין לעבען. מיט אַ דיכטער מוז דאָס, מסתמא, נאָך עפּ־טער פּאַסירען, ווי מיט געוועהנליכע מענשען. ס'איז דערצעהלט ניט שלעכט. עס ד אַ ר ף דערצעהלט ווערען.

אָבער... איהר בלײבט קאַלט. עס רופט ניט אַרויס אין אײך קײן האַרמאָנירענדען אָבקלאַנג. אַלע סטרונעס פון אײער האַר־צען בלײבען שטיל. קײן אײנציגער ציטער.

אַזוי זײנען אַלע יהואש'ס ליעבעס־ליעדער.

איהר וואַנדערט צווישען זײ ווי צווישען אַ וואַלד פון אויס־געטריקענטע בוימער. איהר וואָלט געוואָלט דערזעהן כאָטש אײן בלימעל, כאָטש אײן לעבעדיג וויברירענדיג צווײגעל. איהר וואָלט געוואָלט דערהערען כאָטש אײן אויפריכטיגע שטימע: זאָל דאָס זײן פרײד, זאָל דאָס זײן פּײן, זאָל דאָס זײן צאָרן.

אָבער נײן, אַלעס אַזוי טרוקען!... דער דיכטער וואָלט זיך
אַ פּרוּיען־געשטאַלט פון דמיון געשאַפען,
מיט אויגען ווי בלאָהע סאַפּירען,
און גאָלדענע לאָקען, וואָס פלעגען דעם פּנים
ווי ליכטיגע וועלען פערצירען...

און ווי אַט די פרויען־געשטאַלט מיט די בלאַהע אויגען און גאָלדענע לאָקען איז אַן אַבסטראַקטע, אַ לעבלאָזע בעשעפעניש, אָהן אינדיווידואַליטעט, שיער־שיער ניט אַ דעקעל־בילד צו אַ קעס־טעל קאָנפעקטען, — אַזוי איז די גאַנצע ליעבעס־ליריק יהואש'ס אַבסטראַקט, ניט דורכגעשטראַהלט מיט אויפריכטיג אייגען גע־פיהל.

אַט איז אַ טיפּישער ביישפּיעל:

זי לאַכט ניט און שמייכעלט גאָר זעלטען,
נאָר שמייכעלט זי—מיין איך, אַז וועלטען
גאָר נייע ענטפּלעקט מיר איהר בליק;
זי שווייגט אַזוי אָפט, אָבער רעדט זי —
מיט איטליכען וואָרט איהרען גלעט זי
מיין זעעל, ווי מיט זאַנפטער מוזיק...

וויפיעל מאָל האָט איהר געהרט דעם מאָטיוו? ווער האָט איהם ניט איבערגע'חזר'ט?

איהר וועט זאָגען: אַזוי איז שוין דער מזל פון ליעבעס־מאָטיוועו: זיי זיינען אַז אַלטע געשיכטע און בלייבען אייביג ניי. דאָס איז אמת. אָבער יעדער דיכטער דאַרף די דאָזיגע וועלט־געשיכטע איבערדערצעהלען אויף זיין אייגענעם שטייגער, אריינ־טראָגען זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט, לאָזען קלינגען זיין אייג־גענעם טאָן. ליעבעס־ליריק איז, דאַכט זיך, די נעהענטסטע צו מוזיק. אונז אינטערעסירט אין איהר ניט דער „וואָס", נאָר דער „ווי", ניט די פּסיכאָלאָגישע ערשיינונג אַליין (וועלכע איז אַ מי־ליאָן מאָל בעשריבען געוואָרען אין אַ משך פון עטליכע טויזענד יאָהר), נאָר די בעזונדערע פאַרבונג פון דער ערשיינונג.

און אַט דאָס פעהלט גראַד אין יהואש'ס ליעבעס־ליעדער. יהואש'ס „אָביעקטיוויטעט" האָט איהם דאָ אָבגעשפּיעלט אַ שלעכטע שפּיעל. זיינע ליעבעס־ליעדער זיינען די ערגסטע צווישען אַלע זיינע ווערק.

אין דעם ערשטען באַנד פון זיינע געזאַמעלטע ליעדער, אין דער אָבטהיילונג „בלומען און דערנער", געהען אריין פינף און פערציג ליעבעס־ליעדער. זיעבצעהן מאָל בעגעגענט איהר אין דער

דאזיגער קאלעקציע אזוינע אויסדרוקען, וואס האבען א שייכות צו פ י י ע ר: „צופלאמטע“ הארץ, „זודיגער קוואל פון יסורים“, „הייסע פערלאנגען“, „קאכיגער ברונען“, :צעשמאלצענע לאווא“, „צעברענט פון ליעבע“, „צאפלען אין פלאמען“, „צופלאקערטע ברוסט“, א ליעבע ווי די „תמוז-זון“, א „קאלטער בראנד“ און אז. וו.. און אז. וו. אין 45 ליעדער גאנצע 17 „פלאמען“! וואס בע־וויזט דאס? אז ניט קוקענדיג אויף דער רייכקייט פון זיין שפראך, זיינען די ב י ל ד ע ר יהואש'ס, ווען עס האנדעלט זיך וועגען ליעבע, גענוג ארים. (אגב, די זעלביגע „פלאמען“ בעגעגענט איהר אויך אין די אנדערע בענד פון זיינע ליעדער). זיין פאנטאזיע מאכט ניט ל ע ב ע ד י ג דאס, וואס ער מאלט. עס דאכט זיך אפט, אז ער שרייבט ליעבעס-ליריק ווייל ער מ ו ז, ווייל ווי קען דאס זיין א ליריקער אהן ליעבע.

און עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אזוי ווי ער געפינט זיך דא ניט אין זיין עלעמענט, פאלט ער אריין אין א ניט־ריכ־טיגען טאן, געברויכט ער אפט אזוינע, — ווי זאל מען דאס זאגען? — צ ו פשוט'ע, צ ו וואכעדיגע ווערטער, וואס פאסען גאר ניט פאר יהואש'ען. ווען ניט ווען — אבער עס טרעפט, אז ער רעדט מיט א גאסען־שפראך.

אט איז, למשל, דער אנהויב פון א ליעד „ליעבע'ס הבטחות“:

צו וואס נאך שווערען, ליעבינקע?
די קוסען דיינע ריידען;
צו רעדט מען פון א י ע נ ע וועלט,
ווען מ'איז שוין אין גן־עדן?...

צו וואס מיר שושקען האלב פערשטיקט,
אז דו וועסט טריי זיין אימער?
איצט האב איך דיך דאך ליעב און זעל,
דו זיסעם פרויענצימער!

אט דאס „זיסעם פרויענצימער“ אליין איז גענוג, אז עס זאל, ווי א לעפעל דזיעגעכץ, א תל מאכען פון א גאנצען פאס האניג,

שוין ניט ריידענדיג וועגן די איבעריגע שורות פון דעם ליעד. איך ווייס אסור ניט, צו מען קען ריידען אין א ליעבעס־ליעד מיט אזא צייטונגס־רעפארטער־שפראך:

דיין לייכטזין, דיין פאלשקייט פערגעס איך,
די עולות וואס דו האסט געטהאן מיר,
פערגעס גאר די טעג און די וואכען,
וואס דו האסט בעגאנגען זיך אהן מיר...

VI.

אפט וויל יהואש זיין וויציג, שטיפעריש, אבער דאס גע־לינגט איהם נאך ווייניגער.

סוף כל סוף זיינען שוין אינטערעסאנטער די יעניגע פון זיינע ליעבעס־מאטיווען, וואו ער וויל אוועקשטעלען די אדער יענע פסי־כאלאגישע פראגע. קיין לעבען איז אין די אויך ניטא, אבער זיי ווייזען האטש ארום קאפ־ארבייט און צווינגען אייך זיך אבצו־שטעלען אויף זיי. אזוי איז, למשל, דאס ליעד „גאלד און פסולת“. וואו דער דיכטער וויל אנאליזירען דעם מערקווירדיגען קאמפלעקס פון געפיהלען, וואס רופט זיך „ליעבע“:

פערשמאלצען האט אין איין מעטאל
א ווילדער וואהנזיניגער ברען
דעם הערצנ'ס ריינע גאלד מיט אל'
די פסולת, וואס איז דארט געווען.

פערבלענדעטע לוסט האט ניט צושיידט
גן־עדן־ליכט פון גיהנם־בראנד.
און מיסט און פערעל ווילדערהייט
צונויפגעמישט מיט פיעבער־האנד.

דאָ איז חאָטש דאַ יהואש׳ס מאַניר און יהואש׳ס סטיל. דאָס זעלביגע מיט אַזוינע געלונגענע לידער, ווי „נאַכוועהעניש“ אָדער „בלומען־גיפט“ (ערשטער באנד פון די „נייע שריפטען“).

זיך אַליין געפינט יהואש אין אַזוינע לידער, ווי „פערגענ־גליכקייט“. ניטאַ שוין דער זינגער, וועלכער וויל רעדען מיט אַ געפליגעלטער, קאַפריזנער שפּראַך, וועלכער וויל זיין אי לייכט, אי גראַציעז, אי שטיפעריש, אי ערנסט, אי שפּאַטיש, אי ביטער, און דערביי שטענדיג טיעף. ניטאַ דער מאַז, וועלכער וויל מעלאָדיש דערצעהלען וועגען זיינע ליעבעס־וועהען און ליעבעס־טרוימען. געבליבען דער בעטראַכטער, דער מעדיטאַטאָר.

ער האַלט אין זיינע אָרעמס די געליעבטע: ברוסט צו ברוסט, ליפּ אויף ליפּ, ביידע איין נשמה, איין ענטציקטער שטראַהל. אָבער — „ס׳פּאַלט אַ שאָטען אויף זיין פרייד“. ער טראַכט, ווי שנעל אַלעם מוז פערגעהן, ניט בלויז די יוגענד, נאָר אויך דאָס לעבען, ווי אַלעם מוז פערשווינדען אין דעם גרויסען תהום פון א ל ס און נ י ש ט, פון וועלכע אַ בלינדע שיקזאַל־האַנד האָט ביידע ארויס־געשפּריצט.

און מעסטענדיג דעם קליינעם קורצען שפּאַן
פון „איך“־לעבען, פון ליעבע, וועה און פרייד,
מיט דער אונענדליכקייט, וואָס הינטער אונז,
מיט יענער, וועלכע פאַר אונז זיך פערשפּרייט,

בעדויער איך דיין יוגענד און דיין חן,
און גלעטענדיג דיין גליהענדעס געזיכט,
שווין שפּירען מיינע פינגער, ווי דער פראָסט
פון טויט און ניט־זיין דורך אונז ביידען קריכט...

און ס׳לעשט זיך די ענטציקונג אין מיין בליק.

דאַ איז יהואש אין זיין עלעמענט.

עס איז איבעריג צו ריידען, אז אויך אין די ליעבעס־ליעדער אַרבייט ער מיט דעם געצייג פון אַלעגאָריעס. פערגלייך כאָטש־בי „גאָלד און פּסוקת“ אָדער „רענדלעך פאַר פּרוטות“...

מיר האָבען שוין געזאָגט: יהואש איז אַ פּראָפעסיאָנעלער

דיכטער. אלס אזעלכער מוז ער זינגען פון ליעבע, כאטש דאס איז ניט זיין פאך. און אלס אזעלכער מוז ער זיך אלע מאל אומקערע־רען צו דער אידישער לעגענדע, אבוואהל ער איז לויט זיין גאנצען ארט שרייבען ניט מסוגל צו בעארבייטען לעגענדען.

ניט יעדער דיכטער קען דאס. עס דארף זיין עפעס קינדער־שעס אין דעם מענשען, וואס נעהמט זיך שרייבען אין דעם גייסט פון פאלקס־גלויבען און פאלקס־פאנטאסטיק. ער דארף אליין זיין ענטציקט פון די בילדער, וואס דאס פאלק מאלט זיך; ער דארף קענען לעבען צוזאמען מיט'ן פאלק, דורכגעדרונגען ווערען מיט דעם פאלק'ס גייסט. ער דארף דערצו נאך פערמאגען א בעזונדערע פעהיגקייט צוצופאסען זיין שפראך צו דעם אינהאלט. די שפראך דארף זיין נאאיוו, חנ'עוודיג, ווייך, בויגיג, פול מיט דעם בעזונדע־רען ראמאנטישען שיין, וואס גיסט זיך פון דעם פאלק'ס שאפונג.

יהואש פערמאגט ניט — ניט דאס ערשטע, ניט דאס צווייטע. יהואש איז אן אינטעליגענט מיט א אינטעליגענטער שפראך, און וויפיעל ער זאל זיך ניט מיהען, — עס קומט ביי איהם ניט ארויס קיין לעגענדע. ניטא די אטמאספערע, וואס בעצויבערט אונז אין אידישע מעשיות. ניטא דער בעזונדערער ריטם — ניט נאר דער ריטם פון דער שפראך, נאר אויך פון דעם אינהאלט — וואס מיר געפינען ביי'ם פאלק.

יהואש קוקט אויף זיין אויפגאבע זעהר איינפאך. ער נעהמט א מעשה פון תנ"ך, פון מדרש, פון גמרא, פון די שפעטערע פאלקס־מעשיות — גיט צו זיינע אייגענע עטליכע איינצעלהייטען, לעגט דאס אלעס פאנאנדער אין גראמען — און פארטיג. די מעשה האט אין זיך עפעס א פאנטאסטישען עלעמענט. די גראמען קלינ־גען. דארף מען בעסער?

עס איז אבער א מערקווירדיגע זאך מיט דער פאנטאסטיק. מען קען זי דערצעהלען אזוי, אז ס'זאל ווירקליך אויפשטעהן פאר אייערע אויגען א וואונדערבארע וועלט מיט וואונדערבארע געשטאל־טען מיט אן אייגענארטיגער געזעצמעסיגקייט, וועלכע האט גאר ניט צו טהאן מיט דער געזעצמעסיגקייט פון אלטעגליכען לעבען. און מען קען אזוי דערצעהלען, אז ס'זאל אויסקומען, ווי איהר, א היינטיגער מענש, גיט־איבער מיט אייגענע ווערטער א פאלקס־

אבערגלויבען, א קינדערשע מיינונג פון די מאסען. פושקין, אלעקסיי טאלסטאי, די ברידער גרים, לאנגפעלאו, ביי אונז פרץ און ביז א געוויסען גראד פרוג, האבען געטהאן דאס ערשטע. יהואש טהוט דאס צווייטע.

ביי יהואש'ען איז דא א געדיכט „טיטוס'עס מוק". דערצעהלט זיך דארטען, אז טיטוס איז געקומען פון דער מלחמה א זיעגער, געבראכט א מחנה געפאנגענע אין קייטען. אין רוים איז א פאראד, דער עולם פרעהט זיך. אבער טיטוס איז טרויעריג: איהם עגבערט אין מח דער מוק, און עס געהט איהם ניט איין דער רוהם... דאס איז אלעס. ביי יהואש'ען איז דאס נאר מיט מעהר ווערטער. איז דאס א לעגענדע?

נעהמט אן אנדערע: „דער וואסער־טרעגער". געוועזן אז ארימאן א וואסער־טרעגער, א איד א קראנקער, א חלוש, אבער מיט א זיסען, מילדען שמייכעל. אז ער איז געשטארבען, האט דער רב געהייסען זיינע תלמידים קריעה רייסען.

דען אנטפלעקט געווארען פלוצלונג
אין געהיים דעם אלטען רב איז,
אז געוועזן דער וואסער־טרעגער
איינער פון די למד־וואו איז...

ווייטער גארנישט. פרעגט זיך: וואו איז דא די שעהנקייט, וואו איז דא דער ריטם פון א לעגענדע?

אין די אויבען־דערמאנטע, ווי אין פיעלע אנדערע (די „בייזע חאליסאטרע", דער „מגפה־ווינקעל", „דעם שוסטער'ס מיידעל" און נאך) איז אפילו ניטא קיין האנדלונג, קיין פאבולא, קיין געשעהעניש. עס ווערט פשוט איבערגעגעבען א פאקט פון פאלק'ס גלויבען, איבערגעגעבען טרוקען און שטייף. אין אנדערע, ווי „מעשה שטן", „די טויטע קהלה", „דער תקון", „דער הרוג", „נבוכדנאצר" איז שוין יא דא א אינהאלט, אבער קיין שום ראמאנטישע שטימונג ווערט ניט בעשאפען. עס קומט אויס אזוי, ווי איהר וואלט איבערדערצעהלט אין פראזע דעם אינהאלט פון א שעהנעם מעלאדישען ליעד, וואס איהר האט אמאל געלייענט. עס פערשווינדט אלעס.

און ווי דער אינהאַלט, אַזוי די שפּראַך. יהואש שרייבט זיינע לעגענדעס מיט די זעלביגע ווערטער און אויסדריקען, ווי אַלע איי־בעריגע זיינע ליעדער: האַרטליך, קאַלט און הילכיג.

אָט איז אַ ביישפּיעל: „דעם תּנא׳ס קללה":

דער הייליגער תּנאי רב יוסי פון יוקרות,
ער וויל ניט דאָס לעבען געניסען;
פון יוגענד און ליעבע מיט ביטערע קללות
פערשילט ער דעם תּענוג דעם זיסען.
נאָר בילדער פון שוואַרצע מדבריות אָהן שטראַהלען,
פון פעסטיגע זומפּען און פעכיגע קוואַלען,
געפילטע מיט גיפטיגע שלאַנגען,
און טייכען פון זודיגען בליי, וואו זיך בראַטען
די זינדער, וואָס האָבען געבוקט זיך צום שטן,
אין נעץ פון עבירות געפאַנגען —
נאָר בילדער אַזעלכע איהם האָבען בעשעפטיגט
און וואָס אַ טאָג מעהר אין זיין גלויבען בעקרעפטיגט.

און אַז. וו. — אַלץ מיט דעם אייגענעם שטייגער. אפילו די אַל־טע באַבע אין דער „גע'גנב'עטער כלה" געברויכט די זעלביגע שפּראַך, ניט געמינערט אַ האָאַר.

אַז אויסנאַהמס בילדען די יעניגע ווערק, וואָס יהואש האָט געפּרופט בעאַרבייטען לעגענדאַרע סיוזשעטען אין אַ דראַמאַטישער פאָרם. די זיינען איהם העכסט געלונגען. אַזוי זיינען „צפּורה", „שאול", „הורקנוס". דאָ איז דאָ קראַפט און לעבען און איינ־דרוקספאָלע בילדער. אָבער די דאָזיגע ווערק געהערען שוין איי־גענטליך ניט צו די לעגענדען. דאָס זיינען היסטאָרישע דראַמען, ריכטיגער — פראַגמענטען פון אַזוינע דראַמען. און דאָ קען און מוז יהואש בלייבען ער אַליין.

VII.

יהואש איז א מאדערנער אינטעליגענט, און עס איז נאטירליך, אז ער זאל זיך אברופען אויף געזעלשאפטליכע פראגען, וואס מא־טערען דעם מאדערנעם אידען — סיי אלגעמיינע, סיי נאציאנאלע. יהואש האט בעשאפען א סעריע געזעלשאפטליכע און נאציאנאלע ליעדער, וואס געהערען צו זיינע בעסטע. זיין טאלאנט ווייזט זיך דא ארויס אין זיין פולער קראפט, און דער פאטאס ווירקט אנשטע־קענד, סוגגעסטיוו, געגען אייער ווילען.

ס'איז דא ביי איהם א ליעד „דאס ערגסטע פון דער תוכחה", מיט דעם געדאנק פון דער ליעד וועט איהר ניט זיין איינפער־שטאנען. ער איז אן אבקלאנג פון דער רעאקציע אויף דער אידי־שער גאס נאך דער רוסישער רעוואלוציע, ווען דעם איד פון א גאנץ יאהר האט זיך אויסגעדאכט, אז די אידישע פרייהייטס־קעמפפער האבען געאפפערט זייער לעבען פאר פ ר ע מ ד ע, ניט פאר'ן אייגענעם פאלק. דאס ערגסטע פון דער תוכחה, זאגט יהואש, איז ניט קנעכטשאפט, ניט ליידען, ניט פערפאלגונגען, נאר — זעהן, ווי אייער זוהן אפפערט זיין לעבען פאר אייער פיינד, פערלאזענדיג זיין אייגענעם שטאם.

דער געדאנק איז בעצם פאלש. אבער ווי איז ער אויסגע־דריקט! פון שטאהל זיינען אויסגעשמידט די שטארקע, ווירדיגע ווערטער; ווי אייזערנע האמערס פאלען זיי איינס נאכ'ן אנדע־רען; מיט א שטארקען איינגעפרעסטען פייער זיינען זיי דורכגע־גליהט און ערשיטערען אייער נשמה.

ניט שקלאפעריי, ניט שמאכטען אין א ווייטען לאנד,
מיט קייטען אויף די פיס, מיט פענטעס אויף דער האנד,
ניט שרעקען זיך פאר יעדען שוואכען ווינד, וואס וועהט,
ניט ציטערען פארנאכט ווען העלער טאג פערגעהט,
און קוים קומט אן דער טאג, שוין ווארטען אויף זיין סוף—
ניט דאס, פערשאלטען פאלק, וועט זיין דיין ערגסטע שטראף...
נאר —
ווען איהם זעהן, איהם, דיין אייגען קינד, דיין גואל־דם,

דעם לאַנג ערוואַרטעטען בעפרייער פון דיין שטאַם,
זיך אויפהויבען מיט אַדלער־מוט, מיט לייבען מאַכט,
און זיין דער ערשטער אין דער ערשטער רייה פון שלאַכט,
און געבען פריי זיין בלוט, און בלוטען פול מיט פרייד,
דאָך ניט פאַר דיר, נאָר דאָרט, וואו דיין שונא שטעהט...

און אַזוי איז די קראַפט פון פּאָעזיע: איהר ווערט היגגע־ריסען! איהר פערגעסט, אַז איהר זייט געגען דעם געדאַנק, איהר טראַכט זיך גאָר, אַז דאָס מיינט מען ניט די אידען, נאָר איבער־הויפּט... איהר זוכט אַ פערענטפערונג.

איבעריגענס, איז יהואש אין זיינע געזעלשאַפטליכע ליעדער מעהרסטענסטהייל פּראָגרעסיוו און איהר פערשפּאַרט דורכמאַכען אַזאַ אינוועניגסטען קאַמפּף. ער זינגט פון קאַמפּף, ער זינגט פון טהאַט, ער זינגט פון ליכט, ער זינגט פון אַ גאָלדענער צוקונפט — ער גלויבט אין לעבען און אין דעם זיעג פון גוטען — און זיינע געזאַנגען זיינען פול מיט אַ קראַפטפולען פּאַטאָס.

אויף דעם באַרג אָלימפּוס, דערצעהלט אונז דער דיכטער, האָט ער זיך געוואָלט פערקלייבען. אָלימפּוס איז שעהן, די לופט איז דאָרט ריין, דאָרט וואַקסען בלומען, דאָרט לעבען געטער אין פרייד און אייביגער שעהנקייט. אָבער ניין! דער אידישער דיכטער קען דאָרט לאַנג ניט בלייבען. עס קומט דער אָטהעם פון דעם וויסטען באַרג חורב, עס קומט דאָס געשריי פון די מאַסען דאָרט אונטען. אַלעס דערמאָנט דעם דיכטער:

ס׳וועט לאַנגזאַם, אַזוי ווי דאָס גיפט פון אַ שלאַנג,
דער שמערץ פון דיין פאָלק זיך פערשפּרייטען
דורך איטליכעם ליעד דיינס; דיין יעדעם געזאַנג
אַ טרויער־מוזיק וועט בעגלייטען.

דער דיכטער בלייבט ניט אָבגעזונדערט פון די מאַסען. ער וויסט: דורך קאַמפּף און אָפּפער וועט בעשאַפען ווערען אַ נייער ליכטיגער מאָרגען. עס אַרט איהם אָפילו ניט, וואָס די היינטיגע קעמפּפער וועלען ניט געניסען די פרוכט פון זייער קאַמפּף. דער

קאמפף אליין איז ווערטה דעם קרבן. דער קאמפף אליין ערהויבט די נשמה.

ווען ס'וועט קומען דער זיעג, וועט דער דיכטער שוין ליגען אין קבר.

ס'ליעד מיינס, שווארץ פון פולווער־רויך
און פול מיט שלאכט־געשרייען,
וועט אויך שוין לאנג געשטארבען זיין,
ווען ס'וועט דאס פאלק זיך פרעהען...

דאך כ'בין צופריעדען מיט מיין טהייל,
ער איז מיר זיס און הייליג,
און ווען די צוקונפט טהיילט איהר לוין,
נעהמט, ברידער, אויף מיין חלק...

און ס'איז גוט אזוי: אין לאנד פון אויסלעזונג דארפען אריינ־געהן פ ר י י ע מענשען, ניט די היינטיגע שקלאפען, „געבארען און געהאדעוועט אויף ריטער און אויף בוקען זיך, אהן קראפט, אהן שטאלץ, אהן מוטה". אריינגעהן וועלען נאר די י ו נ ג ע, די מוטהיגע, וואס זיינען געוואקסען אין דער לופט פון פרייהייט...

ווידער און ווידער קעהרט דער דיכטער זיך אום צו ד ע ם ל י כ ט: אלע איינצעלנע ליכטלעך דארפען צונויפגעגאסען ווע־רען אין איין פלאקער, אלע פלעמעלעך אין איין גרויסען בראנד. ווארים מעכטיגער פון טויט איז די ברודערשאפט פון ליכט.

ווען יעדע פלאם זיך שפיגעלט אב
אין פלאמען גלייך ווי זי,
און פון צושפרייטע פונקען ווערט
איין פונקענמעלאדיע.

אין די דאזיגע און עהנליכע ליעדער איז יהואש א ו נ ז ע־ר ע ר. אן אייגענער, א נאהענטער, א מענש וואס דריקט אוים אין א פאסענדער פארם די שטרעבונגען פון די פארטגעשריטענע אינטעליגענטע קרעפטען פון זיין צייט. די פארם, ו ו י דאס

ווערט געזאָגט, בעוויזט, אַז דאָס איז פאר יהואש'ען ניט נאָר א „טהעמע", נאָר עס ווערט טאָקע איבערגעלעבט און איבערגעפיהלט אלס אייגענס. צוליעב דעם זיינט איהר איהם מוחל פיעלע „לאָ־פּסוס'ען", וואָס האָבען אייגענטליך ניט געטאָרט זיין: אי דעם אלט משכיל'ישען אָבקלאַנג אין „וואָס מעהר שאָטען", אי דעם מאָטיוו א־לא־פרוג: „אַ פאָלק פון אבילות נאר ביזטו, מיין פאָלק", אי די ווידערהאָלונג פון פּרץ'עס און פרוג'ס טענות צום „זשאר־גאָן" אין די „אידישע ראָמאַנצען" („אַ ליעבעס־געדיכט אין זשאר־גאָן, עס קלינגט ווי אַ בייזע לצנות") און נאָך און נאָך אַזוינע אונגוויטיגע זאכען.

VIII.

יהואש'ס שפּראַך איז, דאכט זיך, די גרעסטע הינדערניש אויפ'ן וועג פון זיין פּאָעטישען שאפען. עס קומט פאָר א הארטע, אָנגעשטרענגטע, פערביטערטע מלחמה צווישען איהם און דער שפּראַך. ער ראנגעלט זיך מיט אַלע זיינע כחות, ער ארבייט און מיהט זיך מיט'ן שוויים פון זיין פּנים — און ניט שטענדיג געהט ער ארויס דער זיעגער. געוועהנליך האָט ער מעהר צו זאָגען, ווי עס ערלויבען איהם די גרענעצען פון זיין שפּראַך.

עס איז מערקווירדיג! אלע מאָל ווען איך לייען יהואש'ס ליעדער, פערפאָלגט מיך איין בעשטימטע פאָרשטעלונג. עס דאכט זיך מיר, אַז ער שרייבט אַזוי, ווי איינער וואָס וואָלט זיך אויס־געלערענט אידיש שוין דערוואקסענערהייט. דורך פליים און אר־בייט קען אַ דערוואקסענער מענש זיך אויסלערנען צו בעהערשען אַ פרעמדע שפּראַך אויסגעצייכענט. ער קען שרייבען אין איהר פריי און ריכטיג. עס קען זיך דאכטען אפילו, אז ער איז א מייס־סטער פון דער דאָזיגער שפּראַך. און דאָך וועט איהם פעהלען די ל ע צ ט ע נאָהענטקייט, די ל ע צ ט ע אינטימיטעט, דער ל ע צ ט ע ר שפּראַך־טאַקט.

בנוגע צו יהואש'ען ו ו י י ס איך, אַז אידיש איז זיין

מוטער־שפּראַך. און פונדעסטוועגן לאָזן זיינע לידער שטענ־דיג איבער דעם אויבענדערמאָנטען איינדרוק.

ער ווייסט אַ מאַסע ווערטער. ער האָט אַ ווערטער־שאַץ אפשר אַ רייכערען ווי אַנדערע דיכטער. אָבער אַז ס'קומט צום שרייבען, זיינען די ווערטער־קאָמבינאַציעס אַזוי האַרט, טרוקען, שווער אַראָבצושלינגען — און אַזוי ווייניג מעלאָדיש.

אָט איז אַ ליד „מאָרגען" (זאַמלונג „אין זון און נעבעל"). עס ד אַ ר ף זיין אַ אידיליע: ווייך, האַרציג, פול מיט זון־שיין. עס דאַרף זיין אַ בילד געמאָלט מיט בלאַסע וואַסער־פאַרבען. בע־געגענט איהר דאָרט אַזוינע צוויי שורות:

„דער טייך טויכט מאַט און בלוי־גראָה
אַרוים פון דונקעלען רוים".

פּרופּט אַרויסריידען אָט די פיער ווערטער צוזאַמען: „דער טייך טויכט מאַט" — אַ קאָמבינאַציע פון פיער טית'ען און צוויי כפ'ען אויף אַ שטרעקע פון דריי זילבען; אָדער פּרופּט אַרויסריי־דען די קאָמבינאַציע „גראָה — אַרוים", און איהר וועט דערפיהלען, ווי שווער, ווי האָלציג דאָס לייענט זיך. און דאָס איז נאָר איינער פון טויזענדע ביישפּיעלען אין יהואש'ס לידער. עס קאָסט אייך אַלע מאָל אַן אָנשטרענגונג איבערצולייענען זיינע אַ ליד. ע ר־ג ע ץ מוזט איהר זיך פערטשעפּען.

אָט איז אַן אַנדער ליד „זכר לחורבן". בעגעגענט איהר דאָרטען אויף אַ שטרעקע פון עטליכע שורות: „טאַטשען און מוטשען", „תכשיטין", „שפּוקט" און „זכר לגלות". די אַלע ווער־טער, אַ חוץ דעם דייטשען „שפּוקט" (וואָס דאָס מיינט: „עס בעווייזען זיך מתים אָדער שדים אָדער אַנדערע פאַנטאַסטישע בע־שעפּענישען" און וואָס דאָס קען בשום אופן נ י ט געברויכט ווערען אין דער קאָמבינאַציע „שפּוקט אין זכרון", ווי דאָס טהוט יהואש), — אַ חוץ, זאָג איך, דעם איינעם דייטשען וואָרט, זיינען אַלע איבעריגע ווערטער אידיש. אָבער פון דעסטוועגען פּראָ־טעסטירט עפּעס אין אייך געגען בענוצען אין איין ליד אַזוינע פערשיידענאַרטיגע ווערטער. עס איז ניט גוט. עס פּאַסט ניט.

יהואש פיהלט דאָס ניט. איהם איז אלצדינג רעכט, אבי עס ריימט זיך.

איך בין זיך מודה: איך האָב ליעב יהואש'ס „דאָס ניט גע־זונגענע ליעד“. ס'איז דאָרט דאָ אזא שעהנע רייה נאַטור־בילדער, עס זיינען דאָרט דאָ אזוינע פּראַכטפולע אויסדריקען, ווי „ס'שפּריים די מיטערנאַכט די שווארצע באַלזאַם־פליגעל“ און „ס'רייסט די שווארצע קודלעס פון דער נאַכט דעם שטורעמווינטער'ס לויז־גע־לאַזטע מאַכט“. עס איז דאָרט אַזאַ אומרוהיגקייט, אַזאַ קראַפטפולע שטרעבונג צו „עפּעס“ אויף יענער זייט פון אלע אונזערע מעגליכ־קייטען. אָבער אַלע מאָל ווען איך לייען דאָס ליעד, הויב איך דאָס אָן פון דעם צווייטען קאַפּיטעל. פאַרוואָס? ווייל אין ערשטען זיי־נען דאָ אזוינע שורות:

ווי לאָקסטו מיך,
ווי פלאָגסטו מיך!
ווי דריקסטו מיך,
ווי קוויקסטו מיך!
ווי פליקסטו און בעגליקסטו מיך,
ווי שטיקסטו און ענטציקסטו מיך!

פערדאַמט־וואולגארע שורות, וואָס מאַכען דעם איינדרוק, ווי דער שרייבער וואָלט זיך נאָכגעקרימט נאָך אימיצען. וואו איהר ווילט — אין אַ וואָדעוויל, אין אַ פּאַראָדיע, אין אַ גאַסען־ליעדעל — אָבער ניט אין אזאַ ערנסטע זאַך, ווי „דאָס ניט געזונ־גענע ליעד“, פּאַסען אזוינע שורות.

יהואש פיהלט דאָס ניט. איהם פעהלט דער לעצטער שפּראַך־טאַקט, די לעצטע שפּראַך־פעראַנטוואָרטליכקייט.

איז ביי איהם רעכט, אַז די שטראַהלען „טשובען־אויף“ די בלעטלעך פון דער רויז, אַז דאָס האַרץ ווערט „פערביטערט און פערזייערט“, אַז צפּורה, משה'ס ווייב, זאָל געברויכען די ווער־טער „ענאָל“ און „אַפּלאָדירט“ (פּונקט ווי אַ היינט־וועלטיגע דאַ־מע!), אַז דאָס פאָלק זאָל ארומבלאָנדזשען זוכענדיג „דעם ג ע־ז אַ ל ט ע ן“ פיהרער. איז ביי איהם רעכט צו מאַכען אויף

שריט און טריט אוננויטיגע ווידערהאָלונגען, וואָס ווירקען לע־בערליך: וועגן דעם שניידער׳ס מיידעל דערצעהלט ער, אז „ביי־נאַכט פון׳ם הויז ווערט זי נעלם — און מאַכט זיך ארוים שטי־לערהייט"; דער למד־ואָו׳ניק פלעגט זיין ברויט „בזעת אפו און מיט שווערער מיה פערדיענען"; דער מענש וואַנדערט ביי איהם אין וואַלד „מיט נאַקעט אָבגעדעקטע פים", די נשמות אין הימעל „זויגען זאַפט און ציהען סאָק"; איהר בעגעגענט ביי איהם „פער־דאַרט און טרוקען", „גבורות און גרויסקייט", „פערטלען אויף שטיקער", און אז. וו.

זיין פיער־יאָהריגען קינד דערצעהלט דער דיכטער א מעשה וועגן שנעע, בעגעגענען מיר דאָרטען אזוינע שורות:

דאָן האָבען די שטיקער
פון וואָלקען זיך דיקער
צוזאַמענגעשליידערט,
און טיעף צו דער ערד האָט דער הימעל געגידערט
און פול מיט רחמנות צום פעלד זיך געווענדט:
„איז ערגעץ דיין בוזעם בעבלומט צו בעגראָזט?"
און דאָס פעלד האָט מיט אומעט געזאָגט:
„כ׳האָב א לעצטע מוזינקע פאַרמאָגט,
איז געקומען בעגינען דער פראָסט
און ער האָט זי פערלענדט..."

(„אין זון און נעבעל", ז. 55).

ס׳וואָלט אינטערעסאַנט געווען צו זעהן דעם „פיער־יאָהריגען חכם" וואָס וואָלט פערשטאַנען אזא מעשה...

יהואש׳ס שפראַך איז ניט עלאַסטיש. ריכטיגער וואָלט געווען צו זאָגען: זי איז עלאַסטיש נאָר אין איין ריכטונג — צו קראַפט און שטאַרקע בעוועגונג. דאָרט וואו ס׳קומט אוים צו דונערען, צו שטורעמען, צו האַמערען, — דאָרט איז יהואש דער מייסטער. דאָרט איז איהם די שפראַך געהאָרכזאַם. קומט אָבער אוים צו גערן אין אַן ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג — צו ווייכקייט, צאַרטקייט, פאָלקסטהימליכקייט, מעלאָדישקייט — דאָרט זאָגט די שפראַך זיך

אָב צו פאַלגען. דאָרט בלייבט זי ווי געוועהנליך: האַרט, גריי־בעריג און הילכיג. אויסנאַהמען בעגעגענען זיך זעהר, זעהר זעל־טען.

* *
*

יהואש׳ס שפּראַך און מאַניר פּאַסען אויסגעצייכענט פאַר דראַ־מעס און טראַגעדיעס אין פּערזען. די וועניגע דראַמאַטישע פּראָ־בען, וואָס מיר בעגעגענען אין זיינע ווערק („שאול“, „הורקנוס“, בעזונדערס די אויסגעצייכענטע סצענע „מצורעים“) בעווייזען, אַז ער האָט אַלע נויטיגע מיטלען פאַר אַ טראַגעדיע. זיין ליעבע צו קראַפט־פולע סצענעס און בעוועגונג גאַראַנטירען אויך, אַז אַזאַ ווערק וואָלט איהם געלונגען (אייגענטליך וואָלטען דאָך די „מצורעים“ געקענט דיענען אַלס דאָס ערשטע בילד פון אַ טראַגעדיע).

יעדענפאַלס איז ער דער איינציגער פון די אידישע דיכטער, וואָס וואָלט געקענט זיך נעהמען פאַר אַזאַ ארבייט. איינציגע מאָנאָלאָגען אין „מצורעים“ זיינען פּונקט אַזוי קלאָר און שטאַרק, ווי אין די ווערק פון די אייראָפּעאישע קלאַסיקער.

(1915).

אברהם רייזען.

I.

א טרויעריג לאנד — ליטא. ברייטע, שטילע, גראהליכע פעלדער; לאנגע זאמדיגע וועגען; שיטערע וועלדלעך; רוהיגע, לאנגזאמע טייכלעך. אויבען א הימעל — קלאר, אבער בלאס, פער־חלום'ט, אהן זאפטיגע פארבען. פאהרט א פויער איבער'ן פעלד, איז ער אנגעטהאן אין א גראבע סוויטע — אליין ווי א שטיק פון דער גראהער ערד — און זינגט אזא אומעטיג, נאגענדיג ליעדעל.

א הונגעריג לאנד — ליטא. די פעלדער ברענגען נאר מא־גערע תבואות. אין די גערטנער איז ניטא די רייכע שפע פון פרוכט. די שאף און די רינדער אויף דער לאנקע זיינען קיינמאל ניט אזוי פעט און גרויס, ווי אין בעסאראביען אדער פוילען.

א דערשלאגען לאנד! פאהרט איהר אריין אין איהרע שטעדט און שטעדטלעך, געפינט איהר א אידישע בעפעלקערונג — שוואך, קליין־געוואקסען, מאגער, מיט ברענענדיגע אויגען און נערוועזע בעוועגונגען. דער ליטווישער איד לעבט אין שטענדיגער דחקות. דער ליטווישער איד איז א מסתפק במעוט. ער פערשטעהט אפילו ניט, ווי קען מען דאס האבען רויטע באקען און א געזונטע מונ־טערע שטימע. איהם דאכט זיך, אז דאס איז מגושם.

דער ליטווישער איד בויגט אן דעם קאפ און טראגט דעם יאך פון ארימקייט און האט זיך אזוי איינגעלעבט מיט זיין צער, אז דאס איז געווארען זיין צווייטע נאטור.

און אין אזא לאנד, צווישען אזוינע אידען, ווערט געבוירען איין מאל אין יאהרען א דיכטער.

ביי זיין וויעג האט ער ניט געהערט קיין פרעהליכע געזאנ־געז. זיין קינדהייט איז ניט געווען בעלויכטען מיט ליעבליכע שמייכלען. שוין א דערוואקסענער דערמאנט ער זיך זיין יוגענד:

...שטעהט א שטיבעלע, א קליינעס,
איינגעהויקערט, איינגעבויגען,
און עס עפענט זיך א טירעל,
און עס בייזערט זיך און סקריפעט,
טאטע־מאמע זיצט אין ווינקעל,
און א קינד אין וויעגעל בליפעט.

און א שוועסטער שילט א ברודער,
און פון לעמפעל שפארט א רויך,—
יאהרען יונגע, יאהרען שווארצע,
ניין, איך לאז אייך איבער אויך!...

ארימקייט, נויט, פערביטערטע הערצער, פערוואגעלטע נשמות, קריעגערייען, שילט־ווערטער, שמוץ... דאס איז דאס אידיש־ליט־ווישע ווינקעל, וואס האט ארויפגעלעגט זיין שטעמפעל אויף דער ווייכער, איינדרוקספולער נשמה פון דעם קומענדיגען אידישען דיכטער, אברהם רייזען, דאס האט געשפייזט זיין פאנטאזיע, גע־וועקט א מיטפיהלענדען אבקלאנג אין זיין הארצען.

אמת, עס איז נאך דערפון ניט געדרונגען, אז אט דאס לעבען האט איהם געמוזט געפאנגען־נעהמען אויף אייביגע יאהרען. אנ־דערע דיכטער האבען אויך געשטאמט פון דער זעלביגער וועלט, דורכגעמאכט די זעלביגע קינדהייט, און דאך האט זיך זייער נשמה בעפרייט פון דער סביבה, געוואנדערט אין אנדערע וועלטען, ענט־דעקט אומגעריכטע שעהנקייטען און אונז, זייערע לעזער, ארוים־געפיהרט פון דעם אידיש־ליטווישען גלות.

יא, אבער זיי זיינען ניט געווען אזוינע ווייכע, שוואכע, נאכ־געבינע זעלען, ווי אברהם רייזען. ער איז געווען ווי פלאסטישע לייהם אין די הענד פון זיין מזל. ער איז געווען ווי א ריינע בלאט, אויף וועלכע יעדער איינדרוק האט זיך איינגעקריצט אויף שטענ־

דיג. ווי זיין היים און זיין קינדהייט האבען איהם בעשאפען, אזוי שטעהט ער נאך איצט פאר אונז, — און זינגט דאס ליעד, וואס ער האט מיטגענומען פון זיין ליטווישען שטעדטעל.

מיט דער אָפענהערציגקייט פון אַן אמת'ען דיכטער איז זיך רייזען מודה: ער האט ניט קיין פליגעל. אָבגעהאקט האט עמיצער די פליגעל פון זיין נשמה, פון זיין געדאנק. לאנג צוריק האט אימיצער ביי איהם אוועקגערויבט דעם שוואונג. ווער?

אפשר אין דיין קינדהייט,
אפשר נאך אין וויעגעל,
האט דיין מאמע'ס ליעדעל
דיר געשאדט די פליגעל?

אדער גאר דער חדר,
נידעריג און ענג:
איילען פיער די ברייטקייט,
איילען פיער די לענג;

און דער געלער רבי
מיט'ן געלען אלף
איז פאר דיינע פליגעל
גאר געווען דער חלף?

עס קלינגט אזוי אונענדליך־טרויעריג. עס איז כמעט אונ־היימליך צו הערען, ווען רייזען, מיט זיין איינפאכער, עהרליכער שפראך, שטעלט אוועק א פראגע: ווי קומט ער זינגען? יעדעס ווארט, אזוי פראסט און וואכעדיג, פאלט ווי א טראפען צושמאל־צענע בליי אויף א וואונד:

ווי קום איך צו זינגען? פון וואנען, מיין קינד!
ביי אונז האט אין קוימען געברומט נאר דער ווינד;
די קינדער — זיי פלעגען נאר זינגען: האם־האם!
און אפטמאל די מאמע — א קללה צום גראם.

ווי קום איך צו שעהנקייט? פון וואנען, מיין קינד!
דער וועג צו די פעלדער—דורך גויים און הינד...
די גאס איז געוועזן אזוי אָרים און וויסט,
ביי איטליכער טהיר נאָר—אַ בערגעלע מיסט...

אין די שורות האָט רייזען אליין געגעבען דאָס פּראָגראַם פון זיין דיכטונג.

II.

מען זינגט רייזען'ס לידער. העל און האָפנונגספאָל פּלי־סען די טענער פון „אוי, וואָס קלינגט איהר, קירכען־גלאָקען". מיט קראַפט און ענטשלאָסענהייט און שטורם־גייסט אָטעמט „הור־ליעט, הוליעט, בייזע ווינדען". אָבער מערקווירדיג: איהר הערט און פיהלט — דאָס איז ניט רייזען. דאָס איז פאַר איהם ניט כאַ־ראַקטעריסטיש. מסתמא האָט ער אליין זיך לאנג געמוזט צוגע־וועהנען, ביז ער איז שלום געוואָרען מיט די קלינגענדיגע, צו מונטערע, צו אויפגעלעגטע מעלאָדיען, וואָס אימיצער האָט צו־געטראָכט צו זיינע בעשיידענע לידער.

ערשט גאָר די לעצטע צייט האָט מען אָנגעהויבען זינגען „מאַי קאָ משמע לן דער רעגען" — און אין דער מעלאָדיע האָט זיך דער־פיהלט דער ריכטיגער רייזען. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אריינגע־דרונגען אין'ם תוך פון רייזען'ס פּאָעזיע, האָט געכאַפּט איהר איי־גענטליכען טאָן. מיר דאַכט, אז דער נגון פון „מאַי קאָ משמע לן" העלפט מעהר צו פערשטעהן רייזען'ס ליריק, איידער דאָס קענען טהאָן אַלע קריטיקער צוזאַמען. ווארים דער נגון רעדט מיט דער זעלביגער שפּראַך, וואָס דער פּאָעט — מיט דער שפּראַך פון ריי־זענ'ס ליריק, וואָס האָט גלייך אַ צוטריט צום הארצען.

ס'אַראַ טרויעריגער נגון! וואָס איהר זאָלט שוין ניט לייענען נאָכדעם אין רייזען'ס ווערק, — ער קלינגט אייך כסדר אין די אויערען, ער אַקאָמפּאַניערט יעדעס ליעד, ער איז ווי אַ לייט־מאָטיוו

צו אלעם — אט דער שטילער, פערטראכטער, אויסגעוועהטאגטער, האפנונגסלאזער און קראפטלאזער נגון.

אין'ם אידישען לעבען איז געווען ניט נאר דאס. אפילו אין דער אלטער אידישער וועלט איז געווען די נשמה־יתרה, וועלכע האט געטראגען א העלען מלבוש און געלויכטען מיט פערעל און ברילייאנטען. אפילו אין דעם אלטען אידישען צער איז געווען בליצען פון פרייד, מאמענטען פון עקסטאז, פון איבערנאטירליכער שעהנקייט. אפילו דער איד דער ווארים, געטראטען פון יעדען פערבייגעהענדיגען פוס, האט דאך אויך געהאט צייטען, ווען ער איז געווען א ב־חורין און א בן מלך, און האט שטאלץ אויסגעגלייכט זיין רוקען. פון'ם מאדערנעם אידען שוין גאר ניט צו ריידען. אידישע דיכטער, וועלכע האבען געהאט א צוטריט צו אט ד ע ר אידישער נשמה, האבען שוין ניט געקענט זינגען אלע זייערע יאהרען דעם זעלביגען אומעטיג־הארציגען נגון „מאי קא משמע לן מיין לעבען"... און אין א גרעסערער אדער א קלענערער מאס האט דאך יעדערער פון אונזערע דיכטער געהאט א צוטריט צו אט דער נשמה יתרה, אין וואס פאר א פארם זי איז ניט ערשיענען. דעם זעלביגען ארים בחור, וואס זיצט אין בית־מדרש, האט דאך פרץ, צום ביישפיעל, געזעהען אין דער געשטאלט פון דעם „משוגע'נעם בטלן" און די „מקובלים"...

רייזען איז דער איינציגער אידישער דיכטער, וואס רעפרעזענטירט דעם ו ו א כ ע ד י ג ע ן אידען, מיט זיין נאך־הבדלה'דיגער מרה־שחורה, מיט זיין שרעק פאר'ן לעבען, מיט זיין אייביגער דאגת פרנסה, מיט זיין אבגעלאזענקייט, אונבעהאלפענקייט און שוואכקייט און מיט דעם פערבענקטען אידישען נגון, וואס קלינגט ווי א קרעכץ...

מאי קא משמע לן מיין לעבען?
יואס זשע לאזט ער מיר דא הערען?
פוילען, וועלקען אין דער יוגענד,
פאר דער צייט פערעלטעדט ווערען...

רייזען איז א שטיף־קינד פון לעבען, א שטיף־קינד פון אלצדינג אויף דער וועלט. רייזען'ס פאעזיע איז די פאעזיע פון איינ־

זאמקייט, פון עלענד, פון אבהענדיגקייט, פון אומעט. טהוט א קוק אויף דעם ע ל ע נ ד ע ן, ווי רייזען מאַלט איהם. ס'איז נאכט. שוין שפּעט. אין צימער איז שטיל. דורך די פענסטער קוקט די שווארצע פינסטערניש אריין. דער עלענדער ווארפט שרעקענדיגע בליקען צום בעט אין ווינקעל. די שווארצע נאכט נעהמט איהם ארום, וויקעלט איהם איין אין איינזאמקייט און טרויער.

די נאכט קוקט אין פענסטער,
אזוי ווי זי היט...
און בענקענדיג קלערט ער:
זיך לעגען, צו ניט?...

וואס שרעקט איהם? וואס מאטערט איהם? איז דען ניט אַלץ איינס! די ערד איז א טאָל פון יאמער. דער שמערץ איז א תושב אין אונזער וועלט. מעגסט זוכען פרייד, מעגסט זיך וועלען פער'שכור'ען — „עס בלייבט ניט קיין מיטעל דעם שמערץ מאַכען לינדער". ליכטיג אויפ'ן הימעל גלאנצען אַלע שטערען. מען זאגט: זיי זיינען וועלטען. ניין; דער דיכטער קען דאָס ניט גלויבען. „וועלטען? איז דען מעגליך, וועלטען זאָלען שיינען? ניין, זיי וואָלטען אויסזעהן פינסטער, שווארץ און טרויעריג, און דער בלאָהער הימעל וואָלט געקוקט ווי שווריג"... שוועבען וואָלקענס אויפ'ן הימעל. דאכט זיך, אין די וואָלקענס קען אמאָל זיין אזוי פיעל שעהנקייט. ניין, דער עלענדער שטעהט און פרעגט: „וואס זשע שלעפּט איהר זיך, איהר וואלקענס, אויפ'ן הימעל גאר בעזונדער, ווי פערלאָזענע יתומים, ווי פערטריב'נע ארימע קינדער? און וואָס איז דאָס פאר א תכלית — אזא לעבען, אזא וואנדערען? אבגעריסען, אבגעשלידען, און וויט איינער פון'ם אנדערען?" שטעהט א בוים אין פעלד. פאר וואָס זאָל ער ניט בליהען? ניין, דער בוים איז קראנק, דער בוים דארט שוין. „ס'וועט ניט היילען איהם דער פריהלינג". אומזיסט זיין ווארטען.

אויף הונדערטערליי אופנים חזר'ט רייזען איבער דעם דאָזיגען מאָטיוו פון עלענד. דאָס לעבען? „עס איז אן אומעטיגעס, וואכעדיגעס שפּיעל". פריינד? — וואו נעהמט מען זיי! „בענע־

געגסט בעקענטע, זיי הויבען די היט, — דיין צער אויסצורייידען דאך קענסטו זיי ניט". גוטע מענשען? עט ! ! שווער צו גע־פינען.

צווישען טויזענט שלעכטע מענשען
מיט פערשטיינטע הארץ און זינען,
קען זיך איינער אויך א גוטער
אפשר, אפשר ווען געפינען.

אבער ניט זוך דעם איינציגען גוטען : ס'וועט געדויערען צו פיעל יאהרען, און —

ביז דו וועסט איהם אויסגעפינען
וועט איהרביידע געהן פערלארען.

וואס זשע בלייבט ? גארניט.

אלעס, אלעס ווערט פערפלויגען,
וואס נאר טייער, ליעב און שעהן,—
אייביג בלייבען נאר די צרות,
אייביג בלייבט דער טויט אליין.

קיין אויסוועג. קיין האפנונג. קיין שטראהל פון ליכט.

III.

רייזען איז דער דיכטער פון דעם פראסטען אידען. ער דער־צעהלט דאס הארץ־וועה פון דעם דורכשניטליכען מאסען־מענשען. אין זיינע ליעדער קלינגט דער טויזענט־יאהריגער צער, וואס האט זיך אנגעזאמעלט אין דער אידישער נשמה. אבער דער צער איז אהן צארן, דער צער איז אהן א קללה, דער צער איז איינגע־שלאסען אין זיך אליין און שפייזט זיך פון רחמנות. דאס איז דער אידישער נעבעך...

עפעס אזא שעמעוודיגע הכנעה דרינגט דורך

רייזען׳ס ליעדער. ער איז ווי אַן אָרימאַן, וואָס שטעהט ביים שוועל. ער איז ווי אַ פערבלאָנדזשעט קינד אינמיטען אַ גרויסער מדבר. זיין הארץ איז אַזוי ווייך, און די וועלט איז האַרט, צי־טערט דאָס הארץ און בעט זיך און וויינט:

גאָט, נעהם מיך פון טהאָל פון בעטריעבטען ארויס,

וועז ניט, געהט מיין לעבען, מיין חיות מיר אוים...

נעבעך איז דער אויסדרוק פון שוואַכקייט; ווילענלאָזע, האָפנונגסלאָזע, אונטערגעגעבענע שוואַכקייט קען ניט זיין סאָ־ציאַל. זי ווייסט ניט פון אַ פּלאַנמעסיגען צוזאַמענלעבען פון מענ־שען מיט גלייכע האָפנונגען און ציעלען.

אין רייזען׳ס ליעדער זיינען דעריבער ניטאָ ניט קיין סאָ־ציאַלע, ניט קיין נאַציאָנאַלע מאָטיווען. ער פערטראַכט זיך ניט וועגען כלל, ער פרעגט ניט: פון וואַנען און וואוהין? דער כלל, דאָס פאָלק, די געזעלשאַפט זיינען פאַר איהם אַ פאַקט, זיי עקזי־סטירען, ער נעהמט זיי אַלס אַ פאַרטיגען סובסטראַט פאַר זיינע בענקענישען און זיין פחד.

אין דער געזעלשאַפט זיינען דאָ אָרימע און רייכע, שטאַרקע און שוואַכע. עס איז שלעכט צו זיין אָרים, און עס איז ביטער צו זיין שוואַך. בעקלאָגט זיך דער זינגער אויף זייער שווער מזל. דערצעהלט ער, ווי זיי ליידען און ווי עס טהוט זיי וועה. אָבער ער שטעלט ניט קיין פראַגען. ער פערקוקט זיך ניט אין׳ם גרונד פון געזעלשאַפטליכער אונגלייכהייט.

אין דער היינטיגער וועלט זיינען דאָ גרויסע שטעדט. די שטעדט זיינען פול מיט גערויש און געפילדער. דער איינציגער מענש ווערט דאָרט פערפאַלען, ווי אַ טראָפּען אין ים. די שטאָדט איז אַ גיהנם און ווערט רעגיערט פון דעם טייוועל. דערצעהלט דער דיכטער, ווי שלעכט עס פיהלט זיך דאָרט דער שוואַכער.

פאַלט אריין אַן אָרימאַן
אין דער רייכער שטאָדט,
דאַכט זיך איהם, אַז יעדעס הויז
קוקט אויף איהם מיט שפּאָט.

דאכט זיך איהם, אז יעדער סלופּ,
יעדער שטיין אין ברוק
שרייט איהם: דרך־ארץ, לומפּ!
ווארפט א קרומען קוק.

אבער אויך דא פערטראכט זיך ניט דער דיכטער וועגען די סבות, און ער פרעגט ניט: אפשר איז אין שטאָדט פאַראַן עפּעס מ ע ה ר, איידער עס זעהט דער „אָרימער מענשעל“. —

פאַר רייזען'ען איז דאָס ניט וויכטיג. זיינע דערשלאָגענע מענשען קענען פון דער שטאָדט קיין אַנדער איינדרוק ניט בעקומען. זיי זיינען ניט סאָציאַל.

דער איינציגער סאָציאַלער מאָמענט אין רייזען'ס פּאָעזיע איז — דאָס מיטגעפיהל, וואָס ער וועקט צו די שוואכע. עפּעס ווייסט ער אזוינס וועגען אָרימע, שטילע און דערשלאָגענע, וואָס קיינער ווייסט ניט. ער איז זייער אדוואָקאַט, זייער מליץ יושר פאַר דער גרויסער רוישיגער וועלט. ער מיט זיי פערייניגט זיך אונטער איין טיטעל: „מ י ר ק ב צ נ י ם“:

...אז מיר ריידען,
לאָזען מיר אַראָב דעם פּנים,
און די ווערטער שטיל, געוואויגען,
ווי עס פּאַסט פאַר אונז קבצנים.

עס איז דא א וועלט פול מיט אַט די קבצנים. זיי זיינען פאַראַסטע מענשלעך. זייערע השגות זיינען קליינע. זייערע זאָר־גען — אַלטעגליכע. זיי ווייסען ניט פון די ברייטע וועגען פון מענשליכען געדאנק און געפיהל. זיי זיינען עהנליך איינער אויפ'ן אנדערען, ווי צוויי טראָפּען וואַסער. אבער זיי ליידען. יעדער איי־נער פון זיי לאָזט ארויס א זיפץ, צי א קרעכץ, און דער פּאָעט זאַ־מעלט די אַלע זיפצען און די אלע קרעכצען און וועבט פון זיי מעלאַדישע לידער און וועקט רחמנות אין אונזער הארצען.

דער הימעל פערצאַרענט,
די ווינדען — זיי בלאָזען:
וואו ביזטו, מיין ברודער,
פערגעסען, פערלאָזען?

וואו ביזטו פערווארפען,
אין וואס פאר א שטעדטעל?
צו האסטו א דירה,
צו האסטו א בעטעל?

אט שפיעלען זיך קינדער. עס געהט פארביי דער אלטער מלמד. ער האט פיינט, אז קינדער שפיעלען. ער איז אנגעכמור־רעט, בייז. דער דיכטער ווארענט די קינדערלעך: האט רחמנות אויף אייער רבי'ן, מאכט ניט קיין טומעל, דער'רגזנ'ט איהם ניט; ווארים ער איז קראנק און צובראכען:

דאס לעבען דאס הארטע האט הארט איהם געמאכט—
א, אינגעלעך ליעבע, פאר אייך ניט געראכט!...

„האט רחמנות!" בעטען זיך דעם דיכטער'ס שטילע געזאנ־גען. און „האט רחמנות" קלינגט אויך פון די פאר נאציאנאלע ליע־דער, וואס רייזען האט געשאפען. עס איז ניט מעהר ווי א זיפץ אויף דעם פערוואגעלטען פאלק:

צו פיהלסטו מיין פריינד,
וואס איז דאס אזוינס—
א פאלק'ל א קליינס,
און גרויס איז דער פיינד?

אהן וואפען, אהן מוט...
און האט ניט קיין שוץ.
און הפקר זיין גוטס,
און הפקר זיין בלוט...

דאס איז אלץ דער זעלביגער אידישער נעבעך...

IV.

יא, אבער רייזען האט דאך געשריבען אויך מונטערע ליע־דער? רייזען'ס פרייהייטס־מאטיוון האבען דאך געזונגען די רעוואלוציאנערע אידישע ארבייטער אין דער שטורעם־און־דראנג־

צייט? ביי רייזען'ען איז דאָך דאָ אויך „די וואנד“ און „דער שטור־רעם“ און „צו די דעמאָנסטראנטען“? דאָס בעווייזט דאָך, אַז זיין ליריק פערמאָגט אויך אנדערע טענער?

ניין, דאָס איז קיין בעווייז ניט. אמת, צוויי־דריי פון זיינע פּרייהייטס־ליעדער קלינגען טאקע שטארק און יונג. אזוי איז „די וואנד“ („די אויגען פול צאָרען, פערגאָסען מיט בלוט“) און „אוי, וואָס קלינגט איהר, קירכען־גלאָקען“. זיינען די מאָטיווען אָבער גע־נומען פון פּ ר ע מ ד ע. „די וואנד“ איז אי לויט איהר אינהאלט, אי לויט איהר ריטם אַ נאָכאהמונג פון היינע'ס „וועבער“. די איבעריגע זיינען איבערהויפּט אַן אָבקלאַנג פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין דער אידישער גאַס. אָבער זיי שטעהען א ל י י ן אין מיטען רייזען'ס ליריק. זיי קלעפּען זיך ניט מיט דעם איבע־ריגען. זיי זיינען צופעליגע ערשיינונגען. דאָס, וואָס דער גרויסער עולם האָט זיי אונטערגעכאַפּט און געזונגען, בעווייזט נאָר, אַז זיי האָבען מעהר געפּאַסט צו דער שטימונג פון דער רעוואָלוציאָנס־צייט, איידער די אומעטיגע ליעדער.

יעדענפאלס זיינען זיי פאר רייזען'ען ניט כאראקטעריסטיש.

נעהמט שוין אזא ליעד, ווי „הוליעט, הוליעט בייזע ווינדען“. מען רעכענט עס צווישען די פּרייהייטס־ליעדער. דאָס איז ניט ריכטיג. ס'איז פול מיט אָבהענדיגקייט, מיט שוואכקייט. דער זינגער גלויבט ניט אין דער גאולה. די בייזע ווינדען הערשען. די בייזע קרעפטען הוליען פריי, טהוען וואָס זיי געפעלט. דער מענש זעהט עס צו און האָט קיין מעגליכקייט ניט אָבצושטעלען זייערע ווילדע מעשים. דאָס איז די זעלביגע אומדערבאַרעמדיגע אויסער־ליכע וועלט, וועלכע פּלאָגט און מאַטערט אלע רייזען'ס קבצנים.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדען,
איצט איז אייער צייט!
לאַנג וועט דויערען דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!...

וואָס ס'איז יאָ דאָ ביי רייזען'ען, ווי ביי אלע עלענדע, איז דער שטילער, שעמעוודיגער טרוים וועגען עפּעס בעסערס. עס איז

נאָך אפילו ניט קיין וואונש, עס איז ניט קיין גלויבען, עס איז ניט קיין תפלה. עס איז אַ בעהאַלטענע, אונזיכערע בענקשאַפט נאָך עפּעס אזוינס, וואָס ס'איז אַ היפּך פון דעם אייביגען הארץ־וועה. די דאָזיגע בענקשאַפט איז אַ געזעצליך קינד פון דעם אומעט, און זי איז פּונקט אזוי בלאַס און הכנעה'דיג, ווי ער.

> אוי, שאָטענס און שפּינוועבס, ניט מעהרער,
> און שטיל איז, עס הערט זיך קיין קלאַנג;
> אין הארצען נאָר פּאָכט עס און קלינגט מיר
> אַ טרויריג־געצויגען געזאַנג.
>
> דאָס יאָמערט מיין זעעלע און קלאָגט זיך:
> פערטראָגען שוין קען זי ניט מעהר!
> זי רייסט זיך צו ליכט און צו פרייהייט
> און דאָ—אזוי דונקעל און שווער!...

אין די עטליכע שורות איז דער שליסעל צו רייזען'ס בענקשאַפט נאָך ליכט און פרייהייט און לעבען. קיינמאָל ווייסט איהר ניט, וואָס איז גרעסער: די מאַכט פון די „שאָטענס און שפּינוועבס", צו דער טרוים וועגען פרייהייט. איינס איז געבונדען אין צווייטען. דאָס וואָרט „זון" ווערט נאָר געברויכט, כדי צו בעטאָנען דעם חושך. הערשען הערשט דער הערבסט מיט זיינע וואָלקענס און זיין קעלט. און אפילו ווען דער דיכטער רופט „לעבען, לעבען!" און אפילו ווען „ס'ווילט זיך נאָך אַ הויב טהאָן וויים און הויך די הענד און אריבערשפּרינגען צוימען, מויערס, ווענד", און אפילו ווען ער אומארמט זיין געליעבטע, בלייבט ער דאָך אין גרונד פון זיין נשמה אזוי טרויעריג, אזוי איינזאם, אזוי פערלאָזען פון גאָט און פון מענשען.

די נאַטירליכע רעאַקציע אויף דעם אייביגען נאָגענדען וועה־טאָג איז — ניט פיהלען, פערגעסען זיך, פערזינקען אין נירוואַנאַ.

> שאַ, מיין ליעבער,
> כ'שלים די אויגען — — —
> אַלץ פאַראיבער, אַלץ פערפלויגען — — —
> ס'איז אַ חלום, ס'איז אַ חלום!...

די בעסטע זאך איז: גאר וועגען קיין זאך ניט טראכטען, לאזען די געדאנקען קריכען, פויל און לאנגזאם, וואוהין זיי ווילט זיך. אדער אניט זיך אוועקלאזען וואנדערען, אהן א ציעל.

דאס גליק פערשפּיעלט איז סיי ווי סיי,
די רייכקייט אויך, די ליעבע אויך;
טא לאמיר ווערען פויגעל־פריי,
ווי יענע, זעהסטו, אין דער הויך...

זעלטען ווען א ביטערער שמייכעל בעוויזט זיך אויף די ליפּען, — א שמייכעל וואס איז מבטל דעם אייגענעם אומגליק. אין די לעצטע יאהרען הויבען מיר אן בעגעגענען ביי רייזען'ען אויך אזוינע ליעדער. איינס פון די בעסטע אין דעם פּרט איז „צום מזל“:

בעט איך רעגען — שיינט די זון,
בעט איך זון־שיין — פּלייצט א רעגען;
מזל, וואס ווען זיין דערפון,
וואס דו געהסט מיר אלץ אנטקעגען?

וואס איך בעט און וואס איך וויל,
ווילסטו קיינמאל ניט ערפילען:
מזל, אויב דאס איז א שפּיעל,
דאן געפעלט מיר — לאמיר שפּיעלען.

אין דער לעצטער צייט האבען זיך איבערהויפּט אנגעהויבען בעוויזען ביי רייזען'ען נייע מאטיווען. אמאל א געשריי פון שטארקען שמערץ („מיר דאכט זיך, די ערד איז צעשטויסענע גלאז, און איך געה — די פיס זיינען נאקעט, און שפּיציג דאס גלאז — עס טהוט וועה“); אמאל דער הייסער וואונש נאך א בשורה — זאל זיין א שלעכטע, א ביטערע, אבי א בשורה („קום שוין, קום שוין, אומבעקאנטער, קלאפּ מיר אן אין טהיר“); אמאל א דורשטיגער, ערהאבענער טאן פון פערגעבונג, א נעילה־שטימונג אין די שטראהלען פון דער אונטערגעהענדער זון („גוטע מענשען, שלעכטע

— אַלע זענען גלייך"). די אַלע פּראָבען בעווייזען, אַז רייזען האָלט נאָך אין וואַקסען, אין ענטוויקלען זיך, אַז ער מיהט זיך אָנצוטאַפּען נייע סטרונעס און געפינען נייע אַקאָרדען. אָבער דערווייל בלייבען דאָס פּעראיינצעלטע פּראָבען, וואָס ענדערען נאָך ניט דעם גאַנצען כאַראַקטער פון זיין לירים. דער דריטער באַנד פון זיינע לידער („אָבענד־קלאַנגען") איז אין פיעלע פּרטים אַ טריט פאָרוועדטס אין פערגלייך מיט די ערשטע צוויי. אָבער אויך אויף איהם ליגט דער אייגענטימליכער שטעמפעל, וואָס אויף אַלע איבעריגע. אין די „אָבענד־קלאַנגען" זעהען מיר אַ מענשען אַ רייפערען, אַז אויסגעפּרואווטען, וואָס גלויבט, אַז זיין טאָג פערגעהט, זיין אָבענד איז שוין נאָהענט. און דער דאָזיגער עלטער געוואָרענער מאַן טראָגט דאָס זעלביגע האַרץ פול מיט זאָרגען, און אַזוי פער'יתום'ט און פערוואָגעלט איז ער אין דער גרויסער וועלט.

בליק, גאָט, אַראָב פון הימעל
און זעה דיין אָרים קינד,
וואָס האָט אין וועג פערבלאָנדזשעט
אין רעגען, נאַכט און ווינד.

צינד אָן דאָרט אין דיין הימעל
אַ שטערענדעל כאָטש וואו,
כ'זאָל קענען געהן און זוכען
אַן אָרט פאַר שוץ און רוה...

דאָס איז דאָס פאַרלעצטע ליעד פון רייזען'ס לעצטער זאַמלונג.

V.

רייזען'ס ליעדער זיינען, נאַטירליך, ניט אַלע גלייך גוט. ער אַליין האַלט ווייניג פון דעם באַנד, וואָס איז ערשיענען אונטער'ן נאָמען „נייע ווערק" אין וואַרשא, אין יאָהר 1911. הגם אויך דאָרטען געפינען מיר פיעלע וואונדער־שעהנע ליעדער („אין אַ זומער־

נאכט", „חנוכה", „דאָס לעבען" און אנדערע). אין די איבעריגע בענד קען מען אויך ניט זעלטען געפינען א שוואך געדיכט. אבער איינס פיהלט איהר שטענדיג, וואס איהר זאָלט ניט לייענען ביי רייזען'ען: ער איז אויפריכטיג, ער איז נאַטירליך. ער האָט קיין פּראָגראַם ניט. אַט אַזוי פיהלט ער — און אַט אַזוי שרייבט ער. ער איז אין גאַנצען אין זיין ליריק.

און עס איז פאַראַן אַ בעזונדער חן און אַ בעזונדערע היימליכקייט אין דעם גרעסטען טהייל פון זיינע ליעדער. זיי זיינען נאָהענט צו אייך, זיי לאַשטשען זיך צו אייך, ווי קראַנקע קינדער.

דאָס איז דערפאַר, וואָס ס'איז דאָ אַ פאָלשטענדיגע האַרמאָניע צווישען דעם אינהאַלט און דער פאָרם פון די ליעדער. קיין איינציגער דיסאָנאַנס, קיין פאַלשער טאָן. עס טרעפט אַ נ י ט - ג ע ל ו נ ג ע נ ע ר מאָטיוו. אָבער קיינמאָל ניט קיין פאַלשער.

עס איז איבערהויפּט ניט מעגליך דורכצופיהרען אַ גרענעץ-ליניע צווישען אינהאַלט און פאָרם אין רייזען'ס ליריק. אַט די קורצע, דורכזיכטיגע, איינפאַכע, נאַאיווע ווערטער פּאַסען אַזוי גוט צו דעם, וואָס דער דיכטער וויל זאָגען, זיי פליסען אַזוי נאַטירליך און קאָמבינירען זיך אַזוי זעלבסטפערשטענדליך, אַז אייך קומט גאָר ניט אויפ'ן געדאַנק, אַז דאָס איז אַ קונסט-געשעפט. פשוט איז פשוט: אַזוי דאַרף דאָס זיין און אַזוי א י ז דאָס. און אנדערש קענט איהר דאָס זיך ניט פאָרשטעלען.

איך האָב אַ מערקווירדיגע ערפאַהרונג. ווען איך לייען איבער רייזען'ס אַ געדיכט, אפילו אַזוינס, וואָס איך קען שוין פון לאַנג, מוז איך נאָכדעם זיצען אביסעל און זיך איינהערען אין דעם אָבקלאַנג, וואָס ציטערט אין מיר. עס איז אַזוי, פּונקט ווי איהר האָט געהערט אַ שוואַכען טאָן דורכקלינגען אין דער לופט; דער טאָן איז שוין פערשוואונדען, אָבער איהר הערט זיך נאָך אַלץ איין און ס'דאַכט זיך אייך: אַ שאָטען פון דעם טאָן ציהט נאָך דורך דער לופט און האַלט אין פערקלינגען.

דאָס איז די אויפריכטיגקייט, די איינפאַכקייט, די דורכזיכטיגקייט פון דער ליריק.

מיר האָבען געזעהן: ניט ברייט איז דער שוואונג פון רייזען'ס פּאָעזיע. עס איז ניטאָ אין זיין מוזיק ניט דער מעטאַלענער רוף

פון טראָמפּייט, ניט דער דונער פון פּויקען, ניט דאָס פּיעלקאָליע־רענדיגע געזאנג פון די פיעדלען. רייזען׳ס אינסטרומענט איז שוין גיכער דער וויאָלאָנטשעל מיט זיינע פערנעבעלטע, אומעטיגע טע־נער. אבער אויף די סטרונעס פון אָט דעם אינסטרומענט שפּיעלט רייזען אזוי הארציג, אזוי ווייך, אזוי ריהרענד, אַז עס פערכאַפּט אייער נשמה.

רייזען איז דער שטילסטער און בעשיידענסטער פון אלע אונ־זערע דיכטער.

זיין שפּראַך איז ניט רייך, זיינע ריטמען זיינען ניט פער־שיידענארטיג. די לעצטע צייט האָט ער אָנגעהויבען זאָרגפעלטי־גער בעארבייטען זיינע ליעדער, זוכען נייע הארמאָניען. אָבער די מעגליכקייטען זיינען בעגרענעצט, ערשטענס דורך דעם, וואָס ער איז אַ ריינער לירִיקער — אָהן עפּאָס, אָהן באלאדען, אָהן לע־גענדען, אָהן דראַמאַטישע פערזוכען — צווייטענס, דורך דעם, וואָס זיין ליריק אליין בעוועגט זיך אין געוויסע ענגע ראַמען.

פונדעסטוועגען בעגעגענען זיך ביי איהם אָפּט אַזוינע מוזי־קאַלישע זאַכען, וואָס מאַכען אַ אויסגעצייכענטען איינדרוק. אין קורצע 8־שורה׳דיגע ליעדער האָט ער קיין גלייכען ניט צו זיך צווי־שען אידישע דיכטער.

* *

*

רייזען איז נעהענטער פון אלע צום טאָן פון דעם אידישען פאָלקס־שאַפען. ער אליין האָט אַ נאָמען געגעבען איינִיגע פון זיינע ליעדער: „פאָלקס־מאָטיווען“. אָבער דאָס איז אַ איבעריגע זאַך: א ל ע זיינע ליעדער זיינען מעהר אָדער וועניגער פאָלקס־מאָטיווען. אלע זיינע ליעדער האָבען דעם חנ׳עוודיגען ליעבליכען טאָן און די קריסטאָל־קלאָהרע איינפאַכקייט פון אַ פאָלקס־ליעד. רייזען פערשפּאָרט זיך צופּאַסען „צום גייסט“ פון פאָלק. ער א י ז אזוי. ער קען ניט אנדערש. ער איז דורך און דורך נאציאָנאַל, אפשר אליין ניט וויסענדיג וועגען דעם. מיר מעגען דאנקבאר זיין

ליטא מיט דעם חדר, מיט דעם גאנצען שטערטעלדיגען לעבען, וואס זיי האבען געמאכט דעם דיכטער פאר אזא עכטען פאלקס־מענש.

נעהמט דאס ערשטע בעסטע רייזען׳ס ליעד, לאמיר זאגען „די היילונג“:

קוש מיר אוים די גראהע האר,
מיין זיס הארץ,
אפשר וועלען זיי צוריק
ווערען שווארץ!

דאכט זיך אייך ניט, אז דאס פאלק אליין האט געקענט אזוינע שורות בעשאפען?

אדער נעהמט אן אנדער ליעד: „חנוכה“.

„ברוך אתה“,
זינגט דער טאטע
און ער צינדט די ליכט,
און די שטראהלען,
מילדע, פאלען
אויף זיין בלאס געזיכט.

און א פייער —
הייליג טהייער —
אין די אויגען לייכט,
און דער מיעדער
מיט די גליעדער
האט זיך אויסגעגלייכט...

ווען מיר וואלטען אידישע שולען געהאט, וואלטען אלע אי־דישע קינדער אזוינע און אנדערע רייזען׳ס ליעדער אויף אויס־ווענדיג געקענט, און דאס פאלק וואלט אין א געלייטערטער פארם צוריק בעקומען דאס, מיט וואס ס׳האט בעשענקט דעם דיכטער.

רייזען האָט געגעבען אַן אויסדרוק נאָר צו איין זייט פון דעם פאָלק׳ס נשמה. די איבעריגע זייטען האָט ער געלאָזט פאַר אַנ־דערע — פאַר פרץ׳ען, ביאַליק׳ען און פאַר די, וואָס וועלען נאָך קומען נאָך זיי. אָבער פון זיין ווינקעלע איז ער גאָר גאָר נאָהענט צוגעגאַנגען צו די קוואַלען און האָט אונז רייכער געמאַכט מיט דעם פאָלק׳ס רייכטהום.

.(1915)

אברהם רייזען׳ס „אָבענד־קלאַנגען“.

וועגען רייזען׳ען רעדט מען ניט פיעל; די קריטיק האָט זיך מיט איהם גאָר ווייניג אָבגעגעבען, דערפאַר ל י י ע נ ט מען איהם אַ סך און ליעב האָט מען איהם. און דאָס איז, כ׳לעבען, אַ סך בעסער, איידער ווען די געשיכטע וואָלט געווען פערקעהרט.

רייזען אין אונזער ליטעראַטור איז ווי יענער אַלטינקער זיידע אין אַ גרויסער פאַמיליע. קיינער קוקט זיך אויף איהם, דאַכט זיך, גאָר ניט אום; יעדערער איז פערנומען מיט זיינע אייגענע עסקים; אין שטוב איז אַ רעש, אַ טומעל, אַ הו־האָ. אָבער יעדען איז אַזוי זים אויפ׳ן האַרצען, וואָס ס׳איז דאָ דאָרט אין ווינקעלע אַ שטילער, ליעבער זיידע מיט אַ גוטען שמייכעל אויף די ליפען. און פּרובט: זאָל דער זיידע ערגעץ פערשווינדען, וועלען אַלע פיהלען, אַז זיי פעהלט עפּעס.

רייזען אין אונזער ליטעראַטור געהט זיך זיין וועג — שטיל, געלאַסען, בנעימות׳דיג, מיט אַ האַלב־מיעדען שמייכעל אויף די ליפען. דאַכט זיך: איהר קענט איהם שוין גוט. דאַכט זיך: איהר וועט שוין פון איהם קיין נייע ווערטער ניט הערען. אָבער געהט ארויס אַ נייע זאַמלונג פון זיינע נאָוועלען אָדער ליעדער, כאַפּט מען זיך צו זיי פריהער ווי אַלצדינג, און עפּעס אַזוי וואַרים, היימליך ווערט אייך אויפ׳ן האַרצען, ווען איהר לייענט זיי. עס איז דער אַלטער, דורך־און־דורך בעקאַנטער רייזען, אָבער אַלע מאָל געפינט איהר אין זיינע זאַכען אַ נייעם אָבקלאַנג, אַ נייעם

קנייטש, א נייעם איינפאל. און איהר טראכט זיך: עס איז גוט, וואס ס'איז דא א רייזען אויף דער וועלט...

אין דעם נייעם באנד לידער קעהרט זיך רייזען אלע מאל אום צום געדאנק וועגען אלטקייט. שוין די זאמלונג אליין האט ער אנגערופען „א ב ע נ ד - קלאנגען". ער האט

געטראכט פון די ביסעלע יאהרען,
וואס זיינען זיך רוישיג צופאהרען...
געבליבען צו פאהרען ניט פיעל—
עס טונקעלט... פארנאכט...עס ווערט קיהל!...

איז אן אנדער ליעד, וואס דארף דיענען אלס שלום-אקארד צום גאנצען זינגענדיגען בוך, שרייבט ער:

דאס שעהנסטע ליעד-געזאנג,
די שעהנסטע מעלאדיען,
ניט זינג ביים בליהען,
נור זינג ביים אונטערגאנג.

דאס בליהען, פריינד, איז שעהן,
עס זינגט און קלינגט אליין!
דער אונטערגאנג איז וועה און מיעד,
פערזינג, פערקלינג עס מיט א ליעד!...

עס קומט אויס, אז דער דיכטער פיהלט זיך, ווי אן אלטער מאן, ווי א מענש, וואס דערנעהנטערט זיך צום אונטערגאנג. דאס איז, נאטירליך, נור א שטימונג, א פאעטישע עמפפינדונג. דאס איז ניט קיין סימן פון שוואכקייט. אין די „אבענד-קלאנגען" איז, פערקעהרט, א סך מעהר לעבען און א סך העלערע פארבען, ווי אין די פריהערדיגע רייזען'ס לידער. די דאזיגע שטימונג פון „אלט-קייט" האט אבער אריינגעטראגען אין זיינע געזאנגען א בעזונדע-רען, נייעם טאן. דער פאעט פיהלט זיך אפט העכער פון'ם לעבען, העכער פון גוטס און שלעכטס — און א גרויסע הארמאנישע רוה

לאזט אראב איהרע פליגלען אויף זיין נשמה. דאס איז די פי־לאזאפישע רוה פון אלצדינג־ווייסען און אלצדינג־פערגעבען.

כ'טראג א הארץ פול ליעבע,
כ'בין מיט ליעבע רייך:
גוטע מענשען, שלעכטע —
אלע זיינען גלייך.

אלע **שפיעלען** זיך נור, אלע זיינען ווי קינדער: מ'איז יונג און מ'איז אלט, און מען ליידט און מען יאגט זיך נאך גליק און מען מאטערט זיך אין נעצען פון ביטערע געדאנקען. דער דיכטער אבער בעטראכט דאס אלעס פו אויבען, און האט מיט־געפיהל מיט אלעמען:

קוק מיט פאטער־אויגען
אויפ'ן קורצען שפיעל...
גיב זיך אפט א בייזער,
אבער ניט צו־פיעל!

דען די קינדער שפיעלען
ביז ס'פערגעהט די זון,
און זיי געען שלאפען —
ס'איז קיין בייז דערפון!

מיט דער זעלביגער גרויסמוטיגער רוה בעגעגענט דער דיכ־טער זיין אייגענעם שווערען מזל. ס'איז דען כדאי זיך צו ערגערען, צו ברויזען מיט כעס און ליידענשאפט, וואס דאס מזל טהוט בסדר אלץ קאפויר? דאס גאנצע לעבען איז דאך נור א שפיעל — „ביז ס'פערגעהט די זון". נו, וואס־זשע זאל זיין!

וואס איך בעט און וואס איך וויל,
ווילסטו קיינמאל ניט ערפילען;—
מזל, אויב דאס איז א שפיעל,
דאן געפעלט מיר — לאמיר שפיעלען!...

אין די „אבענד־קלאנגען" איז פאראן ניט קיין סך אזוינע ליע־דער, וואס דערצעהלען אונז דירעקט וועגען אט דער גרונד־שטימונג פון רייזען'ס איצטיגען שאפען. אבער אז אבקלאנג פון דער דאָ־זיגער שטימונג פיהלט זיך כמעט אין אלע לידער פון דעם נייעם בוך — און דאס מאכט זיי ערנסטער, צייטיגער, בעדייטונגספו־לער, זיי בעקומען דורך דעם א פולערען, טיעפערען קלאנג.

דער דיכטער לעבט מיט אלצדינג, וואס ס'טהוט זיך אויף דער וועלט. ער איז ווי דער טהייערסטער אינסטרומענט מיט אן אונ־ענדליכער צאהל סטרונעס. טהוט זיך עפעס אין דער אויסען־וועלט, — קלינגט און ציטערט און זינגט שטילערהייט אן ענטפערענדע סטרונע. אבער אין דער זעלבער צייט הערט ניט אויף צו קלינ־גען דער גרונד־טאן, וועלכער גיסט זיך וואונדערבאר צונויף מיט אלע איבעריגע מאטיווען.

די גאמע פון רייזען'ס מעלאדיען איז אין איצטיגען באנד א סך ברייטער און רייכער, איידער אין אלע פריהערדיגע. דאס ליעד פון שוואכקייט, פון קבצנות, פון עלענדקייט בעגעגענט זיך נאך איצט אויך („עס בעפאלען מיך אנגסטען פון לעבען, עס בע־פאלט מיך פון לעבען דער שרעק", אדער: „שווארצע דיקע כמא־רעס אויף מיין הימעל הענגען; וואס־זשע טראגט איהר, כמארעס, וואס וועט איהר מיר ברענגען?"). אבער די דאזיגע מעמעס פערנעהמען שוין ניט דעם אויבען־אן. דער פאעט האט דערפיהלט, אז ס'איז דא א ברייטערע וועלט מיט א גאנצען ים פון געפיהלען, מיט א גרויסען אוצר פון געשטאלטען.

און ער רופט זיך אב.

אפטמאל פיהלט איהר ביי איהם גאר א שטארקען וועה־טאג, גאר א שניידענדיגען, שארפען שמערץ, וואס איז איהם פריי־הער געווען אומבעקאנט:

„מיר דאכט זיך, די ערד איז צושטויסענער גלאז,
און איך געה —
די פיס זיינען נאקעט, און שפיציג דער גלאז —
עס טהוט וועה!"

אַפּט דערהערט איהר ביי איהם אַ לייכטזיניגען, שטיפּע־רישען, אינגעלישען טאָן: געלעבט איז געלעבט!

ליעבסטע, אַ שמעטערלינג זיין וויל איך אויך,
מיר געפעלט!
קורץ איז דאָס לעבען, עס איז נור אַ הויך
אין דער וועלט!

אמאָל איבערראשט ער איך מיט אַ ליעבער וויציגער סאטירע. אַ פויגעל אַ וואנדערער קומט פון ווייטע לענדער און געפינט זיין נעסט צושטערט. דער בוים — דער רוהיגער, געזעצטער בעל־הבית — הויבט איהם אָן מוסר'ן, וואָס ער טראכט ניט פון זיין תכלית. דער בוים בעריהמט זיך: זעה, ווי איך שטעה, אזוי פעסט, אזוי זיכער!

דער פויגעל, ער שווייגט, אויפ'ן מויל ווי אַ זיעגעל.
ער טראכט: „דו האָסט וואָרצלען, איך אָבער—פליגעלן..."
אַפּט רעדט דער דיכטער פון ליעבע. און אויך דאָ פיהלט זיך, אז ער איז טיעפער, ערנסטער געוואָרען. דער אלטער נאָגענדער מאָן איז כמעט ווי פערשוואונדען. עס איז דאָ וועהטאָג (ווי איז דען מעגליך ליעבע אָהן וועהטאָג?), עס איז דאָ בענקשאַפט (דאָס איז דאָך שטענדיג דער שאָטען פון ליעבע), עס איז אָבער ניטאָ דער וויינענדיגער ניגון, וואָס פלעגט אָפּט קלינגען אין רייזען'ס ליעבע־ליעדער. גאָר פּלוצלונג קען דער פּאָעט זיך צולאכען — פריש, הויך, לעבעדיג, פון'ם פולען האַרצען, ווי אַן אמת'ער קלוגער פילאָזאָף.

וואָס איז פריהלינג? פריהלינג איז ליעבע.
וואָס איז ליעבע? ליעבע איז פריהלינג.
פריהלינג און ליעבע—פון גאָט'ס גנאדען ביידע,
ביידע אַ גאָלדענער, אַ ליכטיגער צווילינג.

זאָל זיין: דעם פּאָעט אליין איז אַזאַ ליעבע ניט בעשערט, אָבער דעם ווערטה איהרען פערשטעהט ער, און זינגען קען ער פון איהר מיט אַ העלען טאָן.

און עס איז אזוי נאטירליך, וואס רייזען האט זיך איצט אומגעקוקט אויף דעם אייביגען בוך פון ליעבע — „שיר השירים“. רייזען האט גענומען איינצעלנע מאמענטען, איינציגע שורות פון דעם גרויסען געזאנג, און האט זיי איבערגעדיכטעט, איבערגע־שמאלצען אויף זיין אייגענעם שטייגער. זיינען ארויסגעקומען אויסגעצייכענטע קליינע געדיכטען. דער ריטם פון דער ביבעל איז פערשוואונדען אין גאנצען, אבער אין רייזען'ס פאעזיע זיי־נען צוגעקומען עטליכע בלומען. אזוי איז בעזונדערס דאס ליעד אויף דער טעמע: „מי יתנך כאח לי“.

איך וואלט פאר א ברודער דיך האבען געגלוסט,
וואס האט ביי מיין מאמען געזויגען די ברוסט,
דאן וואלסטו געווען מיר ניט פרעמד און ניט ווייט,
און קושען דיך וואלט איך אין גאס צווישען לייט.

איינס פעהלט אין דעם נייעם בוך כמעט אין גאנצען: קאמפפס־מאטיוען. דא צאהלט רייזען מס דער געשלאגענער שטימונג אין דער אידישער וועלט. אבער אן אויסגעצייכענטער געדאנק איז איהם איצט איינגעפאלען: אויסנוצען די ווערטער פון די נביאים, וועלכע ריידען פון פרייהייט און שטראפען די שלעכטע געזעל־שאפטליכע ארדנונג. די פראבע איז איהם גלענצענד געראטען און מיר האבען פאר זיך א פראכטפאלע סעריע סאציאלע ליעדער. די בעסטע זיינען, דאכט זיך, פון ירמיה, אויפ'ן מאטיוו „הוי החוקקים“ און „הוי בונה ביתו“:

ווערה איז יענעם אויף דער וועלט,
ווער זיין הויז אהן משפט שטעלט,
און דעם חבר אויסגענוצט,
און די צימערען פערפוצט,

און די ווענד געפארבט פערשיעדען
מיט דער ארבייט פון דעם מידען.
ניט קיין פארב איז דאס, נור בלוט!
וועה איז יענעם, ווער דאס טהוט...

צו די סאָציאַלע לידער געהערען אויך די עטליכע, וואָס ריי־דען וועגען די אמעריקאַנער אידען. רייזען, ווי כמעט אַלע היינ־טיגע אידישע שרייבער, איז דאָך נור אַ העלפט — אַ רוסישער, מיט דער אַנדערער העלפט איז ער איינגעוועבט אין אַמעריקאַנער לעבען. ווי אַן אמת'ער דיכטער, פיהלט ער דעם אינווענינגסטען ציטער פון די אידישע נשמות אין אַמעריקאַ, די צוריסענהייט פון דעם לעבען, וואָס איז האַלב אויף ד ע ר זייט אָקעאַן, האַלב אויף י ע נ ע ר זייט. איך קען ניט קיין שעהנער ליעד אין דער אי־דישער ליטעראַטור, ווי די זעקס שורות פון רייזען'ען, וועלכע זיינען געווידמעט זיינע אַמעריקאַנער חברים:

עס ציהט זיי צום שורש, עס ציהט זיי צום שטאַם,
די אָרימע ברידער פון יענער זייט ים.
עס רוישט און עס ברויזט די געפונענע וועלט,
די נייע, די פרייע — אויף גיך אויפגעשטעלט.
עס ציהט זיי צו אונז און אונז ציהט צו זיי,
און קראַנק זיינען ברידער אין וועלט־טיילען צוויי.

ווי וועניג ווערטער — און וואָס פאַר אַ אויפריכטיגקייט פון געפיהל און אויסדרוק!

עס איז שווער זיך צו שיידען פון דעם נייעם בוך לידער. עס איז זיי דאָ אַזוי פיעל האַרץ און אַזוי פיעל האַרציגקייט, און אַזוי פיעל ריינע, אויסגעלייטערטע שעהנקייט. די שפּראַך איז אין זיי — אַן אמת'ע מוזיק, די ריטמען זיינען, אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע, אַ סך קלינגענדער און רייכער. די פּאָר אומגעלונגענע זאַכען, וואָס האָבען זיך אריינגע'גנב'עט אין די „אָבענד־קלאַנגען" („די היילונג", „דער גרויסער ים") קענען ניט שטערען דעם אַל־געמיינעם איינדרוק פון עפּעס אַ פערענדיגטען, אין זיך געשלאָ־סענעם, האַרמאָנישען גאַנצען.

(1914).

דוד איינהאָרן.

I.

אַ קינד דרעהט זיך אַרום אין פעלד. איינס אַליין אין מיטען גאָט'ס וועלט. אויבען אַ ווייטער הימעל, פון אַלע זייטען דאָס פעלד אָהן אַ גרענעץ, — און דאָס קינד איז אַליין. טאַטע־מאַמע האָבען עס פערגעסען, פרעמדע קימערען זיך ניט וועגען דעם, און קיינער וועט ניט קומען און אויסשטרעקען אַ האַנד.

האָט דאָס קינד מורא? ניין. ס'איז איהם נאָר עפּעס אונהיימליך אויפ'ן האַרצען. דאָס פעלד איז שעהן. די גראָזען סוד'ען זיך. אַ ווינטעל בלאָזט פון ערגעץ מיט אַ ריח פון בשמים. די זון, נויגט זיך שוין צום ראַנד הימעל. אַלעס איז רוהיג און שטיל. אָבער דאָס קינד איז אומרוהיג. עס פערקוקט זיך אַמאָל אויף דעם קלאָהרען הימעל, עס שטרעקט אויס אַ הענטעל צו אַ שמעטערלינג אין דער לופטען. אָט בעווייזט זיך גאָר אַ שמייכעל אויף די פרישע ליפּען. אָבער ניט קיין זיכערער איז דער שמייכעל. און אין הערצעל נאָגט, נאָגט...

וויינען? ניין. דאָס קינד וויינט ניט, אָבער צו גרויס איז פאַר איהם די ערד, צו הויך דער הימעל, צו פיעל סודות לויערען פון אַלע זייטען. און אַליין איז דאָס קינד אַזוי קליין. ווער וועט דאָס פּיעשטשען? ווער וועט זינגען אַ וויעג ליעד?

ס'וועט קומען נאַכט. דאָס קינד וועט איינשלאָפען אויפ'ן גראָז. פאַר'ן שלאָף וועט עס אַזוי שטאַרק רחמנות האָבען אויף זיך אַליין, אַז טרעהרען וועלען זיך בעווייזען אין זיינע אויגען. און אַזוי אין טרעהרען וועט עס שליסען די אויגען. אין שלאָף

וועט עס זיפצען שטיל — און אמאל וועט א שמייכעל זיך גליטשען איבער'ן טהויאיגען פנים'ל.

עמיץ האט זיך פערבענקט...
צו דעם בלאה־ווייסען רוים,
צו דעם נעץ פון די צערטליכע ליכטיגע שטראהלען
האט פלוצלונג א שטילע מעלאדיע דערגרייכט
ווי א טרוים,
און דערנאך אין דער ווייטקייט פערפאלען...
עמיץ האט זיך פערבענקט...

ווער? דעם דיכטער'ס נשמה? אפשר יא, און אפשר ניט. די וועלט אליין איז דאך פאר איהם פול געווען מיט בענקשאפט. די נאטור — איין גרויסע מיסטעריע פון בענקשאפט. עס שוועבט „אן אומעט אויף דונקעלע פעלדער"; עס שטעהען „צעווארפענע איינזאמע בוימלעך"; עס הענגט „א בלאהער פערטרויערטער הי־מעל"; עס וועבען זיך „ווייסליכע זיידענע נעבלען, ערפילט מיט א צערטליכען וועה"; עס שטארבען „פארנאכטען ווי עלענדע קינ־דער"... ערגעץ אויף א פרישען קבר האט „א קליינע פרויען־האנד קליינע ווייסע בלימעלעך פערזייהט"... און א פערבענקטער גייסט איז אראב פון'ם הימעל, סוד'עט פון פערגאנגענעם גליק, ציהט ער־געץ, לאזט קיינמאל ניט צורוה

און וועקט דאס הארץ, און דריקט פון אויג א טרעהר
און רופט, רופט, נישט ווייסענדיג אוואו...

אין די ערשטע יאהרען פון זיין שאפען איז די וועלט פאר איינהארנ'ען געווען איינגעהילט אין נעבעלדיגע שלייערס. אלע לי־ניען זיינען געווען צושוואומען. אלע קאנטורען האבען זיך גע־וויגט און געציטערט אין אן אונבעשטימטען ליכט. אמאל פלעגט די זון אריינשיינען צווישען די נעבעלס, האט זיך בעשאפען א ליכטיגער פלעק. אפטער אבער פלעגען שטילע שאטענס זיך אויס־שפרייטען און אנפיהרען זייער כשוף־שפיעל.

דאס זיינען געווען די יאהרען, ווען איינהארן האט שוין צ ו א פ ט געברויכט די ווערטער „שטיל" און „צערטליך" און „בלאס", און „זיידען" און דאס גלייכען. „א שטילעם געבעט", „שטילע

מעלאָדיע", „שעפּטשען שטיל א תּפלה", „צערטליכער וועה", „צערטליכע ווייסקייט", „צערטליכע שטראהלען", „ראָזער, צאַר־טער שטראַהל", „בלאַסער, קרענקליכער שיין", „קליינע, בלאַסע שטערענדלעך", „בלאַסע בת־מלכה".

אין יענע צייטען האָט זיך נאָך איינהאָרן ניט גענויטיגט אין קיין ט ע מ ע ן. גענוג געווען זיך איינצוהערען אין אָט דעם שטילען בענקען, וואָס ציהט און קלעמט אין הארצען און איז גרייט זיך צוצוטוליען צו אלצדינג אויף דער וועלט; גענוג געווען זיך איינצוקוקען אין דער ארומיגער וואונדער־וועלט, וואָס איז גאָר ניט רעאַל, וואָס איז נאָר א שעפּפונג פון אונזער פאַנטאַזיע, א מי־ראַזש, א פאַנטאַסמאַגאָריע, ניט קוקענדיג אויף איהר כלומר'שטי־גער רעאַליטעט.

און איינהאָרן האָט ניט פיעל איבערגעטראַכט — און האָט געזונגען. לויט זייער אינהאַלט זיינען די געזאַנגען ניט געווען ניי. די מאָטיווען האָבען ביי איהם אליין זיך איבערגע'חזר'ט זעהר אָפט. דערפאַר זיינען די ליעדער געווען אונענדליך ווייך, די שפּראַך דע־ליקאַט, דער טאָן צערטליך, ריין און זיס, ווי דאָס קוים־הערבאַרע קלינגען פון א גלעזערנעם גלעקעל ערגעץ ווייט. און מעהר ווי דער טאָן און די שפּראַך האָט אונטערגעקויפט די קינדערשע אָפען־הערציגקייט און פרישקייט, וואָס האָט געהויכט פון די סטראָפען.

זיי זיינען געווען כמעט צו סענטימענטאַל, צו ווייבליך. אבער דאָס האָט ניט געאַרט. ווייל הינטער זיי האָט זיך געפיהלט א מענש אהן א הויט, א מענש פון לויטער נערוועו, וואָס ציטערען, דאַכט זיך, גאָר אהן אן אורזאַך און זינגען און קלינגען און קענען קיינ־מאָל ניט רוהען. איינהאָרנ'ען האָט מען מוחל געווען דאָס, וואָס עס וואָלט ביי אַנדערע געווען פערדראָסיג. איינהאָרן'ס ליעדער זיי־נען געווען אזא טיעפער אונגעוועהנליכער אמת, אז מ'האָט פער־געסען די געוועהנליכקייט פון זייער אינהאַלט. עס איז געווען א גרויסער עסטעטישער פערגעניגען זיך איינצוהערען אין יעדען נייעם ודוי פון א יונגער פער'חלום'טער נשמה.

און איינהאָרן האָט געזונגען. נײַן, ניט געזונגען, נאָר דער־צעהלט הארציג און ליעבליך, ווי צו אן אייגענעם. ריכטיגער: געקלאָגט זיך, געבעטען מיטגעפיהל.

איך בין דאָ אַן עלענדער געקומען פון דער ווייטען.
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַנ׳, און פרעמד איז מיר
זיין שפּראַך.
נישט ער וועט מיין טרויער זעהן און נישט פערשטעהן
מיין תפלה,
חאָטש איך וועל מתפלל זיין, מתפלל זיין אַ סך.

עפּעס אזא מין הילפלאָזיגקייט האָט ארויסגעקוקט פון צוויי־שען די שעהמעוודיגע ווערטער. אָבער דער דיכטער האָט ליעב גע־האָט זיין הילפלאָזיגקייט, ווי ס׳איז אמאָל ליעב אַ קראַנקען צו פיהלען די שוואכקייט פון זיינע גליעדער, ווען ער הויבט שוין אָן קומען צו זיך נאָך אַ שווערער קראַנקהייט. איינהאָרן האָט גע־וועבט זיינע שורות ווי פון לבנה־שיין, און זייער כשוף האָט ער אריינגעהויכט אין אונזער נשמה.

אלץ איז מיר פרעמד, אלץ איז מיר ווייט,
נישטאָ קיין אָרט, וואו בלייבען דאָ.
עס שיינט די זון, דער הימעל בלאָה,
נאָר מיר געהט יעדער שטראהל פארביי...
אלץ איז מיר פרעמד, אלץ איז מיר ווייט.

אין אָט דער פרעמדער וועלט האָט נאָר **א י י ן** גרוס גע־קענט קומען צום „עלענדען זינגער״: דער גרוס פון אַ ליעבער. ער האָט פיעל געטרוימט וועגען איהר אין די „ראָזע און צארטע פארנאכטען״. ער האָט געזוכט איהר געשטאלט אין וואלד און שטערען־שיין. זי איז געווען אין דעם רויטען שימער אויפ׳ן ראנד פונ׳ם הימעל ווען ס׳פערגעהט די זון. זי איז געווען דער אָטהעם פון דער נאטור, די נשמה פון גאָר דער וועלט. זי איז אָבער ניט געווען קיין לעבעדיגע מענשען־קינד פון פלייש און בלוט. זי האָט געלעבט אין אַ הילע פון נעבלען און געווען **א ו נ פ ע ר־ז ע נ ל י ך**.

זומערדיגע אבענדס! היימליכע געצעלטען,
בלאָהע און מיט טולען דונקעלע געבעט!
וואו איז אייער מלכה? אין דער לופטען פיהל איך
וועהט איהר ווארים אָטהעם, גליטשט זיך צארט און גלעט.

די דאָזיגע בענקשאַפט נאָך דער מלכה האָט ניט געשטערט דעם אַלגעמיינעם טאָן פון איינהאָרן'ס „שטילע געזאַנגען". פער־קעהרט. דער חלום פון ליעבעס־גליק האָט זיך האַרמאָניש צונויפ־געגאָסען מיט דעם גליק פון זעלבסט־רחמנות און דער זיסקייט פון אומעט. און ס'האָט זיך בעקומען יענער אייגענטימליכער קלאַנג, וואָס האָט אונז געמאַכט איינהאָרנ'ען ליעב און ווערטהפול נאָך גאָר אין די ערשטע צייטען פון זיין שאַפען.

מיין ליעד איז געפאַנגען אין ריטם פון טרויעריגע שטילע
גע‎זאַנגען.
עס סוד'ען די ווערטער, ווי בלעטער וואָס וועלקען און
פאַלען פון בוים;
עס ציהען זיך פערזען נאָך פערזען, ווי בייטען מיט
שפּעטיגע זאַנגען
פון אונטער אַ הימעל אַ גרויען, וואָס זיפּט מיט אַ
רעגעלע קוים.

דאָס איז געווען דער גרונד־מאָטיוו. דאָס איז געווען איינ־האָרן. בין־השמשות־שטימונגען דערצעהלט מיט אַ מרה־שפורה'־דיגען נגון. אַ שטילער אָבזאָג פון גליק, ווייל נאָך גליק קען מען נאָר בענקען און עס קיינמאָל ניט דערגרייכען. אַ טרעהר פון אַ קינד און אַ שמייכעל פון שלאָף.

די שפּראַך איז אין יענע ליעדער געווען אַ נייעס. אַזוינע שטילע ווערטער האָט קיינער ביז איינהאָרנ'ען ניט בעשאַפען אויף אידיש, — אַזוינע פערטרויליכע, אינטימע, צוגעלאָזטע, אָבער ווירדיגע ווערטער, וואָס לעבען זייער בעזונדער'ען מוזיקאַלישען לע־בען. און דאָך זיינען זיי אָפטמאָל געווען שווין צו איינטאָניג, זיי האָבען כמעט איינגעוויעגט מיט זייערע גלייכמעסיגע וועלען. און נאָר אין די איינצעלנע מעהר קאָנקרעטע ליעדער („אידיליע", „אין אידישען געסעל", „אבר אבייי"), וואו דער דיכטער פלעגט אויף אַ רגע פאַנאַנדערוועהען די קאָלירענדע נעבלען פון אַרום זיך און אַריינקוקען דייטליכער אין די פאָרמען פון לעבען, האָט די שפּראַך זיינע אויך בעקומען מעהר פעסטקייט און גלאַנץ.

II.

דאָס פערבענקטע קינד איז געווען ניט אַ מענשען־קינד סתם, נאָר אַ א י ד י ש קינד. הינטער זיין מיעדקייט האָבען זיך גע־פיהלט דורות וואנדערער, וואָס האָבען מיט'ן שטעקען אין האנד געטרעטען איבער אַלע וועגען פון דער וועלט; אין זיין שטילען זיפץ האָט אָבגעקלונגען דער חצות־נגון פון טויזענד אלטע זיי־דעס, וועלכע פלעגען האַלבע נאכט זיך אויסרעדען דאָס הארץ פאר זייער פאָטער אין הימעל; אין זיינע פערבענקטע מעלאָדיען האָט געאָטהעמט די שטילקייט און דער פייערליכער אומעט פון נעילה מיט דעם טרעהרען־אנגעזאָפטען, אָבער דאָך שטיל־האָפענדען: „היום יפנה, השמש יבא ויפנה, נבואה שעריך"...

אַזוינער ווי איינהאָרן האָט געקענט זיין אָדער אַ זוהן פון דורות אדעליגע, וואָס האָבען לאנג אויסגעאיידעלט און פערפיי־נערט און פערצערטעלט זייערע געפיהלען, ביז זייער לעצטע שפּראָ־צונג האָט שוין אָנגעוואָרען דעם געזונדען חוש פון לעבען; אָדער אַ זוהן פון אַ פאָלק, וואָס גרויזאַמע כחות האָבען עס ניט צוגעלאָזט צום קוואַל פון לעבען און וואָס האָט זיך דעריבער אויסגעלערענט צו טרוימען און פאַנטאַזירען, אַנשטאָט צו קעמפּפען און שטרע־בען. און אפשר איז אין איינהאָרן'ען פעראייניגט ביידעס... ווא־רום זיינען דען די אלטע דורות למדנים און מקובלים ניט געווען קיין אדעליגע, און האָבען זיי דען ניט געאָרבייט הונדערטער יאָהרען צו פעראיידעלען זייער נשמה?

אַ קינד פון נאַציאָנאַלען דעקאַדאַנס; אַ פּרוכט פון לעבענס־מיעדקייט; אַ שטים פון טויזענדער, וואָס זיינען צו שוואך צו וועלען און צו שטאָלץ צו בעטען, — אָט דאָס איז געווען איינהאָרן און דאָס איז ער ביז אַ געוויסען גראַד געבליבען אויך איצט. ער האָט אָנגעהויבען שרייבען אין אַ צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט גראַד ארויסגעוויזען גרויסע ענערגיע און לעבענס־פערלאַנג. דאָס זיינען געווען די רעוואָלוציאָנס־יאָהרען 1905 און 1906. אָבער אפילו יענע שטורעם־בעוועגונגען האָבען דאָך ארומגעכאַפּט נאָר אַ ט ה י י ל פון'ם פאָלק. גרויסע מאַסען האָבען אויך דעמאָלט נאָר „געבענקט אין אַ טרויער און געהאָפט אין אַ שטענדיגען צוויי־

פעל“. שפעטער, אין די שווערע יאהרען, איז זייער צאהל געוואַ־
רען נאָך גרעסער.

איינהאָרן האָט, בעוואוסט צי אומבעוואוסט, וויברירט אין
איין ציטער מיט די נשמות פון אָט די פיגלען.

שוין אין די ערשטע יאָהרען האָט ער ניט געקוקט אויף זיינע
שטימונגען ווי אויף ריין־פּערזענליכע. שוין דעמאָלט האָט ער ליעב
געהאט צו אידענטיפיצירען זיך מיט׳ן כלל, מיט „איד“ סתם. „מיין
פריינד“, „מיין קינד“! — האָט מען אָפט בעגעגענט אין זיינע
פריהעסטע ליעדער, און דאָס איז אויסגעקומען אזוי, אקוראט ווי
אַן אַלטער פיגל־געפּרובטער מאַן ווענדעט זיך צו אַ יונגען און דער־
צעהלט איהם דעם צער פון אַלע. אין אזוינע ליעדער, ווי „תשעה
באב“, האָט איינהאָרן נאָך אין אַנהויב פון זיין שאַפען צונויפגע־
שמאָלצען אויף אַ וואונדערבארען אופן אי נאַטור־בילדער, אי פּער־
זענליכען צנועה׳דיגען וועה, אי קאָלעקטיווע בענקשאַפט.

שפּעטער ווערט אָט דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו — דער לייי־
טענדער אין איינהאָרן׳ס שאַפען. ער איז שוין ניט גלאַט אַ קינד,
וואָס בלאָנקעט זיך ארום אין דער וועלט: ער איז דער לעצטער
פון אַ משפחה פּרינצען, ער איז דער איינציגער וואָס איז געבלי־
בען פון לאַנגע לאַנגע דורות כהנים. ער טראָגט אויף זיינע צאַרטע
פּלייצעס דעם שמערץ פון זיין פאָלק׳ס אונטערגאַנג. ער צינדט
מיט זיינע שוואַכע הענד די לעצטע ליכטלעך פאַר זיין פאָלק׳ס
אַלטען ארון קודש.

אין אָט דער צווייטער סטאַדיע פון איינהאָרן׳ס ענטוויקלונג
ווערט זיין טאָן זיכערער, זיינע בילדער — בעשטימטער. ער האָט
געפונען אַ געגענשטאַנד, ער האָט ענטדעקט דעם מיטעל־פּונקט,
ארום וועלכען עס בעוועגען זיך די מיעדע טריט פון זיין מוזע. די
בענקשאַפט געהט איבער אין וועהטאָג; די איינזאַמקייט — אין
אַ שטילע, אדעליגע ווירדע פון איינעם וואָס זעהט דאָס אונפער־
מיידליכע און אנערקענט עס.

> אַ צער פון טויזענד דורות ליגט אויף מיר;
> די גרויסע פּיין געשטעמפּעלט האָט מיין שטערן.
> מיין טייערע, ווער ווייסט צו וועל איך ווען
> דעם שופר פון מיין אויסלעזונג דערהערען.

ערנסט, טיעף, אונהיימליך רוהיג קלינגען איצט די געזאנגען פון'ם דיכטער. ערגעץ לויערט דער צער. ערגעץ האָט די פערצווייפלונג זיך איינגעגעסען אין דער נשמה. אָבער אַזוי איז אַלעם רוהיג. דער פּנים איז בלאַס. די אויגען גרוים און פייכט. אַמאָל קען אפילו אַ שמייכעל אויפשיינען מיט אַ שוואַכען שטראַהל.

עס איז נאָך אַלץ דער קראַנקער הילפלאָזער שמייכעל פון אַ פערלאָזען קינד. אָבער איצט האָט דאָס קינד ענטדעקט זיין צוגעהעריגקייט צום כלל. דער לעצטער אָבגלאַנץ פון אַ שכינה ליגט אויף זיין שטערען. אין זיינע ליעדער זינגט דער עלענד פון אַ וועלט.

פאַראויס איז גאַר ניטאָ, דער וועג וועט זיין אונענדליך...
בעהאַלט זיך ערגעץ וואו און גיב זיך אָב דיין טרוים.
נישט וואַרט אויף איהם, מיין פריינד, ער וועט צו אונז
נישט קומען —
דערשלאָגען ליגט ער ביי די טויערען פון רוים.

נישטאָ קיין רחמים מעהר; דער הימעל איז פערשלאָסען;
די שכינה איז אַוועק, געלאָזען אונז אַליין.
און גרוים איז אונזער צער, ער שטייגט אַריבער וועלטען,
און מיר—מיר זיינען מיעד אַנטקעגען איהם און קליין.

וואָס טהוט מען? בעטען? ווער וועט די איינזאַמע תפלה פערנעהמען? שרייען? — דאָס איז ניט ווירדיג פאַר דעם לעצטען פון די פרינצען. און וואָס וועט דאָס העלפען? געשריי איז אַ פאָרם פון קאַמפף — און ווי קען מען קעמפּפען געגען אַ פּערזיעגעלטען גורל? בלייבט נאָר איינס: בעהאַלטען דעם פּנים אין די פאַלבען פון דעם אַלטען פערשטויבטען פרוכת און איינדרעמלען שטיל, און חלום'ען אַז דאָס אַלטע קעהרט צוריק און אַז ביי יעדען שטענדער שטעהט אַ הייליגער. וואָס איז געשטאָרבען על קידוש השם.

די דאָזיגע אונטערגאַנגס-ליעדער פון איינהאָרן'ען זיינען פול מיט אַ בעזונדערער שעהנקייט. איהר מעגט מיט זיי איינפער-

שטאַנען זיין אַדער ניט, איהר מוזט זיך אויף זיי אָברופען, זיי ריהרען אייך מיט דעם אמת פון אַן אונמיטעלבארען געפיהל. די איינזאמע עלענדע שכינה פערוואנדעלט זיך פאַר אייך אין אַ לעבעדיגען טרויערפויגעל גייסט. דער נר־תמיד, וואָס דער ווינד פערלעשט, ווערט פול מיט אַ טראַגישער בעדייטונג. די צוויי פערבראָכענע הענד אונטער דער קרוין פון כהונה ווערען אייך נאָהענט און טהייער. זעלטען ווען ס׳קומט אוים צו טרעפען אַזוינע ליעדער ווי „געשטאָרבען דער לעצטער בעל־תפלה“ און „מיר וועלען פערבלייבען אין שול“. עפּעס ווי די אַקאָרדען פון אַ איבעראירדישען רעקוויעם הערען זיך אין לעצטען ליעד.

מיר וועלען פערבלייבען אין שול,
ביז די טריט פון דעם לעצטען אין ווייט וועט פערשווינדען,
און ס׳וועט דעם נר־תמיד פערלעשען דער ווינד,
דאַן וועלען מיר ווידער זיין ליכטעל אָנצינדען.
מיין קינד!
עס טאָר זיך ניט לעשען,
מען טאָר ניט פערגעסען
צו שטעלען אַ יאָהר־צייט דער שכינה פון פאָלק.
מיר וועלען פערבלייבען אין שול...

אין איינהאָרן׳ס נאַציאָנאַלע ליעדער איז ניטאָ ניט קיין פּראָטעסט, ניט קיין האָפנונג, אויך ניט קיין פערגעבונג. עס איז די ריינע, אונגעטריישטע פערצווייפלונג. ווען ער בעט שוין גאָט, בעט ער ניט קיין אָרט אונטער דער זון צו לעבען, נאָר אַ שטיקעל פּלאַץ פאַר אַ קבר, וואו ער זאָל קענען רוהיג ליגען און וואו די טרעהר פון זיין קינד זאָל קענען אמאָל פאַלען. אָבער ער ווייסט, אַז אויך דאָס איז אַ אומזיסטע תפלה.

אָפט איז דער פערלאַנג נאָך רוהע אַזוי גרויס, אַז ס׳פערגנב׳עט זיך אַ געדאַנק: טאָמער גאָר אין מאָנאַסטיר. ער איז אַזוי וויים און פריעדליך און מילד — דער אַלטער קלויסטער צווישען גרינע פעלדער און בוימער. זיין גלאָק קלינגט מיט אַזאַ זאַנפטקייט און רופט און פערשפּרעכט:

קיינער, קיינער וועט ניט שטערען דיר דיין רוהע,
דורכ'ן פענסטער וועסטו זעהן נאר פעלדער תבואה
און דעם אונבעגרענצטען טיעפען הימעל'ס בלאה.
מעהר ניט ווי די גרינע בוימער רוישען דא.

אבער צו שטארק איז די שנאה צום קלויסטער ביי אידען, צו פיעל שלעכטס האט ער זיי געטהאן.

אין איינינע לידער פון דעם צווייטען פעריאד האט איינהארן געפרובט האבען א דין־תורה מיט דעם קלויסטער, מיט דער קריסט־ליכער וועלט. אהער געהערען דאס ליעד „צווישען די זאנגען" און א גרעסערע פאעמע „עלילת דם".ביידע זיינען פון זיינע שוואכערע זאכען. איינהארן האט אין זיי געוויזען, אז ער האט נאך ניט די אויסגעהאלטענקייט און די רייפקייט פון א עפיקער. מען קען ניט זאגען, אז „עלילת דם" איז אינגאנצען אן אונגעלונגען ווערק. יעדענפאלס איז דארט דא מעהר ווערטער, ווי אינהאלט, און די בילדער זיינען ניט גענוג דייטליך.

דער צווייטער פעריאד פון איינהארן'ס שאפען (אונגעפעהר 1909־1912) איז געווען די צייט פון די שטארקסטע נאציאנאליסטישע שטימונגען צווישען אידען אין רוסלאנד. איינהארנ'ס לידער האבען אריינגעפאסט אינ'ם אלגעמיינעם כאר. זיי האבען געוועקט אינטערעס און אנערקענונג. פאר אלע פריינד פון זיין טאלאנט איז אבער געווען קלאר, אז ער — דער טאלאנט — איז אריין אין א טעמפען ווינקעל. עס איז שעהן צו צינדען דעם נר־תמיד אלס דער איינציגער און לעצטער איד, עס איז אבער קלאר, אז מיט אזוינע שטימונגען קען א דיכטער זיך לאנג ניט נעהרען. דאס פעלד איז ניט רייך, עס פערמאגט ניט די פערשיידענארטיגקייט פון לעבען און איינהארן'ס פאעזיע האט געפעהלט בלוט, געפעהלט א לעבעדיגער פולס. פאקטיש האט ער שוין אנגעהויבען איבער'חזר'ען זיינע אייגענע מאטיוען — און דאס איז געפעהרליך פאר יעדען קינסטלער. און דאך האבען איינינע לידער פון זיין צווייטער זאמלונג („זכרונו", „אין וועג", „אקארד") געוויזען, אז ער קען יא אטעמען מיט דער פרישער לופט פון רעאלער ווירקליכקייט און דארף

זיך ניט האלטען אָן די מויערען פון דער אַלטער שול אין די ענגע אַלטע ווילנער גאַסען. עס האָט זיך געפיהלט עפּעס געקינסטעלטעס, קראַנקהאַפטעס ביי איינהאָרן'ען אין יענער צייט.

III.

האָט די רוסישע רעגיערונג איהם אַ טובה געטהאָן און (ענדע 1912) איהם אַרויסגעשיקט אויף צוויי יאָהר קיין אויסלאַנד — פאַר פּאָליטישע חטאים, וואָס ער איז קיינמאָל ניט בעגאַנגען. איינהאָרן איז איבער געוואַלד אַרויסגעפאָהרען קיין שווייץ — און דאָ הויבט זיך אָן דער דריטער פּעריאָד פון זיין שאַפען.

אויסלאַנד! אַ ברייטע וועלט. שעהנע שטעדט, הויכע בערג, גרין־קלאָהרע אָזערעס. אַ קאָכיגער געזעלשאַפטליכער לעבען. אַ שלאָגענדער שטראָם פון פרישער, מונטערער ליטעראַרישער טהעטיגקייט. אַן אוניווערזיטעט מיט ערנסטע פאָרשונגען און ברייטע האָריזאָנטען. דאָס אַלעס האָט געמוזט האָבען אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אונזער געטהאָ־קינד און איבערגעקנעטען זיין גאַנצע נשמה. עס איז אויסגעקומען אַזוי, ווי מען וואָלט אַרויסגעטראָגען אַ צאַרטע אָראַנזשעריי־פלאַנצונג אויף אַ ווינד און רעגען. פיעלע בלעטלעך וועלען אָבפאַלען, פיעלע צווייגלעך וועלען אויסגעדרעהט ווערען, דער שטאַם אַליין וועט ציטערען און זיך איינשרימפּען. אָבער סוף כל סוף וועט די פלאַנצונג ווערען מעהר ווידערשטאַנדס־פעהיג און וועט אָנהויבען אַ ניי וואַקסען און בליהען אין געזונטערע, נאַרמאַלע פערהעלטענישען.

איינהאָרן'ס פּאָעזיע אין אויסלאַנד לעבט איבער אַ שטאַרקע מעטאַמאָרפאָזע. די צעשוואָומענהייט פערשווינדט כמעט אין גאַנצען. דער צאַרטער נעבעל ווערט צורונען — און געגענשטאַנדען זעהען זיך קלאָהר, ליכטיג, פעסט. די בענקשאַפט פערלאָזט דעם אויבען־אָן. די אונטערגאַנגס־מאָטיווען געהען אַראָב פון דער סצענע. די שפּראַך ווערט אָן איהר צו גרויסע זאַנפטקייט און קען אַמאָל גאָר קלינגען מיט מעטאַל. עס שטעהט אויף פאַר דעם דיכטער די צווייפאַכע אויפגאַבע: ערשטענס געפינען נייע ט ע מ ע ן

פאר זיינע לידער, צווייטענס, אויסשמידען אַ פּאַסענדע פּ אָ ר ם פאר די נייע מאָטיוועו.

ביידעס טהוט איינהאָרן אין אויסלאַנד — און טהוט מיט ער־פאָלג. מיט יעדער נייער פראָבע זעהט מען, אז ער זוכט עפּעס; מיט יעדען נייען ליעד ווערט פעריאָגט דער אַלטער צויבער פון די שמאָלע ווילנער געסלעך.

איינהאָרן עפענט צום ערשטען מאָל זיינע אויגען און דער־זעהט די נאַטור. זי איז אַ פרעמדע; אין איהר איז ניטאָ דער ליטווישער אומעט; אונטער די בוימער זיצען ניט אַלטע אידען, מיעדע פון טויזענד־יאָהריגען גלות. אָבער טאַקי דעריבער קען ער קוקען אויף איהר מיט פרייע אויגען; קען ער בעמערקען איהר אָביעקטיווע שעהנקייט. און עס דערוועקט זיך אין איהם אַ חשק צו מאָלען דאָס געזעהענע, צו לעגען אַ פּינזעל־שטריך לעבען אַ פּינזעל־שטריך. איינהאָרנ׳ען קען איצט איינפאַלען אַ אידעע: אָנשרייבען אַ גרופּע לידער: „גענפער זעע“, — מאָלען דאָס פאַרבען־שפּיעל און פאַרמען־וועקסעל אין דער וועלט פון בארג און וואַסער און נעבעל.

איינהאָרן ווערט ניט אויס נאַציאָנאַל. אָבער אין זיינע נאַ־ציאָנאַלע לידער איז איצט דאָ מעהר בעשטימטקייט, מעהר דרייסט־קייט. דער קריעג־אומגליק רופט ביי איהם אַרויס אַ רייהע לידער, וואו עס פיהלט זיך שוין עמפּערונג.

אין ווילדען שטראָם פון בלוט שטיל פאַלען מיינע טרערען.
בעשיץ זיי גאָט!
פון פרעמדען וועה קען מיר נישט גרינגער ווערען,
איך קען נאָר איין געשריי פון ווילדען ווירבעל הערען:
די שטימע פון מיין פאָלק.

די לידער ענדיגען זיך מיט אַן אויסגעשריי:

דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין מיינע אָדערען,
אַ טאָכטער פון מערטירער ביזטו, קינד,
מיר מוזען געהן אין וועלט און דאָרטען פאָדערען
גערעכטיגקייט פאר אַלץ וואָס ליידט אַצינד.

דאָס בעדייטענדסטע, וואָס איינהאָרן האָט געשאַפען פאַר דער לעצטער צייט, איז דאָס שפּיעל „אין דריי אַרויסטרעטונגען" אונ־טער'ן נאָמען „צביה" און די סאָנעטען „צו אַ אידישער טאָכטער".

אין „צביה" זיינען אַוועקגעשטעלט צוויי וועלטען איינע אַנט־קעגען דער צווייטער, צוויי וועלט־עמפּפינדונגען, צוויי קולטורען: די אַלט־העברעאישע און די העלענישע. שמעון, איינער פון די קריעג־פיהרער אין לאַגער פון די מעקאַבייער, און אַפּאָלאָדאָר, אַ יונגער גרעק, קעמפּפען פאַר דער גונסט פון אַ רייכער אידישער טאָכטער צביה אין אַלטען ירושלים. זייערע וואַפען זיינען — פּאָ־עזיע, זייערע קריעגס־לייט — כאָרען פון זינגער. יעדערער פון זיי גיסט אויס זיין האַרץ אין ליעבעס־געזאַנגען פאַר דער שעהנער גע־ליעבטער, און ווען זי וועט אויסדערוועהלען, דעם וועט זי גע־בען דעם לאָרבער־קראַנץ. דאָס גאַנצע „שפּיעל" איז אויך אַזאַ אופן נאָר אַ רייה ליעדער אין פערשיעדענעם ריטם און מיט ענטגעגענ־געזעצטער שטימונג, אָבער פון גלייכען אינהאַלט.

דאָס „שפּיעל" איז אין אַלגעמיין אַ נייעס אין דער אידישער פּאָעזיע. און עס מוז מיט פערגעניגען פערצייכענט ווערען, אז דער גרעסטער טהייל פון די ליעדער זיינען אַרוים אי שעהן, אי מוזיקאַ־ליש, אי קלאַסיש־איינפאַך. עס איז קיין שפּור ניט געבליבען פון איינהאָרן'ס אַלטער איינטעניגקייט.

קענטיג, אז דער מערב־אייראָפּעאישער קלאַסיציזם האָט גע־האַט אויף איינהאָרן'ען אַ גאַנץ בעזונדערע ווירקונג. זיינע סאָ־נעטען „צו אַ אידישער טאָכטער" טראָגען אַ דייטליכע שפּור דער־פון. זיי זיינען כמעט שטרענג; קנאַפּ אין ווערטער, פּלאַסטיש אין אויסדרוק. די אַלטע סענטימענטאַליטעט פון איינהאָרן'ס ליע־בעס־מאָטיווען מערקט זיך דאָ לחלוטין ניט.

אין די סאָנעטען האָט איינהאָרן זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע — שאַפען אַ מאָנומענט פון נאַציאָנאַל־אידישער ליעבע. עס איז כמעט ניט קיין פּערזענליכע ליריק: עס איז אַ פערהערליכונג פון דער אידישער טאָכטער בכלל. עס איז דער אייביגער „ער" און „זי", נאָר אַריינגעפּאַסט אין דער היסטאָרישער אידישער סביבה: ער — אַ זוהן פון מאַרטירער, זי — אַ פעראייניגונג פון שולמית

מיט א הייליגער, א בלום פון מזרח אריבערגעטראָגען אין קאַלטען צפון.

אין די סאָנעטען איז איינהאָרן'ס טאַלאַנט פיעל אויסגע־וואַקסען אין פערגלייך מיט פריהער. דאָס איז שוין ניט „עמיץ האָט זיך פערבענקט“, דאָס איז שוין ניט א וועלט פערהאַנגען מיט זיידענע טיולען. דאָ איז דער דיכטער שוין א מאַן, וועלכער קען זיין קראַפט און זעהט קלאָהר זיין אויפגאַבע און געהט צו איהר מיט זיכערע טריט.

* * *

א יאָהר צעהן ווי איינהאָרן שרייבט. פאַר דער צייט האָט ער דורכגעמאַכט א לאַנגע ליניע פון ענטוויקלונג. אפילו איצט, ווען איהר פערפאָלגט זיין ארבייט, פיהלט איהר, אז ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעקריסטאַליזירט, נאָך ניט אין גאַנצען געפונען זיך אליין, נאָך ניט דערגרייכט צו דער הויכער שטופע פון פאָלקאָמענ־הייט, וואו עס ווערען בעשאַפען באמת גרויסע ווערטהען. אָבער אלע מאָל זעהט איהר אין דעם דיכטער צוויי גרויסע מתנות: די עהר־ליכקייט פון זיינע איבערלעבונגען און די פערבינדונג מיט א כלל. איינהאָרן איז פון די יעניגע, וואָס ניט זיי געוועלטיגען איבער דער פּאָעזיע, נאָר די פּאָעזיע געוועלטיגט איבער זיי; און איינהאָרן איז דער מאַן, וואָס פיהלט יעדע רגע זיין צוגעהעריגקייט צו זיין שטאַם און וועמעס פּאָעזיע איז אלע מאָל ניט נאָר זיין אייגענע פּאָעזיע, נאָר די פּאָעזיע פון זיין גלייבען. ער קומט ווי צו ריידען אינ'ם נאָמען פון א גאַנצען דור אָדער פון א גרויסער מאַסע גלייך־געזינטע.

דערפון נעהמט זיך די בעזונדערע ערנסטקייט פון איינהאָרן'ס דיכטונג. זיינע ליעדער זיינען ביי איהם א הייליגע ארבייט. ער פערהאַלט זיך צו דער אידישער ליטעראַטור איבער־הויפּט און צו דער אידישער פּאָעזיע בפרט ווי צו עפּעס א גרויסע געזעלשאַפטליכע אויפגאַבע. דיכטער זיינען ניט בלויז מענשען, וואָס שרייבען אַז פון צייט צו צייט א ליעד. דיכטער דיענען א גרויסען גאָט, געהען צו א גרויסען ציעל. שטראַהלען פון אָט דעם וויטען ציעל פאַלען אויף זייער וועג, בעלויכטען זייערע בעווּס־

גונגען, און יעדער טריט זייערער בעקומט דעריבער אן אונגע־וועהנליכע, כמעט מיסטישע בעדייטונג.

איינהארן פערנעהמט א פלאץ צווישען די בעסטע קולטור־טרעגער און קולטור־אויפלעבער פון דעם אידישען פאלק אין די לעצטע יאהרען, און אן אבקלאנג דערפון הערט זיך אלע מאל אין זיינע לידער.

אין דעם זין — מעהר ווי אין יעדען אנדערען — איז איינהארן א נאציאנאלער אידישער דיכטער.

י. ראַלניק.

שטעהט איהר אמאָל פאר א שווייצארישען לאַנדשאַפט: צ ו קלאַרע לופט; צ ו העל־קאָלירענדע בערג; צ ו בלאָהע, ווי אָב־געפאַרבטע, אָזערעס; צ ו פיין־געשניצטע פעלזען. קוקט איהר און טראַכט זיך: שעהן. אָבער ס'ריהרט אייך ניט. עס דער־מאַנט אייך אָן א פאַרביגע פאָטאָגראַפיע. און איהר וואָלט א בעלן געווען, עס זאָל זיין ווייניגער גלאַנץ און פראַכט.

און איהר געהט אמאָל איבער א שטילען, גראַהליכען, איינ־טאָניגען פעלד, מיט א בלאַסען הימעל, מיט א געוועלב פון נע־בעל אין דער לופט, מיט קוים א בוימעל לעבען א צעגאַסענעם וואַסערל — און איהר ווערט פלוצלונג געריהרט אויף א מער־קווירדיגען אופן. איהר דערפיהלט זיך נאָהענט צו אָט דער אָרימער נאַטור. מעגליך, אַז לאַנג וועט זי אייך ניט איינהאַלטען. מעגליך, אַז באַלד וועט זיך אייך אָנהויבען בענקען נאָך פאַרבען, פאָרמען, העלקייט. אָבער אין האַרצען וועט שוין ביי אייך בלייבען א צאַר־טע און ליעבע ערינערונג.

אזא ערינערונג בלייבט אין אייך פון ראַלניק'ס ליעדער.

גאָט האָט ניט בעשענקט דעם דיכטער מיט אויסערליכען גלאַנץ. ער האָט ניט קיין רייכע שפראַך. ער האָט ניט קיין קלינ־גענדיגע ריטמען. ער האָט ניט קיין פערשיידענאַרטיגע מאָטיווען. ער קען איבערהויפט ניט ריידען הויך. אין דער משפחה פון זינ־גענדיגע פּאָעטער מיט א מעלאָדישער גלאַטער שפראַך קען ער קוים שטאַמלען. ער קען צו זיך ניט פעררופען, ניט אָבשטעלען דעם פאַרבייגעהער: האַלט, הער זיך איין, וואָס איך האָב דיר צו זאָגען.

נאָך מעהר: אָפט זאָגט ער איבערהויפט גאַרניט. אין פיעלע

פון זיינע לידער וועט איהר קיין זאך ניט דערהערען, ווי שטארק איהר זאלט זיך ניט איינהערען. אזוינע לידער איז אין דעם באנד פאראן גאר א גרויסע צאהל. זיי זיינען גארנישט. מען קען ניט זאגען: עס פעהלט זיי עפעס. זיי זיינען פשוט ווי עפעס א פליסטערן, וואו איהר קענט ניט אונטערשיידען קיין איינ־צעלנע ווערטער און קיין איינצעלנע טענער. זיי זיינען ווי א ליע־דיגער פלאץ אינמיטען א לאנדשאפט. איהר בעגעגנט זיי און איהר וואונדערט זיך, וואס האט מען זיי גענדארפט אריינגעהמען אין דער זאמלונג פון די לידער.

ווען איהר וועט אבער דורכלעזען אט א די פוסטע שטרעקען און וועט זיך איינהערען אין דעם איבעריגען, וועט איהר ענטדע־קען עטוואס צארטעס און פיינעס, וואס ערגרייפט אייער נשמה. און וואס מעהר איהר וועט זיך אריינלעבען אין די לידער, אלץ נעהענטער וועלען זיי אייך ווערען.

ווארום דורך זיי רעדט צו אייך א ליריקער, א דיכטער מיט אן אייגענעם טאן און אן אייגענער וועלט־עמפפינדונג.

* * *

ראלניק איז א ליריקער. ער איז שטענדיג געווענדט אינ־ווענינ, אין זיך אריין. זיין פאעזיע איז די זעלבסט־קאנצענטריר־טעסטע, וואס מען קען זיך נאר דענקען. ביי איהם איז איבער־הויפט ניטא קיין אויסענוועלט, א חוץ צוויי־דריי לייכט אנגע־ווארפענע בילדער פון דעם היימישען דארף און שטעדטעל, וועלכע זיינען גיכער נאך אויסען פראיעקטירטע אינטימע שטימונגען, איי־דער א רעאלע אויסענוועלט. פאר איהם עקזיסטירט נאר דאס איי־ביגע ציטערן און וויברירען פון זיין נשמה.

און אין די וויבראציעס איז ער זעלבסט־גענוגענד. עס איז, פערשטעהט זיך, נאאיוו צו זאגען, אז א דיכטער זינגט פאר זיך אליין, אז ער האט ניט אין זינען דעם לעזער. דאס וואלט געווען ניט מעהר ווי א פראזע. אבער צוגעבען מוז מען דאך, אז איין שרייבער קוקט זיך מ ע ה ר אום אויפ'ן לעזער, אן אנדערער — ווענינער; איינער פיהלט זיך שטענדיג פאר די אויגען פון א

אווידיטאָריום; און אַנדערער האָט די פעהיגקייט צו פערגעסען אויף א ווײַלע אין דער וועלט און בלײַבען מיט זיך, פאַר זיך.

ראַלניק בעזיצט אָט די פעהיגקייט אין אַ גרויסער מאָס, און דאָס צייכענט איהם אויס צווישען אַלע אידישע דיכטער.

מ'האָט פערגליכען ראַלניק'ען מיט רייזען'ען. די אַנאַלאָגיע איז אָבער נאָר אַן אויבערפלעכליכע. אמת, ביידע זיינען זיי שטילע, ביידע אומעטיגע, ביידע אונטערגעגעבענע; ביידע שרייבען זיי אין האַלבע טענער. אָבער דער אונטערשייד איז דער, וואָס רייזען רעדט געוועהנליך צו דער וועלט, בשעת ראַלניק רעדט צו זיך אַליין; רייזען פיהלט זיך ארומגערינגעלט מיט סימפּאַטייזער, מיט גוטע ברידער, — ראַלניק פיהלט זיך איינער אַליין; רייזען האָט דעם צוועק צו דערוועקען ביי יענעם געוויסע געפיהלען — זאָל זיין חאָטש־בי דאָס געפיהל פון רחמנות, — ראַלניק מאַכט דעם איינדרוק, אַז ס'איז גאָר קיין „יענער“ אויף דער וועלט נישט פאַראַן.

דערין איז זיין שטאַרקייט, דערין איז אָבער, דאַכט זיך, זיין שוואַכקייט אויך. ווייל אפשר טאַקי צוליעב דעם האָט ער נישט קיין קריטעריום צו אונטערשיידען צווישען זיינע גוטע און ביליגע ליעדער. פאַר איהם פערזענליך זיינען זיי, ווייזט אויס, אַלע איינס וויכטיג. ער טראַכט נישט איבער, אפשר האָבען אַנדערע שוין געזונגען דאָס זעלביגע מיט כמעט די זעלביגע ווערטער; ער פרעגט נישט, אפשר זיינען די אָדער יענע מאָטיוון שוין געוואָרען אַ געמיינבעזיץ פון דער אידישער דיכטונג. ער פרעגט איבערהויפּט נישט. ער פאַר זיך אַליין הויבט אָן די וועלט־געשיכטע אויף דאָס ניי. ער אין זיין אורשפּרינגליכקייט און אָבגעשלאָסענקייט שאַפט אַזוי ווי איהם שאַפט זיך.

דאָס ברענגט אָפט צו ווידערהאָלונגען, צו שטרויכלונגען, צו אומגעלונגענע עקספּערימענטען. אָבער דאָס גיט דער גאַנצער פּאָעזיע זיינער אַ כאַראַקטער פון אויסשליסליכקייט, פון איינציגאַרטיגקייט. דאָס גיט איהר אַן אָבסאָלוט פערזענליכען ריח. פּאָזע און קינסטליכע שעהנקייט זיינען פּונקט אַזוי ווייט פון ראַלניק'ען, ווי די מאַלערישע שווייצער לאַנדשאַפט איז ווייט פון דער שטילער ליטווישער סטעפּ.

* * *

לאָמיר דאָס זאָגען פון אָנפאַנג אָן: עס איז כמעט אַן אונדאַנקבאַרע אַרבייט — פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין די גרונד־מאָטיווען פון ראַלניק'ס לידער. עס איז נאָך אַ פראַגע, צו זיי־נען גאַר דאָ אַזוינע מאָטיווען. איז דאָך ביי איהם דאָס פּליסטערן — דאָס טאָנלאָזע בעוועגען מיט די ליפּען — אַזאָ אָפטע ערשיי־נונג. איז דאָך צייטענווייז גאַר ניטאָ קיין בעשטימטער כאַראַקטער אין זיינע ווי צופעליגע קאָמבינירטע ווערטער. אין בעסטען פאַל זיינען די לידער ווי אימפּראָוויזאַציעס אָהן אַן אָנהויב און אָהן אַ סוף. און נאָר זעהר זעלטען פליסען זיי קלאָר, פּרעציז און פער־ענדיגט.

עס איז דעריבער ניט מעגליך צו געבען אַ גענויעם אַנאַליז פון זיינע לידער — איהר קענט ניט אַנאַליזירען דאָס, וואָס ס'צע־שווימט זיך אונטער די פינגער. — עס איז נאָר מעגליך אָנצומערקען איינציגע שטריכען, געבען אַן אָהנונג וועגען איינציגע, כמעט וויל־קירליך אויסגעטהיילטע מאָטיווען.

דאָס ווילען מיר אויך טהאָן אין אונזערע ווייטערדיגע נאָ־טיצען.

וואָסערע זשע טענער בעגעגענען זיך ביי איהם אָפטער?

מיט אַ בעזונדער ליעבע דערצעהלט ער וועגען איינזאַמקייט. אַ מענש איז געקומען אַהער אין דער וועלט — און ווייסט ניט צוליעב וואָס.

זיץ איך מיר אליין ביי'ם פענסטער
און איך ווייס ניט וואָס איך טראַכט.
עמיצער — דער האר פון גאָרנישט —
האָט געהייסען האַלטען וואַכט.

זיץ איך מיר אליין ביי'ם פענסטער;
באַלד אַריבער איז די נאַכט.
הינטער מיר — דער האר פון גאָרנישט
שטעהט די גאַנצע צייט און לאַכט.

דער האָר פון גאָרנישט רעגיערט. דער האָר פון גאָרנישט — ווייל ער האָט קיין נאָמען ניט און קיין ציעל ניט און קיין עקזיסטענץ נישט — איז אומדעבאַרעמדיג און אונבעשטרייטבאַר. דער האָר פון גאָרנישט טרייבט די מענשען, ווי אַ ווינד אַ שטרוי.

בויט זיך אַ ריעזיגער בנין;
מיר שטעלען די זיילען, די ווענד.
ניט קיין ערפאַהרענע — ציטערן
די ציגעל אין אונזערע הענד.

שוואַכע און שרעקיגע מענשען —
פערדרעהען זיך אָפטמאָל די קעפּ,
פאַלען מיר איינס נאָכ'ן צווייטען
פון לייטערס, גערילצען און טרעפּ.

פאַלען — ווי ווערמען בעשערט איז —
אויף שטיינער, אויף פּאַליעס, אין קויט,
ווער עס פערזינקט אין דער בלאָטע
און ווער בלויז — צושלאָגט זיך אויף טויט.

איז אָבער ניטאָ פאַר וועמען זיך קלאָגען, צו וועמען האָבען טענות. דער בעל־הבית פון דעם אַלעם איז דער האָר פון גאָרנישט, און ער וועט ניט דערזעהן און ניט ענטפערען. בלייבט דעם מענשען נאָר איינס: אַריינפאַלען אין שווערע פערצווייפלונג.

ראָלניק'ס פּאָעזיע איז די פּאָעזיע פון פערצווייפלונג. אָבער צום אונטערשייד פון אַנדערע דיכטער, פערהאַלט זיך ראָלניק צו זיין פערצווייפלונג ניט ווי צו אַ קראַנקהייט, אַ לאַסט, אַן איבערגאַנגס־לייד, וואָס מען מוז געגען דעם שטרייטען. די פערצווייפלונג איז ביי איהם דער גרונד־טאָן פון דער וועלט, דער הויפּט־עלעמענט, וואָס דרינגט דורך דאָס גאַנצע לעבען.

זיצען דריי מענשען ביי אַ טישעל אין קאַפע, פרעמד איינער צום צווייטען, און יעדערער טראַכט זיך, ווי זיכערער אַן עק צו מאַכען פון זיין לעבען. איינער וועט קומען אהיים און עפענען די גאַז־רעהר; דער אַנדערער וועט זיך אויפהענגען אויף זיין

האנד־טוך אויף א קרוק אין באלקאן; דער דריטער וועט ארויס־שפרינגען פון'ם פענסטער: דאס הויז איז הויך, ער וועט געוויס דעם טויט געפינען. זיצען די דריי מענשען ביי'ם טישעל, דריי פרעמדע, אבער אייגענע ברידער. זיי צאהלען און געהען זיך פאַנאנדער. „זיי וועלען זיך טרעפען ד א ר ט ווידער", — פרופט אונז פערזיכערען דער דיכטער, אבער ער גלויבט דאס אליין אויך ניט. און אפילו ס'זאל יא עקזיסטירען דער „דארט", וואלט ער אויך ניט פערענטפערט דעם אונזין פון „דא". און דער אונזין ליגט דאך אויף יעדען שריט פון דעם מענשען.

איז ראלניק'ס פאעזיע דורכגעוועבט מיט אט דער אייגנע־האלטענער, אבער שטענדיגער פערצווייפלונג, וועלכע דרינגט אריין אין יעדען ליעד זיינעם, ווי א פיינער סם, און לאזט זיך פיהלען אין יעדען ציטער, אין יעדער בעוועגונג פון זיין נשמה.

ער דארף שוין גאר ניט רעדען וועגען זיי פערצווייפלונג. זי איז דער הינטערגרונד. זי איז די אטמאספערע. ו ו א ס ער זאל שוין ניט אויסוועבען אויף אט דעם הינטערגרונד, וועלכע ארא־מאטען ער זאל ניט פערשפרייטען אין דער אטמאספערע, וועט אלע מאל זיין צוגעמישט א קליינער טראפען פון אט דעם סם.

און נאך מעהר: מען קען אמאל אזוי צוגעוועהנט ווערען צו ליידען, מען קען זיך אזוי איינלעבען מיט דעם אייביגען נאגען פון דער נשמה, אז דאס זאל שוין אנהויבען פערשאפען א געוויסען שמערצפולען פערגעניגען. ראלניק ה א ט אפט אזא מין פער־געניגען. ביי איהם פיהלט זיך אפט די זיסקייט פון וועהטאג, דער תענוג פון זיין געטרעטען מיט די פיס. אפט דערמאנט ער אן די רוסישע רעליגיעזע סעקטאנטען, וועלכע פאסעווען זייער אייגען לייב אין רעליגיעזען עקסטאז און געפינען אין דעם א קוואל פון גליק.

שטילער פון דעם טייך, וואס שווימט,
שפל'ער פון גראז און פעלד
פויזע איך ביי מענשענ'ס פיס, —
איך, א מענש אויף דער וועלט.

עמיץ געהט נאָך הינטער מיר,
גאָר דעם יאָהר מיט מלקות שמייסט,
און אַן אַלטער קברות־מאַן
שטיקער פון מיר קריעה רייסט.

און גאָר ניט. קיין קרעכץ, קיין געשריי. אזוי איז דאָס. אנדערש איז ניט מעגליך. אזוי געהענדיג, קען מען נאָך אמאָל אַ קוק טהאָן אַן אַ זייט, דערזעהן עטוואָס שעהנעס, זיך פערטראַכטען און פער'חלומ'ען — און אזוי איז דאָס גאַנצע לעבען.

* * *

ראַלניק איז ניט פּאַטעטיש. ער האָט ניט קיין שטאַרקע ווערטער. ער שילדערט ניט קיין שטאַרקע געפיהלען, אַלעס איז ביי איהם צעשוואומען, ווייך, אונבעשטימט — ווי דער אינהאַלט, אזוי די פאָרם. עס קומט אויס אזוי, אקוראט ווי איהם אַרט גאָר ניט, ווי עס וועלען אויסזעהן זיינע ליעדער.

ראַלניק ווייסט ניט פון וויכטיגעס און אונוויכטיגעס אין דער וועלט. איהם איז אַלץ איינס, פון וואָס צו שרייבען.

אַ שטיינדעל, וואָס אַ קליינער אינגעל
געוואָרפען האָט אין טהיר אריין;
אַ זעמדעל, וואָס דער ווינד געבראַכט האָט,
אַ וויַיטען שטערנ'ס קאַרגען שיין;

פון פוילען דאָך אַ רעגען־טראָפּען;
אַ רוישען פון אַ פרעמד יריד —
איך האָב דאָס אַלץ צונויפגעקנאַטען
און פון דערפון געמאַכט אַ ליעד.

איינס פעהלט נאָר שטענדיג: וואַרימקייט, גליק, זונען־שיין. דעם וויַיטען שטערנ'ס קאַרגער שיין קען דאָך ניט וואַרימען, ניט לייכטען.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אין דער וועלט פון גאר־נישט, וואו „דיין הויז וועט צוטראגען דער ווינד איידער ס'וועט אויפגעהן די זון“, — בלייבט דעם מענשען איין זאך — וואנדערען; זיין ווי א פרייער פויגעל אין דער לופט. פערגעסען אלצדינג, וואס נעכטען איז געווען. ניט טראכטען, וואס מארגען וועט זיין.

מיט אזא וואנדער־גייסט זיינען אנגעפילט ראלניק'ס ליעדער. דער „טרעמפ“ איז ביי איהם ניט קיין צופעליגע בילד, דער טרעמפ איז שיער ניט א סימבאל.

ער האנדעלט ניט, בארגט ניט ביי קיינעם;
די יאהרען, חדשים און טעג
בעפאלען איהם ניט, ווי בעל־חובות,
ווי רוצחים ביי'ם זייט פון דעם וועג.

דערפאר האט ער אויך ניט קיין טענות;
און נעצט איהם דער רעגען—איז נאס...
די זון וועט איהם אבטריקענען שפעטער,
אזוי ווי דעם שטיין אויפ'ן גאס.

דער שעהנסטער אויסדרוק פון אזא טרעמפ־לעבען איז דער דיכטער. ער איז דער גייסטיגער טרעמפ: א וואנדערער — אן אריסטאקראט, וועלכער צעווארפט פערעל אויף זיין וועג און אליין פערלאנגט ער גאר ניט. אין דער סעריע „האפיז“, האט ראלניק שטארק און שעהן אויסגעדריקט אט די וואנדער־פילאזאפיע.

האפיז האט ניט צו בעצאהלען
פאר א קריעגעל פראסטען וויין.
האפיז זאל דערפאר ניט זינגען?
וועט זיין ליעד ניט האניג זיין?

האפיז מעג אויך הייזוען טרינקען,—
האפיז מאכט פון הייזוען וויין;
האפיז מעג אויך גאר ניט טרינקען—
וועט זיין ליעד נאך זיסער זיין.

און טאָמער וועט ער זיין דאַרשטיג, טאָמער וועט ער ליי־דען — וואָס זשע? דאָס איז דער אייביגער גורל פונ'ם מענשען.

ער וועט זיין צונג אין דורשט פערברענען
און דוהיג זיין.

יאָ, „און רוהיג זיין”. מיט אָט דער בעזונדערער רוהיגקייט זיינען אָנגעפילט די אומרוהיגע בלעטער פון ראַלניק'ס ליעדער.

* * *

ראַלניק'ס ב ע ט ר א כ ט ו נ ג ע ן וועגען לעבען און מענ־שען זיינען שוואַך. ניטאָ אין זיי קיין אָריגינאַליטעט. ניטאָ קיין שוואונג פון פאַנטאַזיע. איבערהויפּט איז זיין איינבילדונגס־קראַפט ניט גרויס. זיינע ל י ע ב ע ס ־ליעדער אין דער גאַנצער סעריע „נעכט” זיינען ווייניג געלונגען. אָבער ער איז אַ מייסטער אין איבערגעבען די איינפאַכסטע און שטילסטע בעוועגונגען פון דער נשמה, און ער האָט די קראַפט צו מאַכען דאָס געוועהנליכע אונגעוועהנליך, דאָס וואָכעדיגע — פּאָעטיש. אָפטמאָל איז ביי איהם דאָ אַ שטילער, פיינער הומאָר, אָפט אַ ביטערער, אָבער ניט גאַליגער, שפּאָט איבער זיך אַליין. און אַמאָל גיט אַ לייכט ביי איהם אַ שטיל, פער'חלומ'ט ליריש ליעד, וואָס ענטפּלעקט זיך פאַר אייך ווי אַ בלאַסער עדעלשטיין אויף אַ בעט פון גראָהען סאַמעט.

ראַלניק'ס באַנד ליעדער וואָלט געוואונען זעהר פיעל, ווען די אויסוואַהל וואָלט געמאַכט געוואָרען שטרענגער. אָבער אויך אַזוי טראָגט ער אַריין פיעל נייעס אין דער אידישער פּאָעזיע. ראַלניק געהט ניט אויף אויסגעטראָטענע וועגען. און יעדער איינער, וואָס זוכט זיין אייגענעם וועג, מאַכט דערמיט ברייטער די וועלט, וואָס געהערט צו אַלע.

(1916).

שמואל יעקב אינבער.

(„רויזענבלעטער").

געבענשט זאָל זיין די האנד, וואָס האָט בעשאפען די זון און דעם שמייכעל און די רויטע נעלקע; און נאָך געבענשטער זאָל זיין דער, וואָס האָט בעשאפען די יוגענד!

ס'אָרא פרייד עס איז צו בעגעגענען א יונגען נפש — אָבער טאקע א יונגען, וואָס יונג הייסט! קוקסט אויף איהם און וואונדערסט זיך, ווי דאָס שטראהלט און גלאנצט, ווי דאָס פּערעלט און לאכט! פּרוּף אקאָרשט דערצעהל איהם עפּעס א טרויעריגעס, פּרוּף אפילו איהם פערשאפען אָ שמערץ, אודאי וועט ער ווערען גערירט, אפשר וועט ער זיך גאָר צואווינען. אָבער הינטער די טרעהרען, הינטער דעם וועהטאָג איז דאָ אזאָ אוצר פון פרעהליכקייט, אזא שפע פון ליכט, אז עס שפּארט ממש פון אלע זייטען. ניט צו בעהאלטען, כאָטש שריי געוואלד.

קוקסט אויף איהם — און ס'ווילט זיך דיר אליין אָנהויבען לאכען.

אָט אזאָ מין געפיהל האָט איהר, ווען איהר לייענט דאָס נייע בוך ליעדער פון שמואל יעקב אימבער.

אז ער איז יונג אין יאָהרען — דאָס פערשפּאָרט מען דערצעהלען. סך־הכל צוריק מיט אָ יאָהר זעקס, אז ער האָט זיך אָנגעהויבען דרוקען. דאָס ערשטע ביכעלע זיינס איז געווען „וואָס איך זינג און זאָג" — אָ קליינטשיק ביכעלע ליעדלאך, ארויסגעגאנגען אין גאליציען. לציס האָבען זיך דעמאָלט געוויצעלט, אז ס'איז מעהר „געזאָגט" ווי „געזונגען", און אינגאנצען האָט עס

געהאַט אַ פּנים פון אַ לידער־אַלבום, וואָס איהר קענט געפינען ביי יעדער גימנאַזיסטקע. אָבער שוין דאָרטען זיינען געווען איי־ניגע געלונגענע זאַכען. ניט מעהר: מ'האָט גערעכענט אַז זיי זיינען נאָכגעמאַכטע, ס'האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס איז נאָך גאָר אַ רויהער גפש. ס'זיינען אָבער אַוועקגעגאַנגען אַ יאָהר פיער — דער אייגענער אימבער האָט אַרויסגעגעבען אַ פּאָעמע „אַסתר'קע"; — און די קריטיק האָט זי שוין געמוזט בעמערקען. דאָרט איז שוין געווען אַן אייגענער טאָן, אַ בעזונדערע האַרציגע מעלאָדיע. „אַסתר'קע" איז געפעלען. אָבער עפּעס איז זי אויך געבליבען אומבעקאַנט דעם גרויסען עולם.

היינטיגען זומער איז אַרויסגעגאַנגען אַ גאַנצער נייער באַנד אימבער'ס לידער: „רויזענבלעטער", — שוין אַ גרויסער באַנד מיט אַריבער צוויי הונדערט לידער. מען וואָלט דאָס געקענט האַלטען פאַר אַ שלעכטען געשמאַק — דעם נאָמען „רויזענבלעטער". איז דאָס דען ניט אַביסעלע באַנאַל, אַביסעלע סענטימענטאַל, אַבי־סעלע עהנליך אויף דער „פּאָעזיע" פון אַ בריעפענשטעלער? איך בין זיך מודה: איך האָב אַליין אַזוי גערעכענט, איידער איך האָב געלייענט דאָס בוך. אַז איך האָב עס אָבער איבערגעלייענט, האָב איך אָבגעגעבען אימבער'ן דעם גערעכט: וואָס דען זאָל ער נע־באָך טהאָן, אַז קיין אַנדער נאָמען פּאַסט ניט צו זיינע ליע־דער. ער וואָלט זיי אפשר געקענט אַ נאָמען געבען „פריהלינגס־טאָג", „זונען־שטראַהלען"(?) „פויגעל־קלאַנג", — אָבער די אַלע נעמען וואָלטען אודאי ניט געווען בעסער. דער עיקר איז, וואָס אין די לידער איז טאַקי באמת דאָ אי רויזען, אי פריהלינג, אי זון, אי דאָס פרייע צוויטשערען פון פויגלען. אימבער איז באמת יונג — ניט קיין געמאַכטע יוגענד — און ער איז אין דעם פּרט אַ בן־יחיד צווישען אונזערע פּאָעטען.

„מיין ליעבסטע, דו ליליע,
מיין ליעבסטע, דו רויז,
זי האָט אין מיין האַרצען
צעוואַקסען זיך גרויס.

פול דערנער די רויזען,
בעריהר איך זיי קוים,
עס וויעגט זיך אויף בלעטער
פון ליליען מיין טרוים.

דער טרוים פון מיין הארצען,
א שמעטערלינג גרינג,
אומפלאטערט מיין ליעבסטע,
איך וויין און איך זינג.

א ליליע — איהר פנים,
א רויז איז איהר הארץ,
און דערנער די ווערטער,
וואס וועקען מיין שמארץ".

אט דאס וואלט איך געזאגט, איז זיין גרונד־טאן, דער „אני מאמין" פון דעם גאנצען באנד.

איהר וועט אפשר געפינען, אז פיעלע פון זיינע ליעדער זיינען נאאיוו, פיעלע מאטיוועז זיינען ניט ניי. אז איהר וועט זיך אבער איינהערען אין זיי, וועט איהר מודה זיין, אז זיי זיינען אלע דורכגעלעבט, אלע דורכגעפיהלט, אז דער דיכטער האט געפונען עפעס א מין נייעם קלאנג, עפעס אן אייגענע מעלאדיע, וואס בעריהרט אייער נשמה און וועקט אין אייך א מיטפיהלענדען אבקלאנג.

פון וואס זינגט אימבער? נו, פערשטעהט זיך, פון ליעבע. פון וואס דען זאל ער זינגען?

נאטירליך, דערצעהלט ער אונז אמאל אי פון זיין איינזאמקייט, אי פון זיין וואנדערער־שמערץ, אי פון זיין הארץ, וואס האלט אין איין בלוטען, אי פון זיין דיכטער־עלענד. אבער נעהמט דאס ניט אזוי ערנסט. עס איז דאך ניט מעהר, ווי יוגענד־שמערץ. לאמיר בעסער הערען, וואס דער דיכטער דערצעהלט אונז אין אן אנדער ארט: „אויף יענער זייט טהיר, אויף יענער זייט וואנד, שטעהט גליק און אומגליק האנד אין האנד".

ביידע רופֿען איהם, ביידע ווילען איהם פֿערדארבען — ווער זיין נשמה, ווער זיין הארץ. אָבער וואָס האָט ער מורא פֿאר זיי?

„זיי שטעהען פֿון פֿריה, און זיי שטעהען ביז נאכט,
איך עפֿען די טהיר—און מיין הארץ, עס לאַכט,
און עס לאַכט מיין זעעל, ביז עס שווינדען די צוויי—
מיין הארץ און מיין זעעל זיינען שטארקער פֿון זיי.

אָט אזא יונג איז ער. זיין זעעלע לאַכט. פֿון זיין זעעלע פֿונקעלט ארויס צופֿיעל יוגענד־פֿרייד, אַז עמיצער זאָל איהם קע־נען שלעכטס טהאָן.

וויפֿיעל מאָל צוקריעגט ער זיך מיט זיין ליעבע. וויפֿיעל בי־טערע ווערטער הערט זי פֿון איהם. אָט פֿאלען זיינע פֿערזען שווער און ערנסט און הארט:

„אין דיינע קליינע הענד האָב איך פֿערטרויט
מיין הארץ מיט זיין געשריי און מיט זיין סוד;
מיין הערצענ'ס הויך געשריי האָסטו דערשטיקט,
מיין הערצענ'ס סוד ביי דיינע פֿיס היינט ליגט—
דו האָסט ארויסגעלאָזט איהם פֿון די הענד—
ער איז געוועזן שווער און גליהענדיג צוברענט"...

אָט דאכט זיך איהם שוין: ער איז גאָר געוואָרען אלט. ער זעהט, ווי אַלצדינג פֿערגעהט, ער קען שוין אפֿילו די איצטיגע שמערצען דערמאָנען מיט אַ שטילער וועהמוטיגער פֿרייד. ווי ווייַ־טער גלאָקען־קלאַנג אין אַ בלאָהען טרוימערישען אבענד דערגעהען צו אונז זיינע אומעטיגע מעלאָדישע ווערטער:

„עס וויינען די בוימער
מיט פֿראָסטיגע טרעהרען
און שעפּטשען מחילות דער זון און דער ערד —
מחילות דער זון
פֿאר איהר פֿאלשקייט אום ווינטער,
מחילות דער ערד פֿאר דעם זאפֿט, וואָס זי וועהרט.

דאָס שטערט אָבער ניט דעם לייט־מאָטיוו פון זיינע לידער. דאָס איז ווי א אומעטיגע מינוט ביי א קינד, ווי א זיפץ פון א גליקליכען, ביי וועמען ס'איז דורכגעלאָפען אין דער מחשבה עפּעס א טונקעלס. אין א מינוט ארום וועט ער אייך זאָגען:

„איך בין א קינד וואָס לאכט
און האָט אין אויג א טרעהר".

און נאָך אין א מינוט ארום וועט ער בענטשען די זינד, פאר וועלכע ער בעקומט גן־עדן־לוין, און וועט רופען:

„קום, דו קינד מיט פייערבליקען,
פליק מיין הארץ, דו בלום, געשווינד —
פ א ר דעם ערשטען פויגעל־אָבשייד,
פ א ר דעם ערשטען אָסיען ווינד".

אָט אזוי איז ער. עס איז דאָ אין איהם א מין אינגעלשע שטיפעריי, א מין בעזונדערע קונדס'עריי פון א פרעהליכען, אויפגע־לעבטען העל־אויגיגען מענשען. עס זינגט זיך.

און הפּנים עס איז דאָ טאַלאַנט, אויב אָט דאָס זינגען גיט זיך איבער אונז, לעזער, אויב מיר ווערען אויך אָנגעשטעקט פון דער לעבעדיגער העל־אומרוהיגער שטימונג. איהר פיהלט עפּעס ווי א ווינד ביי זונען־שיין, ווען אויפ'ן בלאָהען הימעל טראָגען זיך ווייסע וואָלקענס, און צווייגען בויגען זיך, וויעגען זיך און גלאַנצען אין דער אָבגעוואַשענער לופט.

פויגעל, פויגעל אין דער לופטען—פאַלש איז אייער גרוים...
דאָך איך ליעב אייך, איהר שלוחים פריי און פאַלש און זיס!
זעהט פאר אייער זיסער פאַלשקייט פאַל איך אויף די קניעס!

חסרונות, אז מען וואָלט וועלען, וואָלט מען געקענט אין דעם בוך געפינען א סך. מ'וואָלט געקענט אָנווייזען, אז ס'איז דאָ צו־פיעל דייטשישע ווערטער און אויסדריקען (דער פּאָעט איז א גאַלי־ציאַנער — איינער פון די ווייניגע, וואָס גאַליציען האָט געגעבען), מ'וואָלט געקענט אויסזעצען א סך ניט־געלונגענע ריימען, א סך ווערטער, וואָס חזר'ן זיך איבער און שטערען די מעלאָדישקייט

פון די ליעדער. מ'וואָלט געקענט געפינען עטליכע גאָר ניט גע־ראָטענע זאכען. נור לאָמיר דאָס לאָזען פאר אנדערע. אונז איז דער עיקר, וואָס עס וואקסט אַ נייער פּאָעט ביי אידען און אז דער דאָזיגער פּאָעט טראָגט אריין עפּעס נייעס אין דעם אידישען לי־טעראַרישען וועלטעל. סוף כל סוף זיינען די „רויזענבלעטער" נאָך דערוויילֿ אויך ניט מעהר ווי אַ פּראָבע — אָבער אַ גוטע פּראָבע, אַ גוטע התחלה. איהר געפינט דאָרט אי נייע אומגעריכטע ריימען („בן־מלך — פּאמעליך", „בענייען — געבייען", בלויז — שוים", און אז. וו.), אין אַ פּראָבע צו געברויכען אין איין ליעד ניט צוויי, נור עטליכע גלייכע ריימען („געשפּיעגעלט — בעזיעגעלט — פערריגעלט", פריידען — ליידען — גן־עדן" און אז. וו.), אי איבער־הויפּט פערשיעדענע פערז־מאָסען און געראָטענע אסאָנאנסען. אימ־בער איז אַ מענש, וואָס האָט ליעב די שפּראַך און בעהאנדעלט זי ווי אַ טהייערען אינסטרומענט, אויף וועלכען מען דאַרף נור קע־נען שפּיעלען, ווי אַ קינסטלער.

און אָט דאָס איז דאָך אַזאַ זעלטענקייט ביי אונזערע אידישער שרייבער.

(1914).

מאני לייב.

I.

ס'איז אייגענטליך דא דריי מאני לייב'ם: איינער א ליריקער, איינער א פערפאסער פון מעשה'לאך אין גראמען און איינער אן אימיטאטאר. יעדערער פון די דריי האט זיין אייגען פנים און זיין אייגענע קינסטלערישע ווערקצייג. דעם צד השוה צווישען די פארשיעדענע מאני לייב'ם איז ניט גרינג צו ענטדעקען: אפשר איז דאס א געוויסע צארטקייט פון פערזען־געוועב, א חנ'עוודיגע, כמעט מיידעלשע פערליעבטקייט אין גראציעזע ריטמען — אבער אויך אין דעם פרט איז פאראן אן אונטערשיעד צווישען ערשטען באנד, וואו עס זיינען געזאמעלט די לירישע ליעדער, און די איבריגע צוויי בענדער, וואס ענטהאלטען זיינע „באלאדען", ווי ער רופט זיי, און זיינע „אידישע און סלאווישע מאטיווען". די דאזיגע פיעל־פנים'דיגקייט איז, מעגליך, אן אויסדרוק פון יוגענד: דער דיכטער האט נאך ניט געפונען זיין אייגעטליכען וועג און האלט נאך אין פרופען. מיט דער צייט, וועט ער, מסתמא, ענטוועדער צונויפשמעלצען אלע זיינע אייגענשאפטען און איין שאפונגס־שטראם, ווי א טייך גיסט צונויף זיינע איינצעלנע ריטשקעלעך אין איין ברייטען פלוס, אדער ער וועט מאנכע פעלדער אינגאנצען אויפגעבען און זיך קאנצענטרירען אויף איין בעשטימטען געביט, וואו ער קען זיך ענטפלעקען אם רייכסטען און אם טיעפסטען. ווי מאני לייב בעווייזט זיך איצט אין זיינע דריי ביכלעך, מוז מען איהם בעטראכטען אלס „איינעם אין דריי" אדער „דריי אין איינעם", — לאזענדיג דעם סינטעז פאר דער צוקונפט.

איך ווייס ניט, ווי אנדערע — איך פּערזענליך האָב מיט מאני לייב'ס ל י ר י ש ע ליעדער געהאַט אַ מאָדנע ערפאַהרונג: געזאמעלטערהייט האָבען זיי מיר געגעבען אַ סך ווענינער, איידער ווען איך פלעג זיי בעגעגענען איינציגווייז אין צייטונגען און זשורנאַלען. איך געדענק, וואָס פאַר אַ טייערע מתנה עס איז פאַר מיר געווען דאָס וויעג־ליעדעל „טיר און פענסטער צוגעשלאָסען", ווען איך האָב עס צום ערשטען מאָל דורכגעלייענט אין דער „צוקונפט". דאָס ליעד איז אַ פאָלקאָמען מייסטערווערק הן אין פאָרם, הן אין אויפריכטיגקייט און עכטקייט פון איבערלעבונג, הן אין פערענדיגטקייט פון גאַנצען. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז דאָס איז איינס פון די בעסטע, וואָס מיר פאַרמאָגען אין אידישער דיכטונג. איך געדענק, ווי ערשיטערט איך בין געווען פון אַן אַנדער מאני לייב'ס ליעד, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַזוינע פיער שורות:

מען וועט אין אַ הערבסט־נאַכט אין רעגען
אין גאַס מיך אַ גוסס געפינען.
מיך וועלען די מענשען בעטראַכטען מיט
נייגעריג־קאַלטע און ווילד־פרעמדע אויגען,

און איינער אַ מענש וועט מיט פאַרזיכט
אריבער מיין קערפּער זיך בויגען
און, שפּייענדיג, וועט ער מיט עקעל אין
ווייטערע גאַסען אַנטרינען.

מיך האָט געפאַנגען די אונגעוועהנליכע שטימונג, די קאַלטקייט, כמעט גלייכגילטיגקייט, כמעט עקעל צו די אייגענע ליידען, וואָס דריקט זיך אויס אין אַזוינע ווירדיגע, אָפּגערונדעטע, שווערגעוויכטיגע, מעטאַלענע פערזען. די גאַנצע זאַך האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון אַלס דער רוף פון אַן אונגעוועהנליכער אינדיווידואַליטעט, אַלס דער באַפעהלענדער זשעסט פון אַ מייסטערהאַנד, וואָס עפענט פאַרשלאָסענע טירען צו ווייזען אַ נייע וועלט פון עמאָציאָנאַלער ערפאַהרונג.

איך גערענק אז אנדערע פיעל־דיסקוטירטען לירישען פער־
זוך:

זי שפיעלט, איך וויין. די לאנגע ציטערדיגע פינגער
ווי בלייכע לאנדישען פארבענקטע אין דער פינסטער,
פערבענקטע זוכען זיי און בלאנדזשען און געפינען.
און מיינע קינדער וויינען, וויינען, מיינע קינדער.

פון דעם ליעד האט געוועהט מיט מיסטיק, מיט א טראנס־
צענדענטער ווירקליכקייט איינגעוועבט אין אונזער אלטעגליכער
„באקוועמער" וועלט. ס'האט זיך געפיהלט א נשמה, וואס איהר
ערגרייפענדסטע שפראך איז שווייגען, און וואס איהר שווייגענ־
דיגער געשריי קען אויפוועקען א שוידער צווישען די העלסטע בלו־
מען פון גליק. און ווען מ'האט געלייענט אין אן אנדער ליעד:

טויבענשטילע, בלאהע אבענד־שטונדען!
שפרייט פאר מיר מיין אבענד־טרוים צעשפרייטער!
איצטער גליהען ציטערדיגער, רויטער
מיינע שטילע רויזען,—מיינע וואונדען!

האט דאס ווידער ערגריפען מיט דער פרישקייט און זינגענדיגקייט
פון דעם איינגעהאלטענעם וועהטאג. די אלע אומגעריכטע טענער
און מאטיוועו האבען אויסגעזעהן ווי שלוחים, וואס זאגען אן, אז
א נייער לירישער אינסטרומענט איז געקומען אויף דער וועלט, —
אן אינסטרומענט מיט א גרויסער צאהל פיעל־קאלירענדע סטרונעס,
וואס יעדע פון זיי האט איהר אייגענעם פולען קלאנג. די אפגע־
זונדערטע פראכטפולע ליעדער האבען ביסלעכווייז באשאפען דעם
איינדרוק, אז מאני לייב איז א גרויסער דיכטער, וואס קומט צו
פארנעהמען דעם פלאץ פון א ה ע ר ש ע ר אין דער אידישער
ליטעראַרישער וועלט. פון א גרויסען דיכטער ערווארט מען גרויסע
ווערק — און די ערשיינונג פון מאני לייב'ם דריי בענדער געזא־
מעלטע ליעדער האט געזאלט זיין א גרויסער יום־טוב, — א טרי־
אומף פאר איהם און א פרייד און א נחת פאר דעם לעזער. אזוי,
לכל הפחות, איז געווען די שטימונג פון דעם שרייבער פון אט
די שורות.

די ביכער זיינען ארויס פון דרוק — און, לאָמיר זאָגען אָפען, דער יום־טוב איז געווען קלענער, ווי איך האָב געהאָפט. דאָס איז ניט ענטוישונג. מאני לייב בלייבט אַ ד י כ ט ע ר מיט גרויסע מעגליכקייטען. דאָס וואָס ער האָט געשאַפען, געהערט צום בעסטען. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געשאַפען, ווייזט אויך די גרענעצען פון זיין טאַלאַנט, — מעהרסטענס בנוגע לירישע דיכטונג.

עס איז ניט גרינג ארויסצושיילען דעם קערן פון מאני לייב'ס לירישער פערזענליכקייט. איהר דארפט קודם כל פארגעסען אַן אונגעהויערע צאָהל ווערטהען, וואָס האָבען פאר אייך אַ געוואַל־דיגע בעדייטונג. איהר דארפט פארגעסען, אַז ס'איז דאָ אַ רייה אייביגע פּראָבלעמען וועגען דעם זין און צוועק פון וועלט און מענש, לעבען און טויט. איהר דארפט זיך אָפּזאָגען פון דעם גרויסען פראַגע־צייכען, וואָס רעליגיאָן האָט אוועקגעשטעלט איבער אונזער ערפאהרונגס־וועלט. איהר דארפט זיך אָפּזאָגען פון דעם אוניווערזום מיט זיינע זון־ און שטערען־סיסטעמען און דער אידעע פון אונענדליכקייט, וועלכע קוקט אויף אייך פון יענע וויי־טע שטרעקען. איהר דארפט פערלאָזען אונזער ערד מיט איהרע ימים און קאָנטינענטען, איהרע בערג, טהאָלען, מדבריות, וועל־דער און דער גאַנצער אונענדליכקייט פון דער נאַטור אויף דער ערד. איהר דארפט אויפגעבען די לענדער, די שטאָאַטען, די פעל־קער, די געזעלשאַפט, די געזעלשאַפטליכע קלאַסען, זייער שטרייט, זייערע ליידען, זייער מארש צו אַ נייער צוקונפט. איהר דארפט אויפגעבען די גאַנצע אונענדליכקייט פון געדאַנקען, פון אינטע־לעקטועלער ארבייט, פון פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות צו וועל־כער ניט איז אינערליכער אָדער אויסערליכער ערשיינונג. דאָס אַלעס האָט קיין פּלאַץ ניט אין מאני לייב'ס דיכטונג. דאָס קעהר זיך מיט איהם ניט אָן. קיין א י י נ צ י ג ע ר טהייל פון אָט דעם גרויסען קאָמפּלעקס, קיין איינציגע פאזע אין איינעם פון די טהיילען ריהרט איהם ניט אָן.

וואָס בלייבט? מאני לייב אַליין, איינער אַ מענש מאני לייב. אַן אבסטראַקטער מאני לייב, אויסגעטהאָן פון אַלע חצוניות, אַב־סאָלוט איינגעשלאָסען אין זיך, אָפּגעצאַמט פון אַלעס, וואָס איז „ניט־ער". דאָס אַליין גיט אייך נאָך אָבער אַלץ ניט קיין בילד

פון מאני לייב דעם ליריקער. איהר דארפט נאך אויפגעבען א גאנצען רייכטהום פון איבערלעבונגען איידער איהר דערגרייכט צו מאני לייב'ן. מאני לייב, דער אבסאלוטער „איך", ווייסט ניט פון די טיעפע, מעכטיגע געפיהלען, וואס ערשיטערען א מענשען. הייסע ליעבע, גאל־ביטערע פיין, זון־באלויכטענע פרייד, גיהנום'־דיגע וועהען, צארען, האס, בעגייסטערונג, ענטציקונג, פעראכטונג, גרויסע נשמה־זיעגען, שווערע מפלות, — די גאנצע גאמע פון א רייכער אינערליכער וועלט איז ביי מאני לייב'ן ניטא. ניטא אויך דאס ז ו כ ע ן, דאס ש ט ר ע ב ע ן, דאס צ י ה ע ן ז י ך צו ערגעץ אזוינס, וואס ס'איז אומבעקאנט, אבער אימפעראטיוו. ניטא אויך דער טראגישער ריס צווישען גוטס און שלעכטס, רעכט און אומרעכט, וואס פילט אן אייניגע דיכטערישע נשמות ביז אי־בער די ברעגען.

וואס בלייבט? א לייכטע פאסיווע שטימונג פון איינזאמ־קייט, פארלאזענקייט און האפנונגסלאזיגקייט פון א מענשען, וועל־כער איז איינער אליין אין א גרויסער שטאדט, — און דאס איז דער אינהאלט פון אלע הונדערט און דריי לירישע ליעדער, וואס בילדען דעם ערשטען באנד, — און דאס איז, מיט אייניגע וואריא־ציאנען, דער אינהאלט פון מאני לייב'ס גאנצער ליריק. איז דאס ניט אביסעל צו ווייניג?

איהר קענט איבערלייענען איין ליעד אדער צוויי — און זאלט האבען דעם גאנצען לירישען מאני לייב'ן. איהר קענט איבערליי־ענען נאר פינף שורות, — און זאלט שוין האבען א שליסעל צו זיין גאנצער לירישער שאפונג.

> איצט זאל מיין קאפ זיך פון בייזע געראנקען ניט בויגען!
> מיד בין איך. בלייך בין איך. נו, בין איך מיד, בין איך בלייך.
> רויבער איך, רויבער איך, און מיט פערשטיינערטע אויגען
> קוק איך אזוי זיך פאר זיך, אין דעם וועהיגען רויך.

דאס זיינען די גרונד־ליניען פון מאני לייב'ס פארטרעט. אלע איבריגע שורות זיינען נאר א צוגאב, וואס טראגען אריין ווייניג נייעס. יעדענפאלס ענדערען זיי ניט דעם גרונד־כאראקטער. א

מענשען איז אומעטיג — אָבער ניט אזוי שטארק, אז ס'זאָל איהם באמת וועה טהאָן. ער איז מיעד, ער איז בלייך. נו, איז ער מיעד, איז ער בלייך. רויכערט ער. שפּאנט ער ארום איבער זיין צי־מערל ערגעץ אויפ'ן פינפטען אָדער זעקסטען שטאָק פון א ניו יאָרקער הויז און זאָגט זיך צום טויזענטסטען מאָל, אז ער איז מיעד, אז קיין זאך אינטערעסירט איהם ניט, אז ס'איז נאכט ארום און ארום און אז קיינער וועט ניט לינדערען זיין איינזאמקייט. פון צייט צו צייט, ווען די שטאָדט שלאָפט און זיין אומעט פערוואנ־דעלט זיך אין עפּעס עהנליכעס צו א מוזיקאלישער שטימונג, זעצט ער זיך אוועק און שרייבט אַן א ליעד. אקאָרשט האָט ער געזאָגט, אז זיין קאָפּ זאָל זיך פון בייזע געדאנקען ניט בויגען, אביסעל שפּעטער וועט ער יא בויגען דעם קאָפּ. אקאָרשט זיינען זיינע אוי־גען געווען „פארשטיינערט", אביסעל שפּעטער וועט ער וויינען. און דאָס איז דער גאנצער אונטערשיעד.

......איך וועל מיין קאָפּ אין טיעפען טרויער נייגען
און וויינען, וויינען שטיל מיט שטומע, בלייכע אויגען
די שעה, ווען אויף מיין פענסטער שטיל די זון פערשטאַרבט.

אַן אנדערס מאָל וועט דער ריטם זיין אַן אנדערער, די ווער־טער אנדערע — די שטימונגען די זעלבע:

און איך, א פרעמדער, הער זיך צו
צו דעם געשריי פון גאס, און בלאס
און קראנק, איך גאר אזוי נאָך רוה
פון דעם געשריי פון גאס.

אַן אנדערס מאָל זיינען אפילו די ווערטער די אייגענע:

דאָס ליכט געהט אויס—מיין ליכט. איך זיץ אליין,
דעם הארטען קאָפּ צום הארטען טיש געלעהנט,
די אויגען אויסגעלאָשענע, די הענט
פערבראָכענע אין צווייפעל, און איך וויין,
איך זיץ און וויין אין מיטען נאכט, אליין.

איבערגעמישט אַ פּאָר בלעטלעך — און ווידער:

נאכט. סעקונדעו קלינגעו וויסט און איינזאם, מאָנאָטאָן,
וויסט און איינזאם קלינגעו דיינע וואקעלדיגע טריט.
זאָג, אומגליקליכער, פערוואָרפענער, וואָס זאָגסטו ניט?
שטעהסט אזוי... און קוקסט אזוי... און ווייסט ניט וואָס
צו טהאָן...

און ווידער א פּאָר בלעטלעך, — און:

איך קוק אין דער פינסטער אריין
און צעהל מיינע נאכטיגע שטונדען;
איך ווארט אויפ'ן מאָרגיגען שיין
און צעהל מיינע נאכטיגע וואונדען.

און א נייער ריטם, און א נייער קלאנג פון ווערטער, און מעהר קראפט אין דער שטימע, אָבער דער אינהאלט אונגעענדערט:

......דיין הארץ איז בייז און שלאָפלאָז, בייז און שלאָפלאָז
איז דיין נאכט.
ווארפסטו בליקען צו דעם פענסטער, ווארפסטו בליקען
צו דער טהיר.
ווארטסט אויף קיינעם ניט, און קיינער וועט ניט קומען
איצט צו דיר.
לעשסט דעם לאָמפּ אויס, לייגסט אין בעט זיך, צעהלסט,
אז קומען זאָל דער שלאָף.
ווארפסט זיך, ציהסט זיך אין דער פינסטער—האָף ניט,
עלענדער, ניט האָף!

אַן אנדער בלעטעל, און אַ שוואַכערעס ליעד, און וועניגער טעמפּעראמענט, אָבער אלץ ע ר, דער אבסטראקטער איך, וואָס פאַרמאָגט אַ צימערעל, אַ בעט, אַ קאמין, אַ פענסטער, אַ גאַס הינטער'ן פענסטער — און זיין איינזאמקייט, אין וועלכער ס'מישט זיך דאָ און דאָרט אריין דער פאַרבייאיילענדער געדאנק וועגען אַ פרוי, און אמאָל וועבט זיך אריין די בענקשאפט נאָך עפּעס אַ קינד:

דער זייגער האָט צוועלף שוין געשלאָגן —
ס'איז צוועלף שוין א זייגער ביינאכט.
איך קוק אויפ'ן זייגער און טראכט:
דער זייגער האָט צוועלף שוין געשלאָגן.

איך ווארף אין דעם אויוון די קויהלען,
דער פייער ווערט העלער און קנאלט.
פארוואָס זשע איז מיר אזוי קאלט?
איך ווארף אין דעם אויוון די קויהלען.

איהר בלעטערט ווייטער — און כמעט אויף יעדען בלעטעל הערט איהר דאָס בעקלאָגען זיך אויף דעם זעלביגען קרענקליך בלאַסען, בלוטלאָזען „טרויער":

ניט פרעהליך ציהען זיך שעה'ן
אין אבענד טיעף אריין.
ניט היימליך. דער לאָמפ גיסט בלייען,
פערקלעהרטען, בלייכען שיין.
און שטיל, און פארהילט אין גרויען
מיין אומעט קומט אריין.

דאָס מאכט די גאנצע מאני לייב'ס ליריק אונגעוועהנליך מאָנאָטאָן. עס איז אייגענטליך ניט קיין זאמלונג פון לידער. עס איז, א חוץ א פּאָר גליקליכע אויסנאהמען, איין ליעד מיט פארשיעדענע וואריאציאָנען, וואו די זעלביגע ווערטער און די זעלביגע סימבאָלען חזר'ען זיך איבער אזוי אָפט, אז זיי ווערען דעם לעזער פארדריסליך. איך האָב געפּרופט איבערצעהלען, וויפיעל מאָל אייניגע באליעבטע מאני לייב'ס ווערטער חזר'ן זיך איבער אין ערשטען באנד. איך האָב דאָס געטהאָן, כדי זיך ניט צו פארלאָזען אויפ'ן אלגעמיינעם איינדרוק, וועלכער קען אמאָל נארען. אָט וואָס איך האָב געפונען.

אין גאנצען באנד איז דאָ הונדערט מיט דריי קורצע לידער, פון זיי זיינען זיעבען און דרייסיג לידער אכט־שורה'דיג. אין די הונדערט מיט דריי לידער באגעגענט זיך:

דאָס וואָרט „נאַכט“ איין און נײַנציג (91) מאָל.

דאָס וואָרט „געוויין“ אָדער „וויינען“ — זיעבען און פופציג (57) מאָל.

דאָס וואָרט „קינד“, „קינדער“ — איין און פערציג (41) מאָל.

דאָס וואָרט „נעבעל“ און „טומאַן“ — צוויי און צוואַנציג (22) מאָל.

דאָס וואָרט „קאַמין“ און „פייער“ — זעכצעהן (16) מאָל.

דאָס וואָרט „פענסטער“ — פערצעהן (14) מאָל.

דאָס וואָרט „לאָמפּ“ — עלף (11) מאָל.

דאָס וואָרט „רויכערען“ — זיעבען (7) מאָל.

וויפיעל מאָל די ווערטער „מיעד“, „קאַלט“, „טויט“, „שטיל“, „בלאַס“, „אַלט“, „אומעט“, „טרויער“, „וועה“, „איינזאַם“, „שאָטען“ און דאָס גלייכען חזר'ן זיך איבער, האָב איך ניט געצעהלט, אָבער יעדענפאַלס באַגעגענען זיך די ווערטער אויף שריט און טריט.

וואָס דערצעהלט דאָס אַלעס? אַז מאַני לייב'ס לירישע געפיהלען זיינען אויסערסט באַגרענעצט, אַז זיין לירישע פאַנטאַזיע דרעהט זיך נאָכאַנאַנד אין דעם זעלביגען פער'כשוף'טען קרייז און ער האָט זיך אפילו די מיה ניט געגעבען צו צורייסען אָט דעם קרייז. אין ערשטען איז שולדיג זיין טאַלאַנט, אין לעצטען — די „שולע“, צו וועלכער ער געהערט.

II.

דו ביזט אַ קעניג. לעב אַליין. אויף פרייע וועגען
אַ פרייער געה וואוהין דיין שטאָלצער גייסט דיך ציהט.

אזוי האָט אַ רוסישער דיכטער גערעדט וועגען געזעץ פון דיכטערישען שאַפען. דער דיכטער איז פאַר זיך די העכסטע מאָס.

זיין נשמה איז דער אַנהויב און דער סוף פון זיין ווערק אויף דער וועלט. זאָל ער נאָר זיין געטריי צו זיך; זאָל ער נאָר זיין אויפ־ריכטיג ביז דער לעצטער מדרגה, און זאָל ער, פערשטעהט זיך, פאַר־מאָגען די מתנה פון איבערגעבען אין ווערטער־האַרמאָניען דאָס, וואָס ס'רעגט זיך אין זיין געמיט, — און ער איז דער געזאַלבטער כהן אין היכל פון דיכטונג.

אזוי איז די אַנגענומענע מיינונג. דער דיכטער איז דער ספּעציאַליסט פון געמיטס־באַוועגונגען. ער איז געבענשט — אָדער פערשאָלטען — זיך כסדר איינצוהערען אין דער מוזיק פון זיין אינוועניגסטען „איך" און געבען אַן אָפּקלאַנג. ער איז דער מענש, וואָס דורך זעלבסטענטפּלעקונג ענטפּלעקט ער דאָס טיעפסטע און האַרציגסטע אין אונז אַלע. ווייל ע ר לעבט אַן אויפריכטיגען, אינטענסיווען אינוועניגסטען לעבען, מאַכט ער א ו נ ז ע ר לע־בען רייכער און עדעלער און העכער.

אָבער ווי איז דער דין, אַז דער דיכטער איז אַ אויפריכטיג, אַ באַגאַבט, נאָר ז י י ן א י נ ו ו ע נ י ג ס ט ע ר ל ע ב ע ן א י ז אָ ה ן פ אַ ר ב ע ן? ווי איז דער דין, אַז דאָס, וואָס ער ענטפּלעקט פאַר אונז, האָט קיין גרויסע ווערטה ניט? איז דער עיקר ד י ע נ ט פּ ל ע ק ו נ ג אַ ל י י ן, דער פּראָצעס פון דיכטערישען ודוי אונטער אַלע אומשטענדען, — אָדער דער עיקר איז דאָס, ו ו אָ ס ד ע ר ד י כ ט ע ר ה אָ ט א ו נ ז צ ו ז אָ ג ע ן?

איהר קענט זיך ניט באַפרייען פון די אַלע פראַגען, ווען איהר לייענט מאני לייב'ס לירישע לידער.

קענטיג, דער דיכטער האָט פערשטאַנען זיין אויפגאַבע זעהר איינפאַך. דאָס פּראָגראַם פון „ביזט אַ קעניג, לעב אַליין" האָט ער גענומען אין בוכשטעבליכען זין. א ל צ ד י נ ג איז פאַר איהם וויכטיג, וואָס ס'קומט פאַר אין זיין געמיט, און אַלצדינג וואָס ס'איז פאַר איהם וויכטיג, מוז זיין אינטערעסאַנט פאַר'ן לעזער. איז איהם היינט אומעטיג אין דער גרויסער שטאָדט, זעצט ער זיך אוועק און שרייבט:

פרעמד איז דיר די וועלט, וואָס רינגעלט דיך ארום.
דו הערסט אַ פרעמדען אומבעקאַנטען לשון,
דו הערסט, דאָס פרעמדע לעבען רעדט, נאָר שטום
די ליפּען דיינע זיינען, שטום און צוגעשלאָסען.

איז איהם מאָרגען אומעטיג אין דער גרויסער שטאָדט, זעצט ער זיך אוועק און דיכטעט:

און איך, אַ פרעמדער, הער זיך צו
צו דעם געשריי פון גאַס, און בלאַס
און קראַנק, איך גאַר אַזוי נאָך רוה
פון דעם געשריי פון גאַס.

איז איהם איבערמאָרגען אומעטיג אין דער גרויסער שטאָדט, נעהמט ער די פּען און שרייבט:

שווייג, און פערנעהם די געשרייען:
ווילד, אין דער נאַכט, און צו גאָט
שרייט עס די נאַכטיגע שטאָדט.
וויינסט... אין די שטילע אַלעען
וויינען דער הערבסט און די רוה,
בלעטער פארוועלקטע און דו.

איז איהם היינט לאַנגוויילִיג, דערצעהלט ער אין קלינגענדיגע פערזען, ווי ס'איז איהם לאַנגוויילִיג:

קיין פייער אין קיין שויב, קיין שאָרך ניט צו דערהערען.
דו גענעצסט פויל, און מיעד געהסטו צוריק אין בעט,
דו דעקסט זיך איין, דו ליגסט און טראַכסט: שוין שפּעט?

איז איהם מאָרגען לאַנגווייליג, שרייבט ער אַ נייע ליעד:

וואָס טהוט מען אין דעם לאַנגען אָוענד, ווינטער?
מען זיצט ביים טיש. מען שווייגט. דער אויוועז ברענט.
מען רוקט פערטראַכט די קאַלטע פּען אין טינטער.
מען שמייכעלט פויל. מען רייבט די קאַלטע הענד.
מען רויכערט אומרוהיג...

איז ער היינט מיעד, שרייבט ער וועגען מיעדקייט; איז ער מאַרגעו און איבערמאַרגען און איבער־איבערמאַרגען מיעד, שרייבט ער אַלץ וועגען מיעדקייט און מאַטקייט און שוואַכקייט, און עס קומט איהם ניט אויפ'ן געדאַנק צו פרעגען: צו וואָס דאַרף די וועלט וויסען, אַז איך, איינער אַ איד מאַני לייב, פיהל זיך לאַנגווייליג? צו וואָס דאַרף די וועלט אויסהערען צום פופציגסטען מאָל, אַז מיר, מאַני לייב'ן, איז אומעטיג אין דער גרויסער שטאָדט? וואָס קום איך דער וועלט זאָגען, און וואָס טראָג איך אַריין אין דעם אוצר פון מענשליכער אינוועניגסטער ערפאַהרונג?

מען קען דערויף ענטפערען, אַז דער דיכטער שרייבט ניט פאַר דער וועלט, נאָר פאַר זיך אַליין. Procul este, profani— האַלט זיך אָפּגעשיידט, עם־הארצים! — איז שטענדיג געווען דער שילד און וואָפען פון דיכטער. דער שילד איז, אמת, אַ לעבער־דיגער, און די וואָפען זיינען טעמפּע, ווארים אויב דער דיכטער זינגט ווי אַ פרייער פויגעל אין וואַלד, טאָ פאַרוואָס קומט ער מיט זיינע געזאַנגען צום רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער און פאַרוואָס וויל ער ניט אַנדערש זעהן זיין נאָמען געדרוקט „באותיות מרובעות“? נאָר לאָז זיין, אַז די טענה האָט אַ שטיקעל ממשות, בלייבט נאָך אַלץ די פראַגע: וואָס פאַר אַ ווערטה האָט פ א ר מ א נ י ל י י ב'ן א ל י י ן זיין געפיהל פון מיעדקייט, אָדער זיין גע־פיהל פון שוואַכקייט, אָדער זיין געפיהל פון אָפּגעלאָזענקייט, אָדער די אַלע קליינינקע, אונבעדייטענדע כוואַליעלעך אויף דער אויבערפלאַך פון זיין גלייכגילטיגער נשמה, וועלכע ער ענטפּלעקט אין זיינע לידער? צו וואָס זיך צאַצקען מיט אַזוינע אונבעדייטענדע געמיטס־באַוועגונגען? צו וואָס זיך גאָר איינהערען אין זיי?

מאַני לייב, ווי מיר זעהען איהם אין זיין ליריק, איז בעצם אַ גלייכגילטיגער מענש, אַ רוהיגער מענש. קיין זאַך ריהרט איהם ניט ביז'ן ביין. קיין זאַך בריהט איהם ניט אַזוי, אַז ער זאָל אויפשפּרינגען אין וועהטאָג אָדער אין עקסטאַז. אפילו זיין איינ־זאַמקייט איז ניט פון די, וואָס צווינגט אַ מענשען וואָיען, ווי אַ וואָלף אין דער מדבר אין אַ קאַלטער נאַכט. אפילו זיין מיעדקייט איז ניט פון דעם סאָרט, וואָס וואַרפט אַ מענשען צו דער ערד און לאָזט איהם דערפיהלען דעם טעם פון טויט. איך האָב ניט בעגעגענט

אין זיינע ליעדער דאָס וואָרט „פּערצווייפלונג“, און איהם איז אונבעקאַנט די שווערקייט, וואָס דריקט אויף דער ברוסט מיט שפּיציגע שטיינער. ער איז רוהיג, געלאַסען, מיושב׳דיג, וואַכעדיג. זיינע שטימונגען זיינען גאַנץ געוועהנליכע, אַלטעגליכע אויבערפלעכליכע שטימונגען, וואָס מיר אַלע פאַרמאָגען פון צייט צו צייט און וואָס מיר קוקען זיך אויף זיי ניט אום. נאָר זעלטען, זעהר זעלטען, דערהערט איהר ביי איהם עפּעס א הייסערען טאָן, עפּעס א מאָדנעם אָפּקלאַנג. געוועהנליך איז זיין ליריק ווי א דראָבנע הערבסט־רעגענדעל, וואָס פאַלט און פאַלט מיט דעם זעלבען מאָנאָטאָנעם קלאַנג. וואָס פאַר א סימפּאַטיע קען מען ענטדעקען אין דעם דורזשען פון א קיהלען רעגענדעל אין כסלו? וואָס פאַר א פּאָעזיע, וואָס פאַר א פּסיכאָלאָגישען אָדער עטישען אָדער עסטעטישען ווערטה קענען פאַר אונז האָבען אַזוינע שורות:

איך לעג אין בעט זיך, דער שלאָף זאָל וויגען.
איך וואַרף זיך, דרעה זיך ווי א שלאַנג:
איך קען ניט שלאָפען, איך קען ניט ליגען,
די נאַכט איז לאַנג, די נאַכט איז לאַנג.

וואָס וואָלט די מענשהייט אָנגעוואָרען, ווען זי וואָלט ניט געוואוסט, אַז מאַני לייב ליגט אין בעט און קען ניט שלאָפען?

אימיצער וועט זאָגען: וואָס זשע, ס׳איז קיינעמס שולד ניט; מאַני לייב איז אַזאַ, און מען קען פון איהם ניט פערלאַנגען, ער זאָל זיין אַנדערש. ער איז געטריי צו זיך אַליין, ער איז אויפריכטיג — און דערמיט האָט ער ערפילט יין שליחות אַלס דיכטער.

דערויף וועלען מיר ענטפערען, אַז אויב מאַני לייב זאָל שוין האָבען פערענדיגט דעם ציקל פון זיין דיכטערישער ענטוויקלונג; אויב ער זאָל כאָטש האָבען דערגרייכט די העכסטע און רייפסטע מדרגה פון זיין דיכטערישען שאַפען, — וואָלט ניט געווען וואָס צו ריידען. מאַני לייב איז אָבער א יונגער מאַן, ער איז ערשט אַלט דריי און דרייסיג יאָהר; ער איז נאָך ניט קיין אויסגעקריסטאַליזירטער דיכטער, ער איז ביז א געוויסען גראַד נאָך אַן אָנפאַנגער. וועגען אַזאַ דיכטער קען מען בשום אופן ניט זאָגען, אַז „אַזוי איז

ער, אָדער נעהמט איהם, אָדער פערוואָרפט איהם". צו אזא דיכ־טער מעגען און דאַרפען מיר קומען מיט א וואָרט פון וואַרנונג.

ס'וואָלט ניט כדאי געווען צו ריידען, ווען מאני לייב וואָלט ניט געהאַט דעם שטאָף, פון וועלכען גרויסע דיכטער ווערען גע־שאַפען. מאני לייב איז אָבער געבענשט פון גאָט מיט אַן אונגעוועהנליכען פּאָעטישען אינסטרומענט — און ער דאַרף גע־דענקען די גרויסע דיכטערישע פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ליגט אויף איהם. מאני לייב האָט זיך גענומען אי צו ערנסט — אי ניט גענוג ערנסט. ער האָט זיך פערלאָזט אויף זיך, אַז אַלצדינג וואָס ער דענקט און פיהלט איז פון גרויסער בעדייטונג — און דעריין האָט ער איבערגעשעצט זיין פערמעגען. ער האָט דער־ביי ניט גענוג אין זינען געהאַט די אחריות, וואָס ליגט אויף איהם אַלס א מענש מיט א גרויסען פּאָטענציאַלען טאַלאַנט — און דע־ריין איז ער ניט געווען געזעבט צו זיך אַליין.

דאָס ברענגט אונז צום צווייטען פּונקט — צו דער פראַגע וועגען א „שולע".

ס'געהט ארום א „טהעאָריע" צווישען אונזערע „יונגע", אַז מען טאָר ניט שרייבען קיין לידער וועגען די גרויסע און אייביגע ווערטהען אין מענשליכען לעבען. דאָס איז, זאָגען זיי, „באָמבאַסטיק", „פּראָלעטאַריש-נאַציאָנאַלע טראַדיציעס". „דער היינטיגער דור, — זאָגען זיי, — איז צו פערזענליך, ער וועל לייענען וועגען זיך אַליין". ס'איז וויכטיגער, — זאָגען זיי — צו שרייבען וועגען געניצען, ווי וועגען געטער און מלאכים, ווע־גען פאָהרען אויפ'ן „על", ווי וועגען פליהען פון א מלאך, ווייל דאָס לעצטע איז א ליגען פאַר'ן היינטיגען מענשען. דאָס ערשטע איז א שטיק לעבען. און דער מענש, וואָס לעבט און פיהלט מיט זיינע אייגענע חושים, גיט איבער זיינע איינדרוקען אמת'דיג, אַזוי געטריי ווי ער האָט זיי בעקומען". די דאָזיגע שולע פערשטעהט ניט, אַז איהר „שטיק לעבען" קען זיין לאַנגווייליג און פשוט אונאינטערע־סאַנט, אַז דאָס וואָס דער מענש „לעבט און פיהלט מיט זיינע איי־גענע חושים" קען האָבען א ווערטה פון גאָרנישט.

מאני לייב איז אַרונטערגעפאַלען אונטער דער ווירקונג פון

אַט דער „שולע" — און דאָס האָט האָט געשאַרפט זיין אָריגינעלען אינטע־רעסאַנטען טאַלאַנט. דאָס האָט געמאַכט זיין ליריק וואַכעדיג, מאָ־נאַטאָן, ביי איהר אָוועקגערויבט דעם שוואונג. דאָרט, וואו ער האָט זיך — בעוואוסט אָדער אומבעוואוסט — בעפרייט פון דער דאָגמע, ווי אין זיינע „באַלאַדען" און „אידישע און סלאַווישע מאָ־טיווען" איז דאָס גאָר אַן אַנדערער מאני לייב.

III.

מאני לייב האָט, בלי ספק, זיין אייגענעם טאָן, זיין אייגע־נעם ריטם און זיין אייגענע שפּראַך. זעהר זעלטען פיהלט זיך ביי איהם דער איינפלוס פון אַנדערע אידישער דיכטער, הגם אין גאַנ־צען פריי פון אַזוינע איינפלוסען איז ער ניט. אָט איז א ביי־שפּיעל:

ניט אין דעם גראָהען שטויב פון דיינע קלוגע ספרים,
און ניט אין דיינע הייליגע און שעהנע קברים,
נאָר אין דיין גרויסען גורל'ס האַרטען אַנגעזיכט
האָב איך דערזעהן דיין ליכט.

און אין מיין מאַמע'ס אַלטע ליידענדיגע אויגען,
ווען זי האָלט, בענשענדיג, די דאַרע הענד פאַרבויגען,
פאַר איהרע ליכט פון שבת אויף מיין קינד'ס געזיכט,
האָב איך דערזעהן דיין ליכט.

דאָס דערמאָנט אָן דוד איינהאָרן. מאני לייב זינגט אַמאָל, ניט וויסענדיג, אין איין טאָן מיט רייזען'ען, און נאָך אָפטער מיט יוסף ראָלניק. אָבער אין אַלגעמיין בלייבט ער אינדיווידועל — מיט זיין אייגענער אַטמאָספערע, זיין אייגענטימליכער פאַרב און מיט דעם ע ט װ א ס. וואָס מען קען עס נאָר פיהלען, אָבער מען קען עס ניט אויסדריקען אין ווערטער.

אין זיינע לירישע ליעדער איז מאני לייב אַפּט מאַנאַטאַן. אָבער אויך דאָ איז ער אייגענאַרטיג. די ליריק אַז אַן עבטע. די מאַטיוועו מאַכען דעם איינדרוק פון פּערזענליכע איבערלעבונגען — אָפטמאָל אפילו צ ו פּערזענליך, וואָס דאָס לאָזט דערבליקען. אַזוי צו זאָגען, דעם דנאָ, דעם באָדען פון אַ ווערק. די אויסדרוקס־קראַפט און צייטענווייז זעהר געלונגען. ס'איז דאָ אַ ווייכע מילד־קייט, אַ שטילע, צערטליכע, אין פיין געלייטערטע זינגענדיגקייט אין זיינע לאַנגזאַמע לירישע שורות.

אין צווייטען צימער קלינגט דער טעלעפאָן.
און עפּעס רוישען זיי און לאַכען (איצטער בליהט
דער אָבענד אין מיין הייסען בלוט ווי רויטער מאָן)
און עפּעס ריידען זיי, און צינדען פייער אָן,
און מיך דערמאָנען זיי גאָר ניט.

„איצטער בליהט דער אָוונד אין מיין הייסען בלוט ווי רוי־טער מאָן"... ס'אַרא פּראַכטפאָלע שורה! עס ווילט זיך זי ניט אַראָפּלאָזען פון די ליפען. עס איז ווי שטאַרקער, רויטער, געדיכ־טער, אַלטער וויין, געטרונקען פון אַ קליינעם קרישטאָלענעם בע־כער. דער אַראָמאַט שוועבט לאַנג אויף די ליפּען...

אָט איז אַ בעשרייבונג פון אַ בין־השמשות אין ניו יאָרק:

...עפּעס אַ מחנה צושטרייטע מכשפות
האָט כשופ'דיג לאַנגזאַם אין פינסטערע פענסטער
פון ריעזיגע שטיינערנע טורעמס־געשפּענסטער
געצונדען בריליאַנטענע שריפות.
געצונדען פער'חלומ'טע שריפות.

יעדעס וואָרט איז פול מיט דעם מיסטישען טרויער פון אַ גרויסער שטאָדט צווישען טאָג און נאַכט. יעדע שורה מאָלט אַ גייסטיג בילד, וואָס איז מעהר ווערט איידער בענדער „געלונ־גענע" באַשרייבונגען.

געצונדען בריליאַנטענע שריפות,
געצונדען פער'חלומ'טע שריפות...

אזוי קען נאר ריידען איינער, וואס גאט האט אנגעריהרט זיין הארץ מיט דעם שרביט הזהב פון אמת'ער דיכטונג.

די באשרייבונגען פון ניו יארק זיינען אפשר די ארגינעלסטע צווישען זיינע לירישע ווערק. אויב דער מענש, וואס קלאגט זיך אויף זיין איינזאמקייט, ווערט אונז באלד באקאנט און מיר ערווארטען פון איהם שוין קיין נייעס ניט, דערפאר די שטאדט, די אומגעבונג ערשיינט פאר אונז אין אלע מאל נייע ענטפלעקונגען.

מויערען, שטיינערנע, פינסטערע, הויכע,
קריכען אין פינסטערן הימעל אריין.
אבענד און נעבעל, עלעקטרישער שיין,
אויגען געצונדענע, גרויסע און בלייכע.

אויבען די באהנען און אונטען טראמוואיען,
אויטאמאבילען און פרויען און פערד
מישען זיך אוים אויף דער שטיינערנער ערד,
מישען זיך, רודערען, פינקלען און שרייען.

איצטער וואך אויף פון דיין טאגיגען דרימעל,
זינדיגער, בלינדער און שווארצער פערלאנג,
און ווי א פליגעלדיג־פלאמיגע שלאנג
רייס זיך אריבער דער שטאדט ביז'ן הימעל.

אט איז א לילד פון דער נאכט — אפשר איינס פון די פאלקאמענסטע ביי מאני לייב'ן:

זי וועט ארומגעהן בלינדערהייט,
מיט בלינדע פינגער טאפענדיג,
אין גאסען אויסגעלאשענע,
מיט בלינדע פינגער קלאפענדיג
אין פענסטער צוגעשלאסענע.
זי וועט זיך זעצען ביי א פלויט,
די שווארצע האהר צושויבערן,
אויף אימיצען צו לויערן,
און אימיצען פארצויבערן,
און אימיצען בעדויערן.

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס צווישען אַט די מיסטעריעס פון דער וואונדער־שטאָדט, די בריליאַנטענע שריפות, דער תהום־נאַכט און די אונענדליכע וויברירונגען פון גייסט און געמיט, וואָס מוזען אויפּציטערען אַ לעבעדיגען מענשען אין אַזאַ וועלט, געהט זיך ארום אַ מיעד מענשעל און חזר'ט איבער אויף זיין קאַטערינקע דעם זעלביגען סטערעאָטיפּען נגון:

דער טאָג פערגעהט, דער טאָג פערגעהט, ער מוז פערגעהן.
און אויב דיר ווילט זיך וויינען, וויינען, וויינען,—וויין!
דער טאָג פערגעהט.

פאַרמאַכט איהר אָבער די לירישע ליעדער און נעהמט זיך צו די איבעריגע — פיהלט איהר ווי מאַני ליב רייסט זיך ארוים פון אַ תפיסה און ווערט אַן אנדער מענש. דער רוקען גלייכט זיך ביי איהם אויס. די אַנגעכמורעטע ברעמען ווערען גלאַט. די אויסגעמוטשעטע געצוואונגענע גרימאַסע ארום די ליפּען פער־שווינדט. אין די אויגען באַווייזט זיך אַ שעלמישער, קונדס'עווא־טער גלאַנץ. און ס'איז שוין גאָר אַן אנדער נפש! אַ פּייף, אַ קנאַק מיט די פינגער, אַ וואָרף מיט'ן קאָפּ — חי געלעבט!

שנייעלע ווייסער וועט שיטען און שיטען...
שפּאַן, בעל־עגלה, דיין פערדעל און שליטען!
איך וועל דיר געלט און אויף בראַנפען נאָך געבען,
היינטיגע נאַכט וויל איך פרעהליכער לעבען!

איך וועל די רימענע לייצעס אַ נעהם טהאָן
און מיט'ן שליטען דעם שניי אַזאַ קעם טהאָן,
אַזש ווי אַ שד זאָל דאָס פערדעל אַ ציה טהאָן.
גלעקעלאַך גלין, דין... מיר וועלען אַ פליה טהאָן.

פונקען און שניי־שטויב אין פּנים זאָל שלאָגען.
וואו בלייבען שטעהן וועט מיין האַרץ אונז שוין זאָגען.

אוף! ווי דאָס טראָגט זיך! ווי דאָס זינגט! ווי דאָס לעבט! „איך וועל די רימענע לייצעס אַ נעהם טהאָן און מיט'ן שליטען דעם שניי אזא קעם טהאָן" — איהר פיהלט, ווי די אייזערנע שטאַנגען שניידען, „קעמען" דעם קנאַקענדיגען, פונקעלדיגען שניי. אַ ווילדע שמחה כאַפּט אייך ארום. די ברוסט ווערט ברייטער. די אויגען שיינען. די נאָז־פליגלען ציהען אריין די ווייסע קאַלטע אראָמאַטיש־ריינע לופט. ס'אַרא רחבות!

דאָס איז מאני לייב אין זיינע באַלאַדען און אין די אידישע און סלאַווישע מאָטיוען. דאָ ווייזט זיך ביי איהם ארויס אַ לעבעדיגע איינבילדונגס־קראַפט, אַ פעהיגקייט צו פאַלען אויף אַלע מאָל נייע המצאות, אַן אויסערגעוועהנליכע ווייכקייט און געשמיידיגקייט פון פערז, אַ ליעבע פרימיטיוויטעט אין די בילדער, אַ רייכע מוזיק. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט דער עיקר. דער עיקר איז — דאָס געפיהל פון שטורמישער באַוועגונג, פון ריטמישען פאַרוועדטס־יאָגען. קיינער ביז מאני לייב'ן האָט דאָס ביי אונז ניט פאַרמאָגט אין אזא מאָס, און דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע אין זיין שאַפען. איבערהויפּט ווייזט ער זיך דאָ ארויס דער גרויסער מייסטער פון אידיש — דער מאן וואָס די שפראַך איז ווי דער בעסטער פּלאַסטישער מאַטעריאַל אונטער זיינע פינגער. ער קען זיך פארגינען דעם גרעסטען לוקסוס — איהם איז אַלצדינג גרינג, שפּיעלענדיג, כמעט אַ שפּאַס.

הערט ווי ער באַשרייבט אין אַ פאָלקס־טאָן דאָס שניידען און דרעשען פון תבואה:

קומען שניטער מיט די מעסער,
איינס פון צווייטען שארפער, גרעסער,
שניידען שניטער, שניידען, זינגען,
אזש די שארפע מעסערס קלינגען.

נעהמען פולע פוהרען פאָהרען
פוהרען פאָהרען, פיהרען קאָרען
דורך די בערג און דורך די טהאָלען
אין די מיהלען אויסצומאָהלען:

הויבען אַן די ווינטען וועהען,
און די מיהלען פליגלען דרעהען,
מאַהלען מיהלען, מאַהלען שנעל
פון דעם קאָרען ווייסען מעהל.

דאָס איז דאָך אַזאַ מין פערז־געקלאַנג, וואָס קיין איינציגער פון אונזערע פּאָעטען איז ניט בכח נאָכצומאַכען. דאָס האָט ניט קיין אינטימיטעט, קיין טיעפע פּראָבלעמען, קיין „נשמה" — דאָס ל ע ב ט אָבער און לאַכט און זינגט! וואָס־זשע: זאָל איך דאָס ניט אַנערקענען, ווייל ס'איז אין דעם ניטאָ קיין „גרונד פון דער וועלט?" ווער ווייסט? אפשר קען מען אַ ז ו י דערפיהלען די „נשמת היצירה", דעם סוד פון אַלע סודות אַ סך בעסער, איי־דער דורך „וויינען, וויינען שטיל מיט שטומע בלייכע אויגען".

דער צווייטער און דער דריטער באַנד זיינען אויסגעהאַלטען מעהר אָדער ווייניגער אין פאָלקס־טאָן. די באַלאַדען (צווייטער באַנד) זיינען אָריגינעלע שעפּפונגען, אָבוואָהל אויך דאַ האָט זיך מאַני לייב אָפט געהאַלטען אַן דעם טאָן און דעם אינהאַלט פון דער אידישער לעגענדע. אין די אידישע און סלאַווישע מאָטיוון (דריטער באַנד) זאָגט דער פערפאַסער אַליין, אַז דאָס זיינען אי־מיטאַציעס. אָבער דער אמת איז, אַז פיעלע זיינען שעהנער פון'ם אָריגינאַל. און אין פיעלע איז נאָר דער מאָטיוו אַנגעווענדעט דורך פרעמדע, בשעת די ווערק זיינען באמת מאַני לייב'ס אייגענס. די פאָרם און דער ריטם זיינען אומעטום אַזוי שעהן, אַזוי פאָלקאָס, אַז ס'ווילט זיך זיי אוים'חזר'ן אויף אויסווענדיג.

אָט איז אַ פּאָאַר שורות פון אַ ליעבעס־ליעד (מסתמא אַן אוקראַאינישער מאָטיוו). הערט זיך איין אין דער מוזיק און אין דער איינפאַכהייט פון'ם גאַנצען! עס דאַכט זיך: אומעטיגע מיידעלשע שטימען זינגען שטיל אין דעם קאַרשען־גאָרטען סוף זומער, ווען די ווייסע שפּינ־וועבס־פעדימער ציהען זיך איבער'ן לאַנד און די זון שפּרייט איהר מילדע זיי־געזונד־שמייכלען אויף נעצען פון גאָלד.

פאר'ן פענסטער רוישט אַ ווערבע
מיט די גרינע צווייגען.
זאָל איך וויסען, זאָל איך טראכטען,
אז דו וועסט מיר לייגען!

דו האָסט דאָך מיר שטאַרק געשוואָרען,
אז דו וועסט מיך נעהמען
פאר די שעהנע אויגען מיינע
און פאר מיינע ברעמען.

דו האָסט צוגעזאָגט: די ווערבע
וועסטו לאָזען זעגען
און אַ קליינטשיק שטיבעל בויען
נאָר פון אונזערט וועגען.

און מיר וועלען ווי די טויבען
שטענדיג זיין אינאיינעם,
זיין אַ טרייסט פאר טאטע מאמע
און אַ פרייד פאר שכנים.

* *
*

און דאָך... ס'געהט אוועק אַ שטיקעל צייט — און איהר ווערט זאט פון אַט די קלינגענדיגע לידער, און איהר הויבט אָן בענקען נאָך עטוואָס ע ר נ ס ט ע ס, וואָס זאָל זיין מ ע ה ר ווי „קונסט־געווערבע". אַ גליק, וואָס אין צווייטען באנד איז דאָ דאָס ליעד „עוועניו בי" — אַ נאכט־בילד פון ניו יאָרק. דאָ רוהט איהר זיך אָפּ. דאָ האָט דער דיכטער פעראייניגט זיין פּראַכטפולע פאָרם מיט אַ טיעפען איינגעהאלטענעם בענקען, מיט אַ אונטער־דריקטען שוידער און אַ שוידערליכען יראת הכבוד פאר דער אפּאָ־קאליפּטישער חיה ניו יארק, מיט אַ ניט אויסגעשפּראכענער ליעבע צו די מענשען, וואָס לעבען ווי אין אַ פיעבערהאפטען חלום אויף דער עוועניו בי. דאָס ליעד איז ווי אַ תפלה צו עפּעס אַ מורא־

דיגען גאָט, אַבוואָהל דער דיכטער האָט קיין איינציגען מאָל דאָס וואָרט תפלה ניט דערמאָנט.

איך האָב געוואָלט ציטירען אַ פּאָר שורות פון דעם ליעד. איך האָב אָבער געזעהן אז דאָס איז אונמעגליך. איהר קענט ניט ארויסנעהמען א טהייל, איהר זאָלט ניט צושטערען דאָס גאנצע. מען מוז דאָס לייענען און לייענען — און דערפיהלען די קראפט. עס איז קיין ספק ניט, אז „עוועניו בי" איז דאָס רייפסטע און רייכסטע, וואָס מאני לייב האָט בעשאפען. ס'איז אויך ליריק — אָבער גאָר פון אן אנדער שטייגער.

דאכט זיך — אויף אָט דעם וועג קען דער דיכטער אם בעסטען ארויסווייזען זיינע שעפּפערישע כוחות.

(1918).

ראבינדראַנאַטה טאַגאָר

ראבינדראנאטה טאגאָר.

(דער גרויסער אינדישער דיכטער).

איהר וואנדערט ארום אין אַ ריעזיגער שטאָדט. הויכע שטיינערנע הייזער קוקען אויף אייך מיט קאַלטע גלייכגילטיגע אויגען. מענשען איילען פארביי און זעהן אייך ניט. מענשען איילען, ווי געטריבען פון אַ ווילדער משוגעת. די שטאָדט רוישט. די שטאָדט איז אומרוהיג. די שטאָדט איז זשעדנע, הונגעריג נאָך רייכטהום, הונגעריג נאָך פערגעניגען, הונגעריג נאָך מאַכט, הונגעריג נאָך נייעס. די מענשען שטרענגען אָן זייערע לעצטע קרעפטען אין פערביסענער, אייגנגע'עקשן'טער, אומדערבאַרעמדיגער מלחמה. לייַדענשאַפטען זיעדען. די שטאָדט וואָרפט זיך, וויברירט פון דעם העכסטען אייזען־שטאַנג אויפ'ן שפּיץ טהורעם ביז דעם לעצטען שטיין אויפ'ן ברוק אין אַ פערוואָרפענער גאַס. די שטאָדט ציטערט און קלאַפּט מיט די ציינען און קראַצט מיט די נעגעל און שרייט, שרייט, שרייט...

און איהר קומט אַהיים, און עפענט אַ קליין ביכעל מיט קורצע שורות — און אַ שטימע, — אַזוי ריין, ווי די אויגען פון אַ קינד, אַזוי זיס, ווי דער חלום פון אַ בלום אויף איהר צאַרטען שטיינגעל אין אַ טהוי־בעשפּריצטען גאַרטען, אַזוי טיעף, ווי דער קוש פון טויט אויף די בלאַסע ליפּען פון אַ יונג מיידעל, — פערטראָגט זיך צו אייך פון ערגעץ ווייט. די שטימע איז מילד און פעסט, זאַנפט און זיכער: פרייד פערעלט זיך אין איהרע טענער און אָטעמט וויקעלט זי ארום מיט אַ דורכזיכטיגען שלייער. און זי

וויעגט זיך אויף שטילע לאַנגזאַמע בענקענדע וועלען, און זי קומט צו אייך, און נעהמט אַן אייער האַרץ ווי מיט אַ פריינדליכער האַנד, און זי רוקט פאַנאַנדער די גרעניעצען פון אייער נשמה — און זי איז שוין מיט אייך, אין אייך, אַ טהייל פון אייך. די שטימע זינגט, די שטימע רעדט, די שטימע וועקט זעהונגען. און אוים — ניטאָ די שטאָדט, ניטאָ שוין דער ליאַרם, ניטאָ די גיע־ריגע מענגע, און דער שווערער טומאַן, וואָס האָט געפּרעסט אויף אייער מוח און געשיקט דינע רויך־פּעדימער צו יעדען צענטער פון אייער מאַרך, איז זיך פאַנאַנדערגעשוואומען און ניט געבליבען.

אַ נייע וועלט שטעהט אָפען פאַר אייך. נייע, לויטערע הימ־לען נויגען זיך פון דער הויך. גרויסע בלומען מיט גאָלדענע טרעהד־רען אויף זייערע פרישע פּנים'ער שטעהען און וואַרטען אויף אַ סוד. די ערד איז אַזוי גריז, ווי אין דעם טאָג, וואָס זי איז אַרוים פון די הענד פון איהר בעשעפער. בוימער ציהען זיך פון ביידע זייטען אין אַנ'אונענדליכע אַלעע, גלייך אַהין, וואו עס ענדיגט זיך אַלעס און הויבט זיך אָן אַלעס. און אינמיטען דער וועלט שטעהט אַ מענש אין ווייסע קליידער, מיט הענד אויפגעהויבען צום הימעל, און איז מתפלל:

„דו האָסט מיך געמאַכט ענדלאָז, אַזוי איז דיין ווילען.
אָט דעם צאַרטען בעכער האָסטו אויסגעלעדיגט ווידער און ווידער, און פילסט איהם אַלץ אָן מיט פרישען לעבען.

אָט דאָס קליינע פייפעלע האָסטו געטראָגען מיט זיך איבער בערג און טהאַלען און האָסט געאָטעמט דורך איהם מעלאָדיען, נייע פון אייביגקייט צו אייביגקייט.

מיין קלייניקע האַרץ ווערט אַן אַלע גרענעצען דורך דעם אונשטערבליכען ריהר פון דיין האַנד, און שטימען ווערען אין איהם געבוירען, וואָס געפינען ניט קיין אויסדרוק.

מיט אָט די שוואַכע הענד מיינע מוז איך אויפנעהמען דיינע אונענדליכע מתנות. דורות פערגעהן, און דער שטראָם גיסט זיך און גיסט זיך, און ס'איז אַלץ נאָך דאָ פּלאַץ."

דער מאַן אין די ווייסע קליידער שטעהט אַ ווײַלע פערזונקען ווי אין וואונדער, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט אין עפּעס אַ

זיסע̈ן נס. וואָס וועקט זיך צווישען איהם, דער ערד, די בוימער, דעם גראָז. דאָן קוקט ער אַן זיינע אייגענע הענד, זיינע באָרפיסע פיס, זיין שלאַנקען חנ'ודיגען קערפּער, און זיפצט ארויס אין אַ שטילען עקסטאַז:

„פליק די קליינע בלום און נעהם זי, לעג ניט אָב, ווארום טאָמער פאַלט זי אַראָב און בלייבט ליגען אין שטויב.

זי מעג ניט געפינען קיין אָרט אין דיין בלומען־קראַנץ, אָבער עהר זי מיט אַ בעריהרונג פון וועהטאָג דורך דיין האַנד און רייס זי אָב. ווארום טאָמער וועט דער טאָג פערגעהן איידער איך קוק זיך אום, און די צייט פון אָפּפערונג איז פאַרביי.

איך וויים, איהר פאַרב איז ניט טיעף און איהר ריח שוואַך. אָבער נוץ די בלום אין דיין גאָטעס־דיענסט, און פליק זי כל זמן ס'איז נאָך צייט."

דער מאַן אין די ווייסע קליידער לעגט זיך אַוועק אויפ'ן גראָז. ס'איז שוין פאַרנאַכט. דער הימעל איז אָבגעפאַרבט אין אַ סימ־פאָניע פון קאָלירען. די גרעזער ציהען זיך גלייך ארויף, ווי זיי וואָלטען געשיקט גרוסען צו דער אונענדליכער הויכקייט. פון ערגעץ ווייט הערען זיך מענשליכע שטימען פול מיט רוה און פריע־דען. די בוימער האָבען נידעריגער אַראָבגעלאָזט זייערע פייכטע צווייגען.

דער מאַן דריקט זיך צו דער ערד און רעדט אין דער שטיל, און זיינע ווערטער צוגיסען זיך ווי אַ דופּטענדער שטראָם ארום און ארום:

„דער זעלביגער שטראָם פון לעבען, וואָס רינט דורך מיינע אָדערן בייטאָג און ביינאַכט, רינט דורך דער וועלט און טאַנצט אין ריטמישער גלייכהייט.

דאָס איז דאָס לעבען, וואָס שיסט ארויס אין פרייד דורך דעם שטויב פון דער ערד אין אונצעהליגע גראָזען, און ברעכט ארויס אין טומעלדיגע חוואַליעס פון בלעטער און בלומען.

דאס איז דאס לעבן, וואס שיסט ארוים אין ים־וויעגעל פון געבורט און טויט, פון ווערן און פערגעהן.

איך פיהל מיינע אברים ווערן הייליג דורך דער בעריהר־רונג מיט אט דער וועלט פון לעבן, און מיין שטאלץ איז פון דעם לעבענספולס פון דורות, וואס טאנצט אט איצט אין מיין בלוט.״

ווער איז דער מאן? איז ער א הייליגער? א נביא? א געטליכער נאר? לעבט ער איצט — אדער האט ער געלעבט צוריק מיט טויזענדער יאהרען? וואס איז זיין שפראך? וואס איז זיין לאנד? פון וואנען לאזט ער אונז הערען זיינע געזאנגען?

דער מאן איז ראבינדראנאטה טאגאר.

ווען איך האב צום ערשטען מאל געלייענט א ביכעל פון זיינע ליעדער, האב איך מעהר ניט געוואוסט ווי זיין עקזאטישען נא־מען און דעם נאמען פון זיין לאנד — אינדיען. ווען איך האב זיך פעראינטערעסירט און גענומען לייענען ו ו ע ג ע ן איהם, בין איך געוואהר געווארען, אז ער איז דער בעריהמטסטער פון היינ־טיגע דיכטער וואס שרייבען אויף בענגאליש, אז זיינע ליעדער ווערען געזונגען דורך דעם אינדישען פאלק אין טעגליכען לעבען, אז ער האט בעקומען די גרויסע נאבעל־פרעמיע פאר פאעזיע, אז ער איז געהויכט און געשעצט ניט נאר אין זיין געבורטהס־לאנד, נאר אויך אין ענגלאנד, אמעריקא און אנדערע לענדער. איך בין געוואהר געווארען, אז ער שטאמט פון א פאמיליע מיוחסים, די העכסטע אריסטאקראטיע פון בענגאלי; זיין פאטער דעווענדרא נאטה, איז געווען בעקאנט אונטער׳ן נאמען מאהארשי, וואס דאס הייסט „דער גרויסער חכם״; ער איז געווען א רעליגיעזער רע־פארמאטאר, א לעהרער פון רעליגיעזע פילאזאפיע און איז פער־רעכענט פאר א הייליגען. ראבינדראנאטה טאגאר אליין איז א פאעט, א פילאזאף, א פערפאסער פון קורצע ערצעהלונגען, רא־מאנען, דראמען און עססעיס, א לעהרער פון פילאזאפיע צווישען פיעלע תלמידים און צייטענווייז א פריעסטער. איך בין אויך געוואהר געווארען אייניגע פאקטען וועגען די ענטוויקלונגס־שטו־פען פון זיין טאלאנט.

אבער די אלע פאקטישע ידיעות זיינען מיר געווען אומנוציג. זיי האבען ניט צוגעגעבען קיין איינציגען שטריך צו דעם בילד פון טאגאר'ען. ווען איך וואלט ניט געוואוסט קיין איינציגען פאקט וועגען דעם דיכטער'ס לעבען, וואלט איך דאך געוואוסט אלעס. ווארום ער איז אינגאנצען אין זיינע ליעדער.

מען גיט איבער, אז ער איז באמת א גאט־געבענשטער מענש ער האט א שעהנעם פנים, א שעהנע נשמה. איינער וואס האט איהם געזעהן דערצעהלט וועגען „די אפענע, דעליקאטע, כמעט לופטיגע ליניען פון זיין פנים, וועלכע ענטפלעקען, דאכט זיך, ווע־ניגער די לייבליכע פארמען, איידער די נשמה פון אט דעם אינ־דישען קינסטלער.“ עס איז בעוואוסט, אז ער איז מוזיקאליש, אז ער פערפאסט אליין מעלאדיען צו זיינע ליעדער — און אז פיעלע פון זיינע ליעדער ווערען געזונגען אין טעמפעלס אלס תפילות.

דאס וויים איך איצט. אבער מיר דאכט זיך, אז איך האב דאס געוואוסט פריהער אויך — דורך זיינע ליעדער. א מענש, וואס האט געקענט פערפאסען אט די איידעלע, צארטע, טיעפע גייסטיגע און מיט גייסט אנגעזאפטע, אין שעהנהייט געטראגענע און אין שעהנהייט געבוירענע ליעדער, האט אליין געמוזט זיין שעהן. און א פאעט, וועמעס ווערטער — אפילו ניט אין אריגינאל, נאר אין זיין אייגענער ענגלישער איבערזעצונג — זענען אזוי מעלאדיש, אזוי גראציעז, אזוי ווייך, כמעט ווייבליך, און אין דער זעלבער צייט אזוי פעסט און פול־בלוטיג און פול מיט לעבען און דורכגעציטערט מיט א מערקווירדיגען ריטם — האט אליין גע־מוזט קענען זינגען. און מיר דאכט זיך, וואס איך זאל שוין ניט הערען וועגען טאגאר'ן, וועט שוין פאר מיר ניט זיין ניי — ווייל איך האב שוין דאס אלעס דורכגעפיהלט און דורכגעלעבט אין זיינע ליעדער.

טאגאר איז א זוהן פון א פרעמד לאנד, א פרעמדער, מאד־נער קולטור, פרעמדע אונפערשטענדליכע געטער. און טאגאר איז אין דער זעלבער צייט אזוי נאהענט צו אונז, צו יעדען איינעם פון אונז, אזוי היימיש, אזוי אייגען, ווי א ברודער, ווי א מאמע, — נייז, ווי מיר אליין זיינען נאהענט צו אונז. ער רעדט צו אונז

מיט אנ'אייביגער שפראך, וועלכע איז געמיינזאם פאר אלע מענ־
שען. אן אינדישען שריפטשטעלער, מאהין טשאנדרא סען, האט
וועגען זיינע לידער געשריבען: „אריינדרינגען אין גייסט פון
אט די לידער הייסט בעקומען א זאנפטער הארץ, ווערען פריעד־
ליכער און פייערליכער אין גייסט, זיין מעהר האפנונגספאל און
לוסטיג און מעהר פעהיג צו געפינען גליק" — און דאס איז אלע
איינס צו דער לעזער איז אנ'אינדיער, א אייראפייער אדער אן
אמעריקאנער.

ווארום ראבינדראנאטה טאגאר איז ניט פערשפארט אין די
גרעניצען פון איין לאנד. ער לעבט אין ד ע ר ו ו ע ל ט.
און די וועלט איז אונענדליך. ער גיסט צונויף זיין הארץ מיט
דעם הארץ פון דער שעפפונג און מיט'ן הארץ פון אלע מענשען —
און אלע ווערען איהם נאהענט. זיין גייסט איז אין זיי, זייער
גייסט איז אין איהם. און אלעם איז איין פאלקאמענע הארמאניע.

בודאה האט געלערענט:

„מיט יעדער זאך אויף דער וועלט, אויבען צו אונטען, נאה־
הענט צו ווייט, זעהבאר אדער אונזעהבאר, זאלסטו לעבען אין
אונבעגרענצטער ליעבע, אהן שום שלעכט געפיהל און אהן א פער־
לאנג צו טויטען. לעבען אין אזא בעוואוסטזיין שטעהענדיג אדער
געהענדיג, זיצענדיג אדער ליגענדיג ביז מען ווערט אנטשלאפען,
הייסט בראהמא ווישארא, אדער, אין אנדערע ווערטער, הייסט
לעבען און בעוועגען זיך און פרעהען זיך אין דעם גייסט פון
בראהמא".

ראבינדראנאטה טאגאר איז א פרומער אנהענגער פון בוד־
דאה'ן. אבער די בודדיסטישע לעהרע איז פאר איהם ניט קיין
אבסטראקטע זאך, נאר עטוואס אזוינס, וואס רעדט צו א י ה ם
פ ע ר ז ע נ ל י ך. בודדאה'ס ווערטער, שרייבט ער אין איינעם
פון זיינע פילאזאפישע עססעים, זיינען געווען פאר איהם „אנגע־
זאפט מיט אינדיווידועלער בעדייטונג". און אט די אינדיווידועלע
פארב פון דער אלגעמיינער רעליגיאן האט ער אריינגעטראגען אין
זיין ליריק.

מיר קענען ניט אונטערשיידען, — שרייבט ער אין זיין בוך
„סאדהאנא", — צווישען „נאטור" און „מענש". דאס איז פונקט

אזוי, ווי צוטיילען די קנאספע און די בלום אין צוויי פערשיע־דענע קאטעגאריעס און זאגען אז זיי שטאמען פון צוויי פער־שיעדענע געגענזעצליכע פרינציפען. דער אינדישער געדאנק האט זיך קיינמאל ניט אבגעזאגט אנצוערקענען די קרובהשאפט צווי־שען מענש און נאטור, די אונאונטערבראכענע בעציהונג צווישען אלעם.

דעריבער איז וועניג, אז א מענש זאל קענען די נאטור אין וויסענשאפטליכע בעגריפען. וויסענשאפט אליין איז ניט גענוג, מען דארף קענען פערשטעהן און אויפפאסען די נאטור מיט'ן גאנצען וועזען, מיט יעדען טראפען חיות וואס ס'איז דא אין א מענשען. נאר אזא אויפפאסונג איז די ריכטיגע. נאר זי קען מאכען א מענשען בעסער. „א מאן, וואס קען ניט די וועלט טיעפער, איידער די וויסענשאפט פיהרט איהם, וועט קיין מאהל ניט פערשטעהן דאס ווען דער מענש מיט א גייסטיגער זעהונגס־קראפט געפינט אין די ערשיינונגען פון דער נאטור. פאר דעם איז דאס וואסער ניט נאר א מיטעל צו וואשען זיינע גליעדער, נאר זי רייניגט אויך זיין הארץ, ווארום זי ריהרט זיין נשמה. די ערד שטיצט ניט נאר זיין קערפער, נאר זי מאכט פרעהליך זיין געמיט, ווארום איהר בעריהרונג איז מעהר איידער א פיזישע בעריהרונג — דאס איז א לעבעדיגעס דא־זיין. ווען א מענש אנערקענט ניט זיין קרובה'־שאפט מיט דער וועלט, לעבט ער אין א תפיסה, ארומגערינגעלט מיט ווענד וואס זיינען איהם פרעמד. ווען א מענש בעגעגענט דעם אייביגען גייסט אין אלע זאכען, איז ער פריי, ווארום דאן ערשט ענטדעקט ער דעם פולען זין פון דער וועלט, אין וועלכער ער איז געבוירען, דאן געפינט ער זיך אליין אין פאלשטענדיגער וואהרהייט, און די הארמאניע צווישען איהם און אלעם איז פאל־קאמען".

די דאזיגע הארמאניע איז פאר טאגאר'ן א ק א נ ק ר ע ט ע א י ב ע ר ל ע ב ו נ ג, און זי גיט דאס דעם בעזונדערען קלאנג צו זיינע ליעדער.

הארמאניע מיט דער נאטור מיינט אין דער זעלביגער צייט הארמאניע מיט גאט, ווארום גאט איז אין דער נאטור און די נאטור איז אין גאט. געזאנגען און תפלות צו גאט זיינען גע־

זאנגען צום קאסמאס, צום אייביג־פליסענדען, ריטמישען טאנץ פון דער שעפפונג; טאגאר׳ס לידער ווערען וועלט־געזאנגען, הימנען צו דער גרויסער קראפט פון לעבען, וואס פולסירט אין אונצעהליגע פארמען.

הארמאניע מיט דער נאטור מיינט אבער — פרייד. אין דער אידישער שפראך איז ניטא אזא שטארקווארט, וואס זאל ענט־שפרעכען די העברעאישע „דיצה", „חדוה", „גילה" און דעם שוואַ־כערען ענגלישען „דזשאי". און גראד אט די שטארקע, טיפע אי־בערפליסענדע פרייד מיינט טאגאר, ווען ער רעדט וועגען פער־אייניגונג מיט דער נאטור:

„ליכט, מיין ליכט, ליכט וואס פילט די וועלט, ליכט וואס קושט דאס אויג, ליכט וואס מאכט זיס דאס הארץ!
א, דאס ליכט טאנצט, מיין פריינד, אין דעם מיטעל־פונקט פון מיין לעבען: דאס ליכט בעריהרט, מיין פריינד, אלע סטרונעס פון מיין ליעבע: דער הימעל עפענט זיך, דער ווינד יאגט ווילד, געלעכטער שפאנט איבער דער ערד.
די ימים פון ליכט. ליליען און זשאסמינען שווימען ארום אויף דעם רוקען פון ברייטע כוואליעס ליכט.
דאס ליכט איז צושאטען אין גאלד אויף יעדען וואלקען, מיין פריינד, און עס שפרייט עדעלשטיינער אהן א שיעור.
פרעהליכקייט טאנצט פון בלאט צו בלאט, מיין פריינד, און שמחה אהן א גבול. דעם הימעל׳ס טייך האט פער־פליצט זיינע ברעגען און דער מבול פון פרייד איז אי־בעראל".

עס דאכט זיך אמאל אויס, אז דאס איז א קינדערשע פרייד. טאגאר איז אפט אזוי איינפאך און אזוי אויפריכטיג און ענט־ציקט, ווי א קינד. אט די קינדערשע נשמה ווייסט אבער פון וועהטאג און פיין אויך. זי ווייסט פון אלעס. ניט מעהר, וועהטאג און פיין זיינען א טהייל פון דער וועלט, דארף מען זיי נעהמען מיט פרייד. וועהטאג און פיין און שמערץ מאכען די פרייד נאך שטארקער, נאך בעצווינגענדער, נאך טיעפער, פרייד איז אין אלעס. פרייד בעשאפט אלעס.

„זאָלען אַלע סטרונעס פון פרייד צוזאַמענקלינגען און מיין לעצטער געזאַנג, — די פרייד וואָס פערפלייצט די וועלט מיט אַ רעבעלישען איבערפלוס פון גראָז; די פרייד וואָס לאָזט אַוועקביידע ברידער, לעבען און טויט, טאַנצען איבער דער ווייטער וועלט; די פרייד וואָס רייסט זיך אריין מיט'ן שטורם, ריטלענדיג און וועקענדיג אַלעס לע־בענדע מיט אַ געלעכטער; די פרייד וואָס זיצט שטיל מיט טרעהרען אויף דעם אָפענעם רויטען לאָטוס פון וועה, און די פרייד וואָס וואַרפט אַוועק אַלץ וואָס זי פערמאָגט אין שטויב, און ווייסט ניט קיין וואָרט".

פרייד מיט גאָט, מיט דער נאַטור און מיט די מענשען מיינט אָבער — ליעבע. „ליעבע איז דער לעצטער זין פון אַלעס, וואָס ארום אונז. דאָס איז ניט נאָר קיין געפיהל; דאָס איז די וואָר־הייט. דאָס איז די פרייד, וואָס איז אין גרונד פון יעדער שעפ־פונג. דאָס איז דאָס ווייסע ליכט פון ריינעם בעוואוסטזיין, וואָס פליסט פון בראהמאה'ן". ליעבע פעראייניגט אַלעס. אין ליעבע הערען אויף אַלע ווידערשפרוכען. „אין ליעבע איז בעוועגונג און רוהע צוזאַמען". "אין ליעבע זיינען געווינס און פערלוסט הארמאָניזירט". ליעבע איז פּערזענליך און אונפּערזענליך אין דער זעלביגער צייט.

אזוי לערנט די בודדהיסטישע תורה. און אויך דאָס איז פאַר טאַגאָר'ן ניט קיין אַבסטראַקטער פּרינציפּ. דאָס איז זיין לעבען, זיין פּערזענליך געפיהל, דאָס קלאַפּען פון זיין הארצען.

אפשר אַ העלפט פון זיינע ליעדער זיינען ליעבעס־געזאַנגען. ליעבע צו דער פרוי איז, פערשטעהט זיך, אַ טהייל פון דער ליעבע, מיט וועלכער גאָט האָט די וועלט בעשאַפען.

זיינע ליעבעס־ליעדער זיינען זיס, ווי פרישער טרויבען־זאַפט אונטער אַ גליהענדער זון, און זיינען שטאַרק, ווי סם, וואָס גנב'עט זיך פאַמעליך אריין אין בלוט. זיי זיינען שמעקענדיג, ווי ווילדע בלומען ערגעץ אויף אַ שטיקעל פעלד אין מיטען וואַלד, און זיינען אזוי לעבעדיג און נאַאיוו און מענשליך, ווי די יוגענד. אָבער די ליעבע איז ביי איהם ניט איזאָלירט פון אַלעס. זי איז איינגעוועבט,

צונויפגעשמאָלצען מיט דער גאַנצער וועלט. זי איז האַרמאָניזירט. דעריבער איז די ליידענשאַפט נאַטירליך. דעריבער איז אַלעם שעהן און וויכטיג.

„איך לויף ווי אַ מוסקוס־הירש אינ'ם שאָטען פונ'ם וואַלד, ווילד פון זיין אייגענעם אַראָמאַט.

די נאַכט איז אַ נאַכט פון מיטען מאַי, און דאָס ווינטעל איז אַ ווינטעל פון דרום. איך פערליער מיין וועג און איך וואַנדער, איך זוך וואָס איך קען ניט געפינען, איך געפין וואָס איך האָב ניט געזוכט.

פון מיין האַרץ קומט אַרויס און טאַנצט דאָס בילד פון מיין אייגענעם פערלאַנג.

די גליהענדע זעהונג שווימט צו.

איך וויל זי האַלטען פעסט, זי אַנטלויפט און נאַרט מיך אָוועק.

איך זוך וואָס איך קען ניט געפינען, איך געפין וואָס איך האָב ניט געזוכט".

„ליעבע, איינפאַך ווי אַ ליעדעל" — זאָגט טאַגאָר אין איין פּלאַץ. און עס איז טאַקי דאָ ביי איהם צייטענווייז אַזאַ איינפאַכע, פרישע, זעלבסטבעוואוסטע, יונגענד־שטראַהלענדע ליעבע, אַז עס איז פערשטענדליך, פאַרוואָס זיין פאָלק זינגט די ליעדער אין פעלד ביי דער אַרבייט, אין גאָרטען, ביים טייך, אויפ'ן מאַרק. ווי זאָל מען ניט אויסלערנען אויף אויסווענינ אַזאַ געזאַנג?

„הייליגער פאָטער, פערגעב אונז צוויי זינדער. פריהלינגס־ווינדען בלאָזען היינט אין ווילדע ווירבעלס. פּעריאָגענדיג שטויב און טויטע בלעטער, און געגען זיי איז דיין מוסר אומזיסט.

זאָג ניט פאָטער, אַז לעבען איז הבל הבלים.

ווארום מיר האָבען שלום געמאַכט מיט'ן טויט אויף אַ ווייל און עטליכע אַראָמאַטישע שטונדען זיינען מיר ביידע געוועזן אונשטערבליך.

ווען דעם קעניג'ס חיל זאָל קומען און אָנפאַלען אויף אונז מיט אַ מאַכט, וואָלטען מיר נאָר טרויעריג געשאָקעלט

אונזער קאפ און געזאגט: „ברידער, איהר שטערט אונז. אויב איהר מוזט שוין שפּיעלען אייער ליארמענדע שפּיעל, געהט און קלאפּט מיט'ן געוועהר אנדערשוואו. ווארום נאר אויף עטליכע קורצע מאמענטען זיינען מיר געווארען אונ־שטערבליך.

אפּט איז די ליעבע אויסגעמישט מיט פּיין. ליעבע און די ענד פון ליעבע זיינען אזוי נאהענט. ליעבע און וועה אזוינע לייב־ליבע שוועסטער. ליעבע און טויט — ניט גאר ווייט. אין ליעבע, ווי אין פרייד, קלינגען דעריבער צוזאמען אלע סטרונעס, הערען זיך אלע אקארדען. סוף כל סוף קען ליעבע אויך ניט בעפריעדיגען, ווייל זי קען ניט געבען די אונענדליכקייט — און נאר אין אונ־ענדליכען איז לעבען און ריינקייט. „ליעבסטע, מיין הארץ בענקט ביי טאג און ביי נאכט נאך א בעגעגעניש מיט דיר, נאך א בעגע־געניש, וואס איז ווי דער אל־פערשלינגענדער טויט. רייס מיך אוועק, ווי א שטורעם: נעהם אלצדינג, וואס איך פערמאג; ברעך אויף מיין שלאף און נעהם ארויס פון איהם די חלומות, רויב אוועק פון מיר מיין וועלט. אין דער לעצטער לעדיגקייט, אין דער לעצ־טער נאהנטקייט פון גייסט לאמירביידע ווערען איינס אין שעהנ־קייט".

אבער איז דאס דא, אויף דער וועלט, אונמעגליך. און סוף כל סוף פערשווינדט די ליעבע, זי פערקלינגט, ווי א טאן, זי לעגט צונויף איהרע פליגעל, ווי א שעהנער פויגעל וואס וויל רוהען נאך א פלוג אונטער'ן הימעל.

ליעבע ענדיגט זיך — און דער שמערץ איז זיס. לעבען ענ־דיגט זיך — און ס'איז אויך קיין שרעק ניטא. וואו ס'איז דא לעבען, דארט איז דא טויט. כדי ס'זאל זיין לעבען, מוז זיין טויט. ווער ס'האט ליעב דאס לעבען, דער טאר ניט פיינד האבען דעם טויט. „ווייל איך האב ליעב דאס לעבען, ווייס איך, אז איך וועל ליעב האבען דעם טויט אויך", — זאגט ראבינדראנאטה טאגאר. און סוף כל סוף איז דאך קיין טויט גאר ניטא. מענשען פער־שווינדען, אבער דער אייביגער שטראם פון לעבען פליסט ווייטער און ווייטער. איינצעלנע מענשען געהן נאר אוועק, געזעגנען זיך מיט דער וועלט, ווי וואנדערער, וואס געהען פארביי.

„איך האָב גענומען אַבשייד. זאָגט מיר אַדיע, מיינע ברידער. איך נויג זיך צו אייך אַלע און געה אוועק. אַט האָט איהר די שליסלען פון מיין טיהר, — איך גיב אויף יעדעס רעכט אויף מיין הויז. איך בעט נאָר די לעצטע פריינדליכע ווערטער פון אייך. מיר זיינען געווען שכנים אַ לאַנגע צייט, אַבער איך האָב גענומען מעהר ווי איך האָב געקענט געבען. איצט ווערט טאָג, און דער לאָמפּ, וואָס האָט בעלויכטען מיין פינסטערסטען ווינקעל, געהט אויס. מ'האָט מיך גערופען — און איך בין גרייט אין וועג".

לעבען, קאָסמאָס, נאַטור, שעהנקייט, ליעבע, טויט — דער קרייז איז געענדיגט. איין רינג פעהלט — דאָס קינד. מיר דאַר־פען נאָך דערמאָנען די קינדער־ליעדער פון ראַבינדראַנאַטה טאַגאָר. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז אַ מאַן מיט אַזאַ שטאַרקער ליעבע צו נאַטור און צו שעהנקייט האָט ניט געקענט פאַרבייגעהן די קינדער. אַ גאַנצער בוך פון זיינע ליעדער אין ענגלישער איבער־זעצונג איז געווידמעט די קינדער. דאָס זיינען וואונדערבאַרע ליעדער. אַ איינפאַכקייט און אַ טיעפקייט, וואָס ס'איז נישטאָ זייער גלייבען. אַ פילאָזאָפישע שטימונגס־גאַמע און אַ שטאַרקע, געזונדע, אַפּען־הערציגע ליעבע צו די קליינע, — די „קנאָספען פון לעבען". „אויף דעם ים־ברעג פון ענדלאָזע וועלטען בעגעגענען זיך קינדער. דער ברייטער הימעל אונבעוועגליך איבער די קעפּ, און דער אומרוהיגער ים איז רוישענד. אויף דעם ים־ברעג פון ענדלאָזע וועלטען בעגעגענען זיך קינדער מיט אויסרופען און טענץ". זיי זיינען די טרעגער פון לעבען. זיי זיינען דער טריאומף פון לעבען. זיי זיינען דער העכסטער אויסדרוק פון לעבענ'ס שאַפענדע קרעפ־טען. זיי זיינען דער זיסעסטער סוד פון אַלע סודות.

„דער שלאָף, וואָס שוועבט אויף בייבי'ס אויגען, —
ווייסט ער, פון וואַנען ער קומט? יאָ, ס'איז דאָ אַ קלאַנג,
אַז אין פער'כשופ'טען ווינקעל, צווישען דונקעלע וועלדער,
קוים בעלויכטען מיט'ן שיין פון קלייניגקע גליה־ווערים,
הענגען צוויי שעמעוודיגע קנאָספען פון צויבער. פון דאָרט
קומט דער שלאָף צו קושען בייבי'ס אויגען.

דער שמייכעל, וואס שיינט אויף בייבי'ס ליפען —
ווייסט ווער פון וואנען ער קומט? יא, ס'איז דא א קלאנג,
אז א יונגער בלאסער שטראהל פון דער שטייגענדער לבנה
האט בעריהרט דעם ראנד פון א פערשווינדענדען הערבסט־
וואלקען, און דארט איז צום ערשטען מאל געבוירען געווארען
דער שמייכעל, אינ'ם טרוים פון א טהוי־געוואשענעם מאר־
גען — דער שמייכעל, וואס שיינט אויף בייבי'ס ליפען.

די זיסע ווייכע פרישקייט, וואס בליהט אויף בייבי'ס
גליעדער — ווייסט ווער וואו זי איז געלעגען פערבארגען
אזוי לאנג? יא, ווען די מוטער איז געווען א יונג מיידעל,
איז זי געלעגען אין איהר הארצען און אנגעפילט עס מיט
דעם שטילען סוד פון ליעבע — די זיסע, ווייכע פרישקייט,
וואס האט זיך צובליהט אויף בייבי'ס גליעדער".

און עס איז נאטירליך, אז דער דיכטער איז מקנא די קינדער
פאר זייער קינדערשען וועלט־געפיהל. מיט זיי ריידען שטערען,
צו זיי לאזט זיך אראב דער הימעל און קוקט זיי אין פנים אריין
מיט זיינע אומגעלומפערטע וואלקען. זאכען, וואס זעהען אויס
שטום און טויב, קומען צוקריכען צו זייער פענסטער און ברענגען
זיי קאלירענדיגע שפילכלעך. אין די קינדער'ס געדאנקען מאכט
דער שכל לופט־שלאנגען פון די לאגישע געזעצען און לאזט זיי
פליהען, און דער אמת בעפרייט די פאקטען פון זייערע קייטען.
איז דאך יעדער וואהרער דיכטער — א קינד אין געוויסע
מאמענטען.

* *
*

פאר מיר איז ראבינדראנאטה טאגאר דער אידעאל פון א דיכ־
טער. טיעף — און דאך איינפאך. א מאן מיט הויכע און גרויסע
געדאנקען — און מיט א בעזונדערער ריהרענדער נאהנטקייט
צום לעבען. א הארץ פול מיט די אומרוהיגסטע, געגענזעצליכע
געפיהלען — און אנ'אויסדרוקס־פארם אזוי הארמאניש און חנ־
עווריג און נאטירליך, ווי א ווארימער מארגען־גרוס פון א זינג־
פויגעל.

איך האב מיט מיין אָרימען פּראָזאאיטען אידיש ניט געקענט איבערגעבען אפילו ראבינדראנאטה טאַגאָר'ס ענגלישע איבער־זעצונגען. יענע זענען אויך אין פּראָזע, אבער די פּראָזע איז א זינגענדיגע, א מוזיקאַלישע. יעדעס וואָרט איז אויף זיין פּלאַץ. איין וואָרט קען ניט פערביטען ווערען אויף א צווייטען — און אַלעס צוזאַמען האָט א מערקווירדיגען ריטם, וואָס גיט איבער די שטימונג און דעם גייסט פון דעם אינהאַלט. כדי איבערצוגעבען דאָס אין אידיש וואָלט מען געדאַרפט האָבען א גרויסען מייסטער — און איך וואונדער זיך, פאַרוואָס טהוען דאָס ניט אונזערע אידישע דיכטער.

און דאָך זיינען די ענגלישע איבערזעצונגען — געמאַכט פונ'ם דיכטער אַליין — נאָר א שאָטען פון דעם בענגאַלישען אָריגינאַל. מענשען וואָס קענען בענגאַליש זאָגען, אז אין אָריגינאַל זיינען די לידער וואונדערבאַר אין סטיל, סטרוקטור, ריטם, פיינקייט, דעליקאַטע שאַטירונגען פון שפּראַך.

אבער דאָך, גלויב איך, איז די שפּראַך ניט דער עיקר אין טאַגאָר'ס לידער, אפילו ניט דאָס וויכטיגסטע. דער עיקר איז טאַגאָר אַליין — דער מאַן וואָס האָט אזא מערקווירדיגען געפיהל פון לעבען, דער הייליגער, וואָס האָט געקענט גובר זיין דעם וועה און דעם טויט און בלייבען אומשולדיג ווי א קינד.

ער איז דער וואהרער דיכטער. ער איז פערשיידענאַרטיג. זיינע שטימונגען בייטען זיך אָפט. זיינע אויערען פערנעהמען דעם שטילסטען אָבקלאַנג פון ערגעץ ווייטע פערשווינדענדע טריט. ער האָט אזוי ליעב צו שמועסען מיט'ן וואַנדערער, וואָס געהט פאַרביי. ער האָט אזוי ליעב צו מאָלען די יונגע מיידעל, וואָס האָט געוואָרט אויף איהר גליק און וואַרטענדיג אַנטשלאָפען געוואָרען און ניט בעמערקט, ווי דאָס גליק איז פאַרבייגעגאַנגען און אַוועק.

און ער איז דערביי אזוי פרעהליך! אזוי אַנגעזעטיגט מיט פרעהליכקייט, אזוי ענטציקט פון א קלייניגקייט, וואָס איז געוואַלטיג גרויס. אזוי פיעל מיט שפּיעלעריי, מיט פריינדליכען קאַטאָוועס, מיט געלעכטער, מיט שמייכלען.

און ער פיהלט נאָכאַנאַנד די טיעפע אָבגרונדען פון לעבען

אונטער זיך. און אפילו ווען זיין געלעכטער פערעלט זיך און ער פלעכט א קרענצעל בלומען אַנצוטהאָן אויף זיין שטערען און ער הערט דאָס רוישען פון ווינד, וואָס טראָגט אומרוהיגע שאפונגס־קראפט אין זיך, — הערט ער ניט אויף צו פיהלען דעם אטהעם פון אַט די טיעפע, אונענדליכע אַבגרונדען.

און ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז טאַגאָר'ס אַט־מאָספערע, אַט דאָס אונבעשטימטבארע „עטוואָס", וואָס רינגעלט ארום אַלע זיינע ווערק, וואָס געהט מיט זיי, ווי אַ ריח מיט אַ בלום, ווי אַ פאַרב מיט אַ געגענשטאַנד. אַט דאָס איינציג־ארטיגע, אינ־דיווידועלע, טאַגאָרי'שע, וואָס שיינט פון יעדער שורה זיינער און וואָס מאַכט יעדע שורה פאַר אַ פריידע, אַ גליק, אַ גייסטיגען נחת־רוח.

דאָס איז דאָס געניאַלע אין טאַגאָר'ן.

(1916)